STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01606

# OYF ARGENTINER FELDER

Rivkah Rus

*Permanent preservation of this book was made possible*
*in honor of*
*Elana Schipper's 72nd birthday and in memory of Norman Schipper*
*by their children & grandchildren*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה רוס

✶

# אויף אַרגענטינער פעלדער

# רבקה רויס

# אויף ארגענטינער פעלדער

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
1966

**RIVKA RUSS**
**OJF ARGENTINER FELDER**

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

★

רבקה רוס / אויף אַרגענטינער פעלדער
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1966

דפוס „לינו־טור“, תל־אביב

# אינהאַלט

קאַפּיטל איינס
קיין ענטרע ריאָס . . . . . . . . . 7
קאַפּיטל צוויי
זוניקע טעג . . . . . . . . . . 33
קאַפּיטל דריי
אַ חתונה אין קאָלאָניע . . . . . . . . 65
קאַפּיטל פיר
אין רעגנדיקע טעג . . . . . . . . . 90
קאַפּיטל פינף
מען שפּילט טעאַטער . . . . . . . . 123
קאַפּיטל זעקס
מען נעמט אָפּ די קינדער פון שול . . . . . . 152
קאַפּיטל זיבן
איטשע לייב אין בוענאָס איירעס . . . . . . . 167
קאַפּיטל אַכט
אין שליחות פון קרן היסוד . . . . . . . 192
קאַפּיטל ניין
דאַוונט אַ ייד מעריב אין פעלד . . . . . . . 215
קאַפּיטל צען
קיין מאָנטעווידעאָ . . . . . . . . . 240

## קאַפּיטל איינס

# קיין ענטרע ריאָס

פרײלעך האָבן געררוישט די רעדער אונטער ליפּסקערס פיס. ער איז געווען אין אַן אויפגעלייגטער שטימונג, צופרידן, וואָס ער האָט פאַרלאָזט די גרויסע שטאָט, וואָס די באַן טראָגט אים דורך ווייטע שטרעקעס. מיט אינטערעס קוקט ער אַרויס פונעם וואַגאָן־פענצטער און באַטראַכט די פאַרביילויפנדיקע געגנט. פלאַכע פעלדער, שיטער באַבויטע, דאָ און דאָרט אַ ראַנטשעלע, צוזאַמענגעקלאַפּט פון ברעטער און בלעכן אין מיטן פעלד. די מײנסטע פעלדער זענען געווען נישט באַאַרבעטע, אויף דער פאַרהאַרטעוועטער ערד האָבן קי געצופּט די פאַרטריקנטע ווילדע גראָזן. פון מאָל צו מאָל האָט פאַרן וואַגאָן־פענצטער אויפגעטויכט אַ טשערעדע ווייסע שאָף, וועלכע האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך, צוזאַמענגעקוועטשט אין איין מאַסע, געניבשטערט און געגריזשעט דאָס גראָז. שעהען לאַנג האָט געיאָגט די באַן, נישט אָנטרעפנדיק זיך אויף אַ באַוווינטן ישוב.

ליפּסקער האָט זיך געפילט גוט, עפּעס אַ הייטערקייט האָט אים באַ־וועלטיקט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט מיט וועמען צו פאַרפירן אַ שמועס. מיט נייגער באַטראַכט ער זיינע מיטפאָרער. דער דיקער מאַן, אין די ברייטע „גאַוטשאָ“־הויזן, פאַרוויקלט אין אַ פּאָנטשאָ, איז זיכער נישט קיין ייד, אוודאי אויך נישט יענע צוויי טונקעלע יונגע־לייט, אין די שוואַרצע הוטן, מיט די אויסגעבונדענע שוואַרצע טיכלעך אויף די העלדזער אָנשטאָט קראַוואַטן. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן — ליפּסקער איז געווען זיכער, אַז ער איז אַ ייד. אָבער דאָך האָט אים עפּעס אָפּגעהאַלטן זיך צו ווענדן צו אַן אומבאַקאַנטן. ערשט ווען יענער האָט אַרויסגענומען אַ יידישע צייטונג און יידישלעך אָפּגעזיפצט, האָט ליפּסקער אויפגעלעבט:

— אַנטשולדיקט, איז עס אַ היינטיקע צייטונג? וואָס הערט זיך? ווי שטייט עס עפּעס מיטן קריג?

— ביטער, די דייטשן האָבן ווידער אָקופּירט עטלעכע שטעט.

— אַזוי ווי זיי גייען פאָרויס, אַזוי וועלן זיי גיין צוריק — האָט ליפּסקער שטיל אַ זאָג געטאָן.

— הע, יונגער־מאַן, אייך איז גוט צו רעדן — איבערגעשלאָפן די נאַכט און איר לייענט רויק אין דער צייטונג, אַז די נאַכט האָבן די דייטשן פאַרנומען נייע שטחים. אָבער זיי, — קענט איר זיך פאָרשטעלן די אימה פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַז דייטשן קומען אָן?

ליפּסקער איז אַנטשוויגן געוואָרן, דער געשפּענסט פונעם קריג מיט זיין גאַנצן גרויל האָט זיך געלייגט אויף די צוויי יידן. דער עלטערער מאַן האָט צוזאַמענגעלייגט די צייטונג און אַראָפּגענומען די ברילן, קענטיק, ער האָט געוואָלט שמועסן. ליפּסקער האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף דער פאַרביילויפנדיקער געגנט:

— איך קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן מיט די פעלדער. צו מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך בין גאָרנישט אין אַרגענטינע, נאָר ערגעץ אין דער היים אין פּוילן. אייגנטלעך איז עס דאָך די זעלבע וועלט, — זעט, צי פּאַסט זיך נישט פּונקט אַזוי אין פּוילן די בהמות? אָט, אַ סטויגעלע היי, אַ קאַלוזשע וואַסער, פאַרבליבן נאָך אַ רעגן...

דער מאַן האָט אים באַטראַכט, ווי ער רעדט עס מיט באַגייסטערונג פון די פעלדער און געפרעגט:

— זענט איר שוין לאַנג אין לאַנד?

— ניין, ערשט דריי יאָר.

— און וווּ זענט איר געווען די דריי יאָר?

— אין בוענאָס איירעס — האָט ליפּסקער קורץ אָפּגעענטפערט. עס האָט זיך געפילט, אַז ער וויל נישט רעדן וועגן דעם.

דער מאַן האָט אַרויסגענומען די ציגאַרעטן־פּושקע צום פאַררייכערן און זי אויך אָנגעבאָטן זיין שכן.

— ניין, אַ דאַנק, איך רייכער נישט. כ׳האָב אָבער ליב דעם גערוך פון ציגאַרעטן, ווען אַנדערע רייכערן.

דער מאַן האָט געשמייכלט: — דאָס הער איך צום ערשטן מאָל. — ער האָט פאַררייכערט דאָס ציגאַרעטל, און ציענדיק געמיטלעך דעם רויך האָט ער זיך אָנגעשפאַרט אין דעם לעדערנעם אָנלען:

— וווּהין זשע פאָרט איר דאָס? איבער דער פּראָווינץ?

ליפסקער, אַ צופרידענער וואָס ער קען זיך אַ ביסל אויסרעדן, האָט אים דערציילט, אַז ער פאָרט קיין „ענטרע ריאָס", צו זיין אַ לערער אין אַ יידישער קאָלאָניע.

— איר הערט? — האָט ער צוגעגעבן מיט באַגייסטערונג — אין אַ יידישער קאָלאָניע, אויף „איקאָ"־פעלדער, דאָס איז נאָך געווען דער ווונטש פון מיין פאָטער, צו זיין אַן „איקאָ"־קאָלאָניסט, שטענדיק האָט ער געחלומט צו פאָרן קיין אַרגענטינע אויף די „איקאָ"־פעלדער, אָבער ליידער איז זיין חלום נישט מקוים געוואָרן און אָט, זעט איר, מיך, זיין זון, איז גאָר באַשערט צו פאָרן אין אַ יידישער קאָלאָניע.

— אין וועלכער זשע קאָלאָניע פאָרט איר דאָס, יונגער־מאַן?

— אין דער קאָלאָניע סטרע... ביי דער סטאַציע אַלקאַראַז.

— פאָרט איר דאָך טאַקע אין סאַמע האַרץ פון ענטרע ריאָס. אַ קליינ־קייט, די קאָלאָניע סטרע! גיט זיי אָפּ אַ גרוס פון מיר. איך האָב מיט אַ יאָר צוריק ביי זיי געהאַלטן עטלעכע רעפעראַטן. שוין אין מאָל אַ קאָלאָניע! איר וועט פון זיי האָבן קאָלטס און וואַרעמס. זאָגט זיי אַז גאָלדשטיין האָט זיי געלאָזט גריסן.

— זיכער, איך וועל זיי דעם גרוס איבערגעבן. — ליפּסקער האָט זיך געדרייט אויף דער באַנק. עפּעס איז די זון מיט אַ מאָל ווי טונקעלער געוואָרן און די געגנט האָט אָנגעווירן איר חן:

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט ער איבערגע־פרעגט.

— איר פאַרשטייט, יונגער־מאַן, אין קאָלאָניע זענען דאָ מחלוקתן, רייסענישן צווישן די קאָלאָניסטן און די באַאַמטע, און דער לערער דרייט זיך אין מיטן, איז ער גוט מיטן אַדמיניסטראַטאָר, ווערן די קאָלאָניסטן ברוגז, האַלט ער מיט די קאָלאָניסטן, ווערט דער אַדמיניסטראַטאָר ברוגז.

— אָבער — האָט ליפּסקער געענטפערט אַן אויפגערעגטער — וואָס

גייט דאָס מיך אָן? איך בין אַ דערפאַרענער לערער, האָב ליב קינדער און די קינדער ווען מיך ליב באַקומען.

— עט! — האָט גאָלדשטיין אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — ווער רעדט פון קינדער? די אַלטע דאַרפט איר געפעלן און נישט די קינדער! סיי ווי טויג נישט, וואָס מער איר וועט זיי זוכן צו געפעלן, ערגער וועט זיין. הערט, אַזוי איז עס, אַ לערער אין קאָלאָניע איז דאָס כפּרה־הינדל.

ליפּסקערס באַגייסטערונג איז פאַרשוווּנדן. ענלעכע רייד האָט ער, וואָס אַן אמת, שוין געהערט פון פריינט אין ב״א, וועלכע האָבן אים געפּרוּווט אָפּצורעדן פון פאָרן אין קאָלאָניע.

גאָלדשטיין האָט, ווייזט אויס, דערשפּירט אַז ער האָט אַ ביסל איבער־געצויגן די מאָס, האָט ער צוגעגעבן אַ ביסל מילדער:

— נעמט עס נישט אַזוי טראַגיש. צוריק געשמועסט, זענען זיי גאַנץ ווילע, האַרציקע יידן און דער אַדמיניסטראַטאָר איז נישט קיין יעקע, ווי עס זענען געוויינלעך די „איקאַ״־אַדמיניסטראַטאָרס, דער איז פון אונדזערע יידן, אַ פאָלקסמענטש, וואָס האָט ליב די יידישע שפּראַך, אים האָט מען טאַקע צו פאַרדאַנקען, וואָס מען ברענגט אַראָפּ אַ לערער אין קאָלאָניע. ווייל, ווי איך איז מסתמא באַקאַנט, האָט די „איקאַ״ אָפּגעשטעלט די סובסידיעס פאַר די שולן און שטיצט זיי נישט מער. אָבער ער העלפט שטילערהייט מיט וויפל און מיט וואָס ער קען, אַבי די שול זאָל עקזיסטירן.

— איז דאָך גוט!

— ס׳וועט זיין גוט, יונגער־מאַן, נישט געזאָרגט! — האָט אים גאָלד־שטיין געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — איר דאַרפט דאָ אין „סאַנטע פע״ אויסשטייגן.

ליפּסקער האָט זיך מיט אים האַרציק געזעגנט און געבעטן: — געדענקט, אויב איר קומט אַ מאָל אין קאָלאָניע, זענט איר מיין גאַסט.

— ס׳פאַרשטייט זיך. הער אַ מעשה, ביי וועמען דען שטייט מען איין, אויב נישט ביים לערער?

ליפּסקער האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט.

ער איז אַראָפּ פון צוג און זיך געאיילט צו נעמען דעם טראַמוויי, וואָס גייט אָפּ צום פּאָרט. טונקעלע, האַלב־אָפּגעריסענע איינגעבוירענע זענען

מיט געפילדער באַפאַלן די פּאָר פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אויסגעשטיגן. ליפּסקער האָט זיך פּלוצעם דערזען אַרומגערינגלט און צענטליקער הענט האָבן זיך צו אים געשטרעקט:

— סעניאָר, אַ טאַקסי?

— סעניאָר, אַ טרעגער?

אַנדערע האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט הויכהיציקע ווענדונגען, נאָר אים געריסן פון דער האַנט דאָס רענצל. ער האָט פעסט צוגעהאַלטן זיין וואַליזע און זיי אָפּגעשטופּט. כדי זיך צו באַפרייען פון דעם געפילדער אַרום אים, האָט ער געגעבן אַ פאַרקערעווע אין דער זייט און, נישט ווילנדיק, זיך אָנגעשטויסן אין אַ מיידל.

— פּאַרדאָן! — האָט ער זיך אַנטשולדיקט.

זי האָט אים אָפּילו נישט באַמערקט און זיך ווייטער געאַמפּערט מיט צוויי שאָפערן, וועלכע האָבן ביידע געהאַלטן אירע וואַליזעס אין די הענט און געשטופּט אין זייערע אויטאָס.

— פּעראָ (אָבער) סעניאָר! — איז זי געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן.

ליפּסקער האָט אַוועקגעשטעלט זיין רענצל. ער האָט געוווּסט, אַז ער מוז באַלד פאָרן צום פּאָרט, אַנדערש קאָן ער פאַרשפּעטיקן דעם פּאַראָם, אָבער פון דעם מיידלס אויסשפּראַך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ גרינע און דערצו נאָך זיכער אַ יידיש מיידל.

— קע פּאַסאַ? (וואָס קומט דאָ פאָר?) — האָט ער שטרענג אַ פרעג געטאָן די שאָפערן.

— סעניאָר — זאָגט דער ערשטער — די סעניאָריטאַ האָט מיר געגעבן די רענצלעך, פאָלגלעך האָט זי ביי מיר געדונגען דעם אויטאָ.

— נאָ, סעניאָר, — שמאָטשקעט דער צווייטער און דרייט מיטן קאָפּ, — מיט מיר האָט די סעניאָריטאַ קודם אונטערגעהאַנדלט.

— זיי האָבן מיר ביידע די רענצלעך געריסן פון די הענט — וויינט שיער נישט דאָס מיידל.

ליפּסקער וואַרפט אויף איר אַ בליק. זי איז נידעריק און מאָגער. אינעם נישט מאָדערנעם מאַנטל און פאַרדרייטן היטעלע, האָט מען באַלד דער־קענט — אַ גרינע נעבעך.

— קע (וואָס), שרייט דער ערשטער שאָפער און וואַרפט מיט די הענט: צוליב איר האָב איך אָנגעווירן אַלע פּאַסאַזשירן! וואַמאָס (קומט)! — האָט ער צו איר געגעבן אַ געשריי און אַריינגעוואָרפן דאָס רענצל פון הינטן אין אויטאָ.

— נאַ, סעניאָראַ! — שטעלט זיך דער צווייטער פאַר איר ברייט אַוועק — איר וועט פאָרן מיט מיר!

ליפּסקער זעט, אַז דאָס איבערעדן וועט נישט נעמען קיין סוף, וואַרפט ער אַריין אויך זיין רענצל אין ערשטן אויטאָ און רופט אויס:

— נאַ, ט'האָסטו נאָך מיין רענצל! נאָר פאָר פאַר מיר, איך זאָל דיך קענען זען.

— סי, סעניאָר, סי, סעניאָר! — האָט דער קריאָזשע זיך געבויגן און געדרייט אין אַלע זייטן און געשמייכלט מיט זיינע ווייסע ציין, וואָס האָבן ווי אויפגעלויכטן פון זיין טונקעלן פּנים.

— איר פאָרט אין ערשטן אויטאָ און איך אין צווייטן — האָט ליפּסקער געזאָגט אויף יידיש צום מיידל.

— און מיינע זאַכן? — האָט זי אָנגעוויזן אויף די איבעריקע פּעקלעך, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט נעבן איר אויף דער ערד.

— וויפל האָט איר פּעקלעך? — האָט ליפּסקער אומגעדולדיק גע־פרעגט.

— איך ווייס נישט, דאַכט זיך פינף, ניין, זעקס, וואַרט נאָר, און דאָס קליינע? — איז זיבן, יאָ, סעניאָר, זיבן פּעקלעך האָב איך.

דאָס ערגסטע פּעקל ביסטו אַליין — קלערט זיך ליפּסקער, — און הייבט אָן אַריינצווואַרפן די פּעקלעך אין אויטאָ.

— וואַמאָס! — גיבן די שאָפערן צופרידענע אַ פאַרקלאַפּ די טירלעך פון די אויטאָס און לאָזן אין גאַנג די מאָטאָרן.

אַ פאַרדראָסיקער קוקט ליפּסקער אויף דעם פאָרויס לויפנדיקן אויטאָ, וווּ עס געפינט זיך זיין רענצל. „נאַ, אָט האָסטו דיר! האָסט זיך נישט פאַרגונען אין טאַקסי, האָט דיר דער איבערשטער צוגעשיקט צוויי!"

דאָס פאָרן האָט לאַנג נישט גענומען. באַלד איז מען געווען אין פּאָרט. די שאָפערן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוּוואַרפן די פּעקלעך.

— איר טראָגט זיי גאַרנישט אַרויף? — ווייזט אָן ליפסקער אויף דעם פּאַראָם.

— נאָ, סעניאָר! צו דעם זענען דאָ טרעגערס. איר באַצאָלט אונדז פאַר דער רייזע צו דריי פּעזעס.

— וואָס דריי פּעזעס? איין פּעזע איז אויך ווייניק? — ער האָט זיי צוגעוואָרפן אַ פינפערל און זיך אויסגעדרייט צו דעם מיידל, וואָס האָט זיך געאַמפּערט מיט די טרעגערס. ליפסקער איז בייז געוואָרן און צענומען די הענט:

— אַוועק, אַוועק פון דאַנען! איך דאַרף נישט קיין טרעגער!

די טרעגערס האָבן זיך דערשראָקן פאַר זיין בייז פּנים און זענען אָפּגעטראָטן. די סירענעס פון פּאַראָם האָבן מיט זייער שניידיקן פייפעריי געלאָזט וויסן, אַז זיי גרייטן זיך באַלד אָפּצופאָרן. ער האָט שנעל אַרויפגעטראָגן עטלעכע וואַליזעס אויפן פּאַראָם און צוריקגעלאָפן:

— שנעלער, שנעלער! נעמט די רעשט פּעק און קומט!

די מאַטראָסן האָבן שוין געוואָלט אויפהייבן די בריק.

— הע! האָט ער אויסגעשריען — וואַרטס אויס!

זיי האָבן אָפּגעוואַרט, אָבער געוואַרטשעט אויף דעם פאַרשפּעטיקטן פאַר־פאָלק. ער האָט איבערגעלאָזט דאָס מיידל מיט אירע פּעק און צוגעגאַנגען צו דער פאַרענטשע.

„נאָ דיר אַן אַנשיקעניש!" — האָט ער שווער אָפּגעאָטעמט און זיך געווישט דעם שוויס. די קילע לופט, וואָס האָט געצויגן פון דעם ברייטן טייך, האָט אים אָפּגעפרישט. דאָס וואַסער האָט זיך לייכט געכוואַליעט און געפּלאָסן מיט אַ שטילן כלוסניען, גלעטנדיק די ווענט פון פונעם שיפל, וואָס איז געווען די שווימענדיקע בריק צווישן די שטעט סאַנטאַ־פע און פּאַראַנאַ. נאָך אַ גאַנצן מעת־לעת פאָרן אין דער שטיקנדיקער באַן, איינאָטעמענדיק היץ און שטויב, זענען די צוויי שעה פאָרן אויפן וואַסער — אַ דערפרישונג. די זון האָט מער נישט געסמאַליעט, זי איז געהאַנגען נידעריק איבערן טייך, אַ פאַררויטלטע און אָפּגעלאָשענע.

דער קאָנדוקטאָר מיטן מאַטראָס זענען צוגעקומען איינקאַסירן דאָס געלט. ליפסקער האָט באַצאָלט פאַר איין בילעט.

— און פֿאַר אייער פֿרוי נעמט איר נישט קיין בילעט? — פֿרעגט דער מאַטראָס, וואָס האָט אים געזען אָנקומען מיט דעם מיידל.

ליפּסקער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אין דער זייט, וווּ זי איז געזעסן אָן אומבאַהאָלפֿענע און פֿאַרלוירענע צווישן אירע פּעק. ער האָט דערפֿילט אַ רחמנות און אויסגעקויפֿט אַ צווייטן בילעט. ער איז געווען בייז אויף זיך אַליין, וואָס ער גיט אויס פֿאַר אַ פֿרעמד מיידל זיינע לעצטע פּאָר פּעזעס.

מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אירע לייכטע, נישט דרייסטע טריט נעבן זיך. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר ווייטער פֿאַרדראָסיק געקוקט אויפֿן וואַסער. זי האָט אים לייכט אָנגערירט ביים אַרבל:

— אַנטשולדיקט, סעניאָר, איך וויל אייך נאָר אויסדריקן מיין דאַנק און אייך אומקערן דאָס געלט, וואָס איר האָט פֿאַר מיר אויסגעלייגט!

ער האָט זיך צו איר אויסגעדרייט און זי באַטראַכט: אינעם רויטלעכן שיין פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון האָט זי אויסגעזען אַ גאַנץ אַנדערע ווי פֿריער. אַ יוגנטלעכע פֿרישקייט האָט געשלאָגן פֿון איר. זי איז געווען פֿון נידעריקן וווּקס, צאַרט און בלאָנד, מיט העל־גרויע אויגן, וועלכע עס האָבן פֿאַרשאָטנט ווייסלעכע ברעמען און וויעס. אָט, אַ מיידל, נישט שיין און נישט מיאוס, פֿון די, וועלכע מען באַגעגנט אויף טריט און שריט און וועלכע רופֿן נישט אַרויס קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט. ליפּסקער האָט געזוכט אין יעדער פֿרוי זיין אידעאַל און באַטראַכטנדיק איצט דאָס מיידל, האָט ער געקלערט אַז זי איז נישט זיין טיפּ און ער וואָלט קיין מאָל זי נישט געקאָנט ליבן. נאָר עפּעס אַ מיטלייד צו איר האָט זיך אין אים דער־וועקט.

זי האָט געזוכט אין איר אַלטן בייטעלע און אַרויסגעצויגן, ווי ליפּסקערן האָט זיך געדאַכט, איר לעצט פּיגפּערל. זי האָט עס אים דערלאַנגט און געזאָגט:

— איך ווייס נישט וויפֿל איר האָט פֿאַר מיר אויסגעגעבן, נאָר איך בעט אייך, בעמט אָפּ אייערס.

ער האָט דאָס געלט נישט גענומען:

— ס׳איז אַ קלייניקייט... זעט נאָר די שיינע פּאַנאָראַמע, — האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט צום וואַסער.

זי האָט באַהאַלטן דאָס פינפערל און זיך אויך אויסגעדרייט צום וואַסער:

— אַך, — האָט זי טיף אָפּגעאָטעמט — וואָס פאַר אַ שיינער פאַרנאַכט! אַ פאַרנאַכט נישט צום פאַרגעסן! — האָט זי פארחלומט צוגעגעבן. אירע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבערן וואַסער, פון דער זייט באַטראַכט בגנבה דעם יונגן־מאַן לעבן זיך. אירע אַקסלען האָבן אַ ציטער געטאָן אין פיבער, ווי וועלנדיק זיך דערנענטערן צו אים. ליפּסקער האָט עס נישט באַמערקט, אָדער זיך געמאַכט נישט באַמערקן. זיי האָבן ביידע שווייגנדיק געקוקט אויפן וואַסער.

די רויטע פאַרגייענדיקע זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער, פאַר־גאָלדיקט דעם אַרום. שוואַרצע לאַסט־שיפן, מיט הויכע קוימענעס, האָבן געפּירט גרויסע טאַנקן נאַפט. טראַטוועס, אָנגעלאָדענע מיט קעסטלעך גרייפּ־פרוכט, האָבן דורכגעקרייצט דאָס וואַסער. ביי די ברעגן זענען געשווומען קליינע לאָדקעס, פון וואַנען פישערס האָבן געוואָרפן זייערע נעצן.

— אָט דאָס איז „ענטרע ריאָס" — האָט ליפּסקער אָנגעהויבן אַ שמועס — דער נאָמען באַדייט „צווישן טייכן". פאַקטיש ליגט די דאָזיקע פּראָווינץ צווישן גרויסע טייכן — צווישן טייך פּאַראַנאַ, וועלכן מיר שניידן אַצינד אַדורך און דעם טייך „אורוגוויי", וואָס גרענעצט אָפּ די שכנהדיקע רעפּובליק אורוגוויי. ווען מען באַטראַכט די גרויסע, ווייטע שטרעקעס לאַנד, די נאַטור־אוצרות, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט, קאָן מען נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס דער איינגעבוירענער איז אַזוי אָרעם און צוריקגעשטאַנען: די באַפעלקערונג טיילט זיך אין קלאַסן. די קריאָזשאָס זענען אָפּשטאַמיקע פון אינדיאַנער און אַפריקאַנער שקלאַפן, וועלכע די שפּאַנישע דעראָבערער האָבן אַהער געבראַכט. די ערד געהערט צו די פּריצים, די לאַטיפונדיעס־אייגנטימער. די פונדאָקעס פאַרמאָגן גאָרנישט. זיי אַרבעטן ביי די גרונט־באַזיצערס אָדער זיי וואַנדערן אַרום: געפעלט איינעם אַ מיידל, פאַרנעמט ער זי אויף זיין פערד, שטעלט אויף אַ ביידל ערגעץ אין וואַלד, צי אין סטעפּ און מען וווינט. אין אָט אַזאַ ביידל ווערן געבוירן קינדער, און מען לעבט אין הונגער און נויט.

— פאַרנדיק פון בוענאָס איירעס, — האָט דאָס מיידל באַמערקט, — האָב איך אָנגעטראָפן גאַנצע קוואַרטאַלן פון אָט אַזוינע ביידלעך.

— זיכער — האָט ליפּסקער געענטפערט — צוליב די לייכטערע אַרבעטס־מעגלעכקייטן, קאָנצענטרירן זיי זיך ביי די גרויסע שטעט און אַזוי אַנטשטייען די דאָזיקע קוואַרטאַלן, „ווישא מיזעריאַ" רופט מען זיי. זיי לעבן אין גרויס דחקות, אָן די מינדסטע סאַניטאַרע איינריכטונגען. — נאָך אַ וויַיל האָט ער פאַרגעזעצט: — איצט, קוקנדיק אויף די ברעגעס — וויַיזט ער אָן אויף דער אַנדערער זייט טייך, ווו מען זעט צוזאַמענגעפּלאָכטענע, פאַרקנאָדערטע קוסטעס — פאַרשטיי איך ערשט, ווי עס איז געלונגען דעם גענעראַל י. י. דע אורקיסאַ צונויפצוזאַמלען די איינגעבוירענע פון ענטרע ריאָס און מיט זיי באַזיגן דעם דיקטאַטאָר ראָסאָס און דערנאָך, פון אַן אייגענעם מענטשן, אַ פאַררעטער, פאַרשטייט זיך, אַליין דערשטאָכן צו ווערן. און אַזוי בייטן זיך אַלע מאָל די רעגירער פונעם לאַנד. דער קאַמף פאַר דער מאַכט גייט אָן ביזן היינטיקן טאָג.

— און אין אָט דעם ענטרע ריאָס האָט עס געוואָלט באַראָן הירש שאַפן אַ היים פאַר יידן? — האָט דאָס מיידל געפרעגט.

— באַראָן הירש איז געווען אַ גוטער געשעפטמאַן. ער האָט אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד, צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ארץ ישראל, פאַר חצי חנם, די ערד איז דאָ גוט פאַר תבואות און פאַר פּי־צוקער.

— צי איז אים זיין פּלאַן געלונגען?

— דאָס וועלן מיר באַלד זען — האָט ליפּסקער געשמייכלט.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט ווי די שיף שניידט דורך דעם שיינעם ברייטן טייך, דערנענטערנדיק זיך צום צווייטן ברעג, ווו עס האָבן זיך שוין אָנגעזען די קאָנטורן פון דער שטאָט פאַראַנאַ.

אויסגעשטיגן פון פּאַראָם, האָט ליפּסקער צוגערופן אַ טאַקסי און געהייסן זיך צופירן אין אַ נישט טייערן האָטעל. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין באַגלייטערן:

— און איר?

— איך? איך דאַרף אויך איבערנעכטיקן אין פּאַראַנאַ!

— טאָ זעצט אייך אַריין אין אויטאָ!

דער אויטאָ איז מיט זיי פאַרפאָרן אין אַ גרויסן טונקעלן הויף. אין דער פאַרנאַכטיקער דעמערונג האָט זיך געשוואַרצט אַ קיילעכדיק אַלט הויז.

אַ טונקל־גרויער שטיין־פּאַרקאַן האָט אַרומגענומען דעם הויף ווי אַ תפיסה. געדרייטע אייזערנע טרעפּ האָבן געפירט צו דעם אויבערשטן גאָרן פונעם הויז. ליפּסקער האָט באַשטעלט אַ צימער. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם פּאָרטיער אין דעם לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, ביז יענער האָט פאַר אים אויפגעמאַכט אַ טיר. ס׳איז געווען אַ שמאָל צימער אָן פענצטער. דאָס קליינע שייבל אין דער טיר האָט געוואָרפן אַ שוואַכן שיין, אין וועלכן ליפּסקער האָט דערזען אַ נאַכט־שרענקל און אַ צעשויבערט בעט, נישט פאַרבעט, קענטיק, עמעצער איז געשלאָפן דאָ די נאַכט. עס האָט זיך געפילט אַ שווער, איבלדיק געדוך.

— ציט מיר איבער דאָס בעטגעוואַנט, — האָט ליפּסקער געבעטן.

— סעניאָר — האָט דער האָטעל־באַדינער געענטפערט, אויפהויבנדיק די נאָז, — איר האָט באַצאָלט נאָר פאַר אַ בעט און איך גיב פאַר אייך אַליין אַ באַזונדערן צימער!

ליפּסקער האָט אים אַריינגערוקט אין דער האַנט אַ מטבע און באַלד האָט ער טאַקע געהאַט אַן איבערגעצויגן בעטגעוואַנט.

— וואָס פילט זיך דאָ אַזוי שרעקלעך?

— סעניאָר! — האָט דער קעלנער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן — איר זעט דאָך, דאָס צימער איז אין אַ פּערפעקטער אָרדענונג! ער האָט זיך פאַר אים טיף פאַרנייגט און ווינטשנדיק אים אַ „בוענאַס נאָטשעס״, (אַ גוטע נאַכט), איז ער אַרויסגעגאַנגען.

ליפּסקער האָט געגעבן אַ מאַך־אויף דאָס טירל פונעם שרענקל — דאָרט איז געשטאַנען אַ פול נאַכט־געשיר, וואָס דער פריערדיקער לאָקאַטאָר האָט באַנוצט און פאַרגעסן אַרויסצוטראָגן.

ליפּסקער איז אַרויסגעלאָפן פונעם צימער. ער האָט אויפגעזוכט דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן אַ פּאַראומערטע אויף אירע פעקלעך אין אַ ווינקל פון הויף. עס זענען אָנגעפאָרן פאַרשידענע אויטאָס און וועגעלעך. די פור־מאַנעס האָבן זיך אַרומגעקריגט מיט די שאָפערן פאַר יעדן שטיקל פּלאַץ. אין הויף איז געווען טונקל און אומהיימלעך. די שוואַכע שיין, וואָס איז געפאַלן פון דעם האָטעל־הויז, האָט שאָטנדיק געפלאַטערט איבער די טונ־קעלע געזיכטער. אָט טויכט אויף אַ געשטאַלט, פאַרוויקלט אין אַ פּאָנטשע,

מיט אַ הויכן הוט און אַ בייטש אין דער האַנט און באַלד פאַרשווינדט זי אין דער טונקלקייט. יעדער ניי־פאַרפאָרענער וואָגן האָט הילכיק און שווער זיך אָפּגעשלאָגן אין די גרויסע שטיינער, מיט וועלכע דער הויף איז געווען אויסגעברוקירט. ליפּסקער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיידל. ער האָט באַטראַכט דעם אָרום און געזאָגט:

— דער באַלעבאָס מאַכט פון יעדער ליק אַ צימער און פון אַ יעדן שטיין אַ גאַראַזש. סעניאָריטאַ, איר קענט דאָ נישט פאַרבלייבן די נאַכט. גייט אַריין אין מיין צימער און איך וועל דאָ היטן אייערע זאַכן.

— ניין, ניין, נאָך דאָס פעלט מיר, איר זאָלט מיר נאָך אָפּגעבן אייער צימער!

ליפּסקער איז אָבער באַשטאַנען אויף ס'זייניקע, און זי האָט לסוף נאָכגעגעבן:

— איך האָב נאָר מורא, איך זאָל נישט פאַרשלאָפן, — האָט זי מיט דאַנקבאַרקייט געשטאַמלט.

— זייט רואיק, איך וועל אייך שוין אויפוועקן.

ווען דאָס מיידל איז אַוועק אין זיין צימער, האָט ער צוזאַמענגעלייגט די פּעקלעך און זיך אַוועקגעזעצט זיי היטן. די מידקייט פון אַ גאַנצן טאָג איז אים בייגעקומען... מיט אַ מאָל פילט ער עפּעס אַ לייכטן גערויש, ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן פונקט דעמאָלט, ווען אַ פאַרשוין האָט זיך גענומען דערווייטערן מיט דעם מיידלס צוויי רענצלעך אין די הענט. ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם.

— אָ, אַנטשולדיקט, סעניאָר, — האָט יענער צוריק אַוועקגעשטעלט די רענצלעך אויף זייער אָרט — איך האָב נאָר געוואָלט מיר מאַכן אַ פּלאַץ אויף דער באַנק צום זיצן.

אַן אומאַנגענעם געפיל האָט באַהערשט ליפּסקערן, ווען דער מענטש האָט זיך צוגעזעצט נעבן אים. ער האָט זיך באַמיט נישט איינצודרימלען. דער פאַר־שוין איז באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ הילכיקן כראָפּעריי. וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, אַלץ קילער איז געוואָרן. ליפּסקער האָט געציטערט פאַר קעלט.

פאַרטאָג האָבן די וועגענער אָנגעהויבן צו רירן. ער איז געגאַנגען אויפ־וועקן דאָס מיידל.

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין עלעקטרישן דיזעל־באַן, וואָס גייט אין די קאָלאָניעס. זי איז אויסגעשטיגן צוויי סטאַציעס פאַר ליפּסקערן. ער האָט איר געהאָלפן אַרויסטראָגן דאָס געפּעק פון באַגאַזש־וואַגאָן.

— פּאַרטיק, — האָט דער באַן־אַרבעטער אויסגערופן — נישטאָ מער קיין פּעקלעך אינעווייניק!

דאָס מיידל האָט איבערגעציילט די פּעקלעך.

— סעניאָר! — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט, — ס'פעלט מיר אַ פּעקל!

— נאָ, נאָ, — האָט דער אַרבעטער אַראָפּגעטשמאָטשקעט פונעם וואַגאָן אַראָפּ, — דאָ איז מער נישטאָ!

— אָבער איך האָב נאָך געהאַט אַ קעסטעלע, אַ פאַרקלאַפּטן מיט טשוועקעס!

ליפּסקער איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַגאָן אַריין. אַן אַרבעטער איז זיך רויק געזעסן אויפן קעסטעלע און געטרונקען אַ מאַטע.

— אָט איז דאָס קעסטעלע — האָט ליפּסקער אויסגערופן.

— אַזוי? — האָט דער אַרבעטער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן, — איך האָב נישט געוווּסט, אַז ס'איז אייערס!

ליפּסקער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט: „פּטור געוואָרן פון דער אַנשיקעניש מיט אירע פּעקלעך!" ער האָט נאָך אַ ווײַלע נאָכגעקלערט וועגן איר. ווער איז זי און פון וואַנען שטאַמט זי און נאָך וואָס פאָרט זי אַהער, אין די קאָלאָניעס? אָבער באַלד האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט — וואָס גייט עס אים אָן?

נאָך איידער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז שוין ליפּסקער געשטאַנען אַ גרייטער מיט זיין רענצל אין דער האַנט. ער האָט אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט צום שטעטעלע און ווידער איז אים אויפגעגאַנגען דאָס זעלבע וואַרעמע געפיל, ווי אין דער באַן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די ענטרער פעלדער. די נידעריקע הייזקעס און די שטויביקע וועגן, אויף וועלכע עס זענען געפאָרן וועגענער און סולקעס (וועגעלעך) אויף צוויי רעדער און איין זיץ), האָבן אים דערמאָנט די אַלטע היים אין יידישן שטעטל.

דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין געלויף און שטיין געבליבן אויף דער

סטאַציע, וועלכע האָט אים ווידער אַ מאָל דערמאָנט אַ קליינע באַן־סטאַציע ערגעץ אין פּוילן. ער איז אויסגעשטיגן און שטיין געבליבן אין אַ פאַר־לעגנהייט — מען זעט נישט קיינעם, צי האָבן זיי נישט באַקומען די טעלעגראַמע, אַז ער קומט? שטייענדיק אַזוי אומבאַהאָלפן, איז מיט אַ מאָל צוגעקומען צו אים אַ מאַן, אָנגעטאָן ווי אַ קריאָזשע, אין ברייטע באָמבאַטשעהויזן, אין אַ פּיזשאַמע־רעקל און אַלפּאַרגאַטן אויף די פיס (צייגענע שיך מיט זוילן פון שטריק):

— איר זענט דער לערער פאַר דער קאָלאָניע?

— יאָ, האָט זיך ליפּסקער דערפרייט.

— ווו זשע איז אייער געפּעק?

— אָט אָ דאָ, — האָט ליפּסקער אָנגעוויזן אויפן רענצל.

— דאָס איז גאָר? און אייער פאַמיליע?

— איך האָב נישט קיין פאַמיליע, איך בין נישט פאַרהייראַט.

— אַזוי גאָר? האָב איך דאָך געקאָנט קומען מיט דער סולקע און נישט באַדאַרפט שלעפּן דעם שווערן וואָגן.

ליפּסקער האָט נישט געוווּסט, צי ער דאַרף זיך פאַרענטפערן פאַר אים, פאַר וואָס ער האָט נישט קיין פאַמיליע און אויך נישט קיין געפּעק, צוליב וועלכן דער קאָלאָניסט האָט געשלעפּט דעם שווערן וואָגן. דער קאָלאָניסט האָט געגעבן אַ קנאַק מיט דער בייטש: — זעצט אייך אויף, לערער!

זיי זענען געפאָרן איבער דעם שטעטל. דער וועג איז געווען אַ שטויביקער און פול מיט גריבער. דער וואָגן האָט זיך געטרייסלט און זיך געשליידערט איבער די גריבער.

— דאָ, אַז ס׳רעגנט, לאָמיר זיין געזונט, זינקט דער וואָגן ביז איבער די רעדער אין דער בלאָטע.

— פּונקט ווי אין דער אַלטער היים, — האָט געשמייכלט דער לערער. פון ביידע זייטן וועגן זענען געשטאַנען קליינע ניי־אויפגעבויטע הייזקעס. אַ סך, נאָך נישט אויסגעענדיקטע, די ווענט פון רויטע ציגל און די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער.

— ס׳בויט זיך ערשט דאָס שטעטל, — האָט ליפּסקער באַמערקט.

— יאָ, די מערסטע זענען געוועזענע קאָלאָניסטן. געמאַכט אַ פּאָר

## אויף אַרגענטינער פעלדער

פּעזעס אויפן פעלד, לאָזט ער איבער דאָס פעלד און בויט זיך דאָ אויף אַ שטיבעלע און מאַכט זיך אַ קלייטל.

— אַ שיינער תכלית — האָט ליפּסקער געשמייכלט.

— אפשר נישט? פון קאָלאָניזאַציע האָט מען מער?

— פון קאָלאָניזאַציע האָט ער דאָך געמאַכט די פּאָר פּעזעס.

— עט, לערער, וואָס פאַרשטייט איר דערפון? — האָט דער קאָלאָניסט געזאָגט מיט ביטול, ווי וועלנדיק זאָגן — גיי רעד מיט אַ מלמד!

ליפּסקער האָט שווייגנדיק באַטראַכט די נישט ברוקירטע געסלעך, דורך וועלכע זיי זענען געפאָרן. אין יעדער אָפענער טיר איז געווען אַ געוועלבל. דאָס ביסל סחורה: אַ זעקל מעל, רייז אָדער „זשערבע" אויף „מאַטע" צו מאַכן, איז געווען פאַררוקט אין אַ ווינקל. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַן אָפענער טיר: דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען אַ גרויסער שענק־טיש. די פּאָליצעס אויף די ווענט זענען געווען פול אָנגעשטעלט מיט פלעשער וויין. פאַרן שענק־טיש זענען געשטאַנען באָרוועסע אַרבעטער אין צעפּליקטע הויזן, די לענדן פאַרבונדן מיט אַ טוך און זשעדנע, מיט ציטערדיקע הענט צוגעהאַלטן דאָס שמאָלע גלעזעלע בראָנפן. ביי טישלעך זענען געזעסן יוסטע גאַוטשאָס, די שוואַרצע היט פאַרוואָרפן אויף אַן אַקסל, אַרומגעהילט אין אַ „פּאָנטשע" און אַרומגעבונדן מיט ברייטע לעדערנע גאַרטלען, באַשלאָגענע מיט מעש. זיי האָבן געטרונקען און געוואָרפן אויפן טיש זשמעניעס געלט. דער שענקער קלייבט זיך דערפון אויס וויפל ס'קומט אים, זעלטן שטעקט דער גאַוטשאָ צוריק אַריין דאָס געלט, מייסטנס לאָזט ער עס איבער אויפן טיש.

זיי זענען פאַרבייגעפאָרן פאַר אַ גרויס רחבותדיק הויז, אַרומגענומען מיט אַ גאָרטן, וווּ עס האָט צווישן דיביימער זיך געמיניעט אַ פיל קאָליריקע בלומען־פּאַנאָראַמע.

— דאָ וווינט דער אַדמיניסטראַטאָר — האָט דער קאָלאָניסט אָנגעוויזן מיט דער בייטש. ער האָט פאַרקירעוועט דעם וואָגן אין אַן אַנדער גאַס. דער וואָגן איז אַריין אין אַ גרוב און זיך שיער נישט איבערגעקערט. דער קאָלאָניסט האָט מיט קללות אונטערגעטריבן די פערד, זיי האָבן מיט מי און פרייכעניש אַרויסגעשלעפּט דעם וואָגן.

— פאַר וואָס פאַרריכט איר נישט די וועגן? — האָט ליפּסקער גע־פרעגט.

— עפּעס רעדט איר דאָך ווי דעם אַדמיניסטראַטאָרס מענטשן, — האָט דער קאָלאָניסט געקוקט פון אַ זייט אויף ליפּסקערן — פאַרריכטן די וועגן? פאַר וועמען זאָלן מיר פאַרריכטן די וועגן, אַז מיר וועלן נישט פאַר־בלייבן אין קאָלאָניע?

ליפּסקער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער צו שווייגן, זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ שמועס.

— ברררר... — האָט דער קאָלאָניסט איינגעצויגן די לייצעס און אָפּגע־שטעלט די פערד. זיי זענען שטיין געבליבן פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו. דאָ זענען געשטאַנען אַ סך וועגענער, סולקעס און רייטפערד. אויף די וועגעלעך זענען געזעסן די קאָלאָניסטן מיט זייערע ווייבער און קינדער, געמיטלעך געגעסן פון אָפענע טיכלעך אַרויס ברויט און וורשט מיט האַרטע געזאָטענע אייער.

דורך דער אָפענער טיר פון דעם קאָאָפּעראַטיוו זענען אָן אויפהער אַריין און אַרויס קאָלאָניסטן. אַלע אין איינפאַכע אַרבעטס־קליידער. באַזונדערס איז ליפּסקערן אויפגעפאַלן די אָרעמע קליידונג פון די פרויען: זיי האָבן געטראָגן פערקאַלענע קליידלעך און ביליקע לייוונטענע שיך. אויב מען האָט אַפילו איינע געזען אין אַ בעסער קלייד, איז עס געווען אויסער דער מאָדע, מסתמא נאָך פון דער אַלטער היים. די פנימער זייערע זענען געווען פאַרהאַרטעוועטע, אָפּגעברענט. ליפּסקער האָט זיי באַטראַכט מיט גרויס אינטערעס און ער האָט זיי ליב באַקומען פון דער ערשטער מינוט אָן...

אַ מאַן איז צו זיי צוגעקומען.

— וואָס הערט זיך עפּעס, יאַנקל? ווי האַלטסטו מיטן אַקערן?

— אַקערן? ווו האָב איך צייט צום אַקערן, אַז מען האָט מיך אויסגע־קליבן אין דער שול־קאָמיסיע. דאַרף מען געלט זאַמלען — איז ווער, אויב נישט יאַנקל? דאַרף מען ברענגען דעם לערער, — איז ווידער יאַנקל.

— נו, און די אַנדערע קאָמיסיע־מיטגלידער און דער פרעזידענט אַליין?

— איר קענט זיי נישט? קומען זיך צוזאַמען אויף זיצונגען, מען רעדט און מען רעדט און מען צעפּאָרט זיך מיט דעם, מיט וואָס מען איז געקומען.

טרעף איך דערנאָך אין דער קאָאָפּעראַטיווע דעם פּרעזידענט: — סטייטש, ר׳ שלמה יאַנקל, מען האָט דאָך באַשלאָסן אַזוי און אַזוי צו טאָן!..

— יאָ, טו זשע טאַקע!

— פאַר וואָס זשע עפּעס איך? פאַר וואָס, למשל, נישט איר? — פרעג איך אים — קענט איר דאָך שלמה יאַנקלען, ער געפינט באַלד תּירוצים, דאָ הינקט אים די שקאַפע און דאָ האָט דער אָגער זיך צעבריקעוועט און חוץ דעם, האָט ער גלאַט נישט קיין צייט. און ווי פּאַסט עס עפּעס פאַר דעם פּרעזידענט אַליין צו פאָרן איבער די קאָלאָניעס? שאַט — שלאָגט ער זיך אַליין איבער אין מיטן רעדן — איך האָב אייך גאָר פאַרגעסן צו באַקענען מיטן נייעם לערער, ווי אַזוי הייסט איר?

— ליפּסקער, — האָט דער לערער געשמייכלט.

— זאָל זיין ליפּסקער! און דאָס איז ווײַנער!

זיי זענען אַראָפּגעקראָכן פונעם וואָגן, יאַנקל האָט פאַרוואָרפן די לייצעס אויפן סלופּ און זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין דעם קאָאָפּעראַטיוו. אויך דאָ האָט געשמעקט מיט פרישן טינק און קאַלך, די געביידע איז נישט לאַנג פאַרענדיקט געוואָרן. אויף דער באַנק, לענג־אויס דער וואַנט, איז מען געזעסן און געוואַרט אין דער ריי. דערווייל האָט מען הויך זיך איבערדער־ציילט די טאָג־נייעסן. מען האָט גערעדט און באַרעדט די „איקאַ״, נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל איבערגעחזרט די עוולות, וואָס זי באַגייט אַקעגן די קאָלאָניסטן.

ביי ליפּסקערס אַרײַנקומען האָבן אַלע צו אים אויסגעדרייט די קעפּ און נייגעריק באַטראַכט דעם נייעם לערער. יאַנקל האָט עס באַמערקט און שטאָלץ געזאָגט:

— דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר אייערטוועגן, קומט אַרײַן אין דער אָפיסינע. ער האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ קליין צימער מיט לעדערנע שטולן.

— איר זעט, דאָ נעמט מען נאָר אויף גאָר געהויבענע געסט. ווי, למשל, די „איקאַ״־דירעקטאָרן, אָדער אַנדערע חשובע לייט.

ליפּסקער האָט אים באַדאַנקט, וואָס ער נעמט אים אויף ווי „אַנדערע חשובע לייט״ און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לעדערנעם שטול. אויך יאַנקל

האָט זיך פאַרגוונען אַוועקצוזעצן אויף אַן עק פון אַ לעדערנער סאָפקע. ס׳איז אַריינגעקומען דער שיק־ייִנגל פון דעם קאָאָפּעראַטיוו און געפרעגט, צי זיי ווילן דערלויבן דעם פרעזידענט פון דעם יוגנט־פאַראיין אַריינצוקומען זיך באַקענען מיט דעם לערער.

יאַנקל איז אויפגעשפרונגען:

— יאָ, פאַר וואָס נישט? זאָל ער אַריינקומען! — און צו ליפּסקערן האָט ער געזאָגט: — ס׳איז טאַקע דעם פרעזידענטס שלמה יאַנקלס זון. די גאַנצע פאַמיליע באַשטייט פון לויטער פרעזידענטן: די פרוי איז די פרעזידענטין פון דער „וויצאָ״, די עלטערע טאָכטער איז פרעזידענטין פון דאַמען־פאַראיין, און די ייִנגערע טאָכטער — פון דער יונג־„וויצאָ״.

ליפּסקער האָט זיך צו רעכט געמאַכט דעם קראַוואַט און אויסגעגלייכט דעם רעקל, געגרייט זיך אויפצונעמען דעם פרעזידענט.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ יונגער בחור פון אַ יאָר 18—20 מיט אַ פאַרשמירט, נישט ראַזירט פנים, אָנגעטאָן אין בלויע פאַרפעטסטע אַרבעטקליידער.

יאַנקל האָט פאָרגעשטעלט:

— זייט באַקאַנט. פּעדראָ רייטנער, פרעזידענט פון דער יוגנט אין קאָלאָניע און הער ליפּסקער, דער נייער לערער.

ליפּסקער האָט מיט אַ שמייכל דערלאַנגט די האַנט דעם „פרעזידענט״.

דער יונגער־מאַן האָט געבעטן ליפּסקערן, אַזוי ווי ער וועט זיין דער לערער אין קאָלאָניע, זאָל ער אויך זיך פאַראינטערעסירן מיט דער יוגנט, איינפירן קורסן אָדער דאָס גלייכן. ליפּסקער האָט אים צוגעזאָגט צו טאָן, וואָס נאָר עס וועט זיין מעגלעך.

יאַנקל, וועלכער איז אין צווישנצייט אַרויס, איז צוריקגעקומען אַ פאַרשמייעטער און געבראַכט אַ נייעם פרעזידענט, דעם פרעזידענט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו אַליין. ער האָט געגעבן אַ צענעם די הענט און פאָרגעשטעלט:

— הער וועקסלער, פרעזידענט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, און דער נייער לערער, הער ליפּסקער.

ס׳איז געווען דער ערשטער מענטש אין שטעטל, וועלכן ליפּסקער האָט באַגעגנט, אין אַ לייטישן אָנצוג. פּעדראָ רייטנער האָט זיך אָפּגעזעגנט און

אַוועק. אויך יאַנקל איז געגאַנגען זיך באַזאָרגן זיינע זאַכן. ער האָט אָנ־געזאָגט ליפּסקערן, ער זאָל אַליין אין ערגעץ נישט גיין, נאָר וואַרטן אויף אים, ביז ער וועט אים קומען נעמען אין קאָלאָניע.

ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט וועקסלער נענטער צוגעשאַרט זיין שטול צו ליפּסקערן. וועקסלער איז געווען אַ מאַן אין די פופציקער. פון נידעריקן וווקס, זיינע קליינע אייגעלעך האָבן כיטרע געפינקלט:

— איר זעט די אַלע קאָלאָניסטן? לויטער פּראָסטאַקעס, עם הארצים. ווען נישט דער אַדמיניסטראַטאָר, דער דאָקטאָר און דער שפּאַנישער לערער, וואָלט נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ער אַליין — האָט ער פאַרטרוילעך גערעדט צו ליפּסקערן, איז אַ בוכהאַלטער פון באַרוף און איז דורך אַ צופאַל פאַרוואָגלט געוואָרן אויף די „איקאַ״ פעלדער; אַצינד, וויניקסטנס אַלס פּרעזידענט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו קען ער אויס־נוצן זיין אינטעליגענץ. ער קלערט, אַז ליפּסקער וואָלט אויך באַדאַרפט צוגיין צום אַדמיניסטראַטאָר זיך מיט אים באַקענען. אויב ער וויל קען ער מיט אים צוגיין און אים פאָרשטעלן. ליפּסקער האָט אָפּגעזאָגט. ערשטנס, ווערט אַ יידישער לערער נישט פאַררעכנט צו דער אינטעליגענץ און, צוויי־טנס, דאַרף ער דאָך דאָ וואַרטן אויף יאַנקלען. וועקסלער האָט זיך צוגעבויגן צו אים:

— לאָזט אייך נישט אַריין מיט די קאָלאָניסטן, זיי זענען אויסנוצערס, פּוילאַקעס, ווילן נישט אַרבעטן, ווילן נאָר אַז די „איקאַ״ זאָל זיי שענקען די קאָנטריבוציע, נעמען אָן אין דעם קאָאָפּעראַטיוו אויף באָרג און גיבן נישט אָפּ.

ליפּסקער האָט אים דערקלערט, אַז ער וויל זיך נישט מישן אין די אַלע ענינים. ער וועט זיך נאָר אָפּגעבן מיט דער שול און קיין אַנדער זאַך אינטערעסירט אים נישט.

— אַזוי זאָגן אַלע לערערס — האָט דער פּרעזידענט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — דערנאָך ווערן זיי אַריינגעצויגן אין די מחלוקתן.

ליפּסקער איז שוין געווען צופרידן, ווען יאַנקל איז צוריקגעקומען און באַלד ביים טיר אַ זאָג געטאָן:

— לערער, מיר פאָרן!

אין דרויסן האָבן אַ פּאָר מענער און פרויען אַרומגערינגלט דעם וואָגן:

— יאַנקל, נעם אונדז מיט!

יאַנקל האָט זיך אָפּגעווערט מיטביידע הענט:

— איך נעם קיינעם נישט מיט, איר זעט נישט? איך פיר דעם לערער!

אָבער די מענטשן האָבן אים געהערט ווי דעם קאָטער און גענומען אַרויפקלעטערן אויפן וואָגן.

— וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך? לאָזט כאָטש איבער אַ פּלאַץ פאַרן לערער!

— דו, יאַנקל, שוויג! אַז דו וועסט זיך געפינען צו פוס אין שטאָט און איך וועל זיין מיטן וואָגן, וועסטו זיך אַרויפכאַפּן צו מיר! און פאַר אָט דעם שמאָלן יונגן־מאַן וועלן מיר נאָך ערגעץ געפינען אַ פּלאַץ.

אַ צווייטער קאָלאָניסט פון דער גרופּע האָט גענומען אַרויפוואַרפן אויפן וואָגן זיינע מילך־קאַנען.

— הא, איר זעט? דאָס זענען אונדזערע קאָלאָניסטן! — האָט געזאָגט וועקסלער, דער פּרעזידענט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער האָט ליפּסקערן אַרויסבאַגלייט אין דרויסן.

ליפּסקער איז געזעסן אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי מילך־קאַנען. אויף דער קעלניע זענען געזעסן פיר פרויען, יאַנקל, וועלכער האָט באַדאַרפט טרייבן די פערד, איז מיט אַ האַלבן קערפּער געווען אַנגעלענט אין דער קעלניע און די צווייטע העלפט איז געהאָנגען אין דער לופטן.

— וויאָ! האָט זיך ענדלעך דערהערט יאַנקלס בייז קול. דער וואָגן האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און גערירט פון אָרט.

— הע, הע! האָט זיי באַכגעשריען אַ קאָלאָניסט — מיך, יאַנקל, מיך ווילסטו איבערלאָזן, אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע?

— ס׳זאָל דיר שוין זיין צוזאַמען מיט דער קאָמיסיע! איך האָב געקאָנט באַשטיין, משה, אַז דו זאָלסט פאָרן נאָכן לערער און פירן אַ האַלבע קאָ־לאָניע!

אָבער משה איז געווען פלינקער פון יאַנקלען. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אינעם וואָגן, אַ ביסל מיטגעלאָפן, אונטערגעשפּרונגען, פאַרוואָרפן אַ פוס, און אַ פּאָר הענט האָבן אים אַרויפגעצויגן.

— אוי! — האָט ליפסקער אויסגעשריגן און צוריקגעכאַפּט דעם פוס.

— וואָסי?

— גאָרנישט! גאָרנישט, נאָר אויפגעטרעטן אויפן פוס!

— אַנטשולדיקט!

אין וואָגן איז נאָך ענגער געוואָרן. ליפסקערן האָבן די שאַרפע קאַנטן פון דער מילך־קאַן זיך איינגעשניטן אין פלייש.

— זענט איר דאָס דער נייער לערער? — האָט געפרעגט דער נייער פּאַסאַזשיר, וועלכער איז האַלב געלעגן איבער ליפסקערן.

— משה, דו זעסט נישט, אַז דאָס איז דער נייער לערער? וואָס פרעגסטו, וואָס? — האָט אים יאַנקל בייז געענטפערט.

— וואָס איז, איך האָב נישט קיין רעכט צו פרעגן? איך בין דאָך אַ מיטגליד אין דער קאָמיסיע! און חוץ דעם האָב איך אויך פיר קינדער צום לערנען.

ליפסקער האָט דערהערט, אַז עס שטייט פאַר אים איינער פון זיינע באַלעבאַטים, האָט ער פריינטלעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו אים און געזאָגט: — יאָ, איך בין דער לערער און בין אייך גרייט צו דינען.

משה האָט זיך אַרומגעקוקט צו די קאָלאָניסטן אויפן וואָגן, צי זעען זיי דעם כבוד, וואָס דער לערער טיילט אים צו? פון צופרידנקייט האָט ער זיך אַ וויש געטאָן מיטן שמוציקן אַרבל און נאָך מער צעשמירט דאָס פאַר־שטויבטע פנים.

מען איז אַרויס פונעם צענטער און געפאָרן דורך די פעריפעריעס פון דער שטאָט. דאָ האָבן געוווינט די איינגעבוירענע. די וווינונגען, צוזאַמענ־געקלאַפּטע פון בלעכן און ברעטער. מאַנכע הייזקעס זענען געווען פון ליים, אָן פענצטער און טירן, דער אַריינגאַנג פאַרהאָנגען נאָר מיט אַ זאַק. פאַר אַ יעדער הייזקע האָט אויף אַ „בראַסערע" מיט גליענדיקע קוילן געזאָטן דער טשייניק מיט וואַסער פאַר אַ מאַטע. אויף שטרויענע, נידעריקע בענ־קעלעך און קעסטלעך זענען געזעסן די איינוווינער און האַלב פאַרשלאָפן געזופּט דורך אַ רערל פון אַ הילצערן שעלעכל די שערבע־מאַטע. אָפּגעע־ברענטע, קויטיקע קינדער זענען אַרומגעלאָפן און מיט אָפענע מיילער באַ־טראַכט דעם פולן וואָגן מיט קאָלאָניסטן.

מען איז אַרויסגעפאָרן אויפן שאָסיי, די פערד האָבן עס דערשפּירט און מיט נייע כּוחות געלאָפן איבערן געפּלאַסטערטן וועג. פּלוצעם האָט דער ווינט אַראָפּגעיאָגט ליפּסקערס הוט.

— הע, יאַנקל, בלייב נאָר שטיין, דעם לערער איז אַראָפּגעפאַלן דער קאַפּעליוש! — האָט עמעץ אויסגערופן. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט ליפּסקערס הוט, אָט איז עס דאָ און אָט ווידער אַוועקגעיאָגט, ביז ער איז שטעקן געבליבן אין אַ קאַלוזשע בלאָטע.

— וואַרטס, וואַרטס — האָט משה אויסגעשריען און איז פלינק אַראָפּ־געשפּרונגען פונעם וואָגן און נאָכגעלאָפן דעם הוט, אָבער ביז ער איז צוגעקומען, האָט אַ דורכפאָרנדיקער לאַסט־אויטאָ געמאַכט פון אים אַ פּלאַטשיקע שמאַטע.

— איי, איי, — האָבן קאָלאָניסטן באַדויערט — אַ נייער קאַפּעליוש!

ליפּסקער האָט באַטראַכט דעם קוואַטש, וואָס איז אַ מאָל געווען זיין הוט און אַ שמייכל געטאָן:

— מאַכט נישט אויס, אַצינד זעט ער טאַקע אויס ווי אַ קאָלאָניסטישער קאַפּעליוש.

נאָך אַ שעה פאָרן האָט משה אָנגעוויזן ליפּסקערן אַ פּאָר הייזער:

— איר זעט? דאָ איז דער צענטער פון דער קאָלאָניע און דאָ איז אייער שול.

ליפּסקער האָט מיט דער האַנט פאַרלייגט אַ דעכל איבער די אויגן און פון דער ווייטנס באַטראַכט די הייזער, וועמענס בלעכענע ווענט און דעכער האָבן געבלישטשעט אַקעגן דער זון.

— דאָס זענען הייזער? פון בלעכן בויט מען דאָך שפּייכלערס אָדער מאַגאַזינען, אָבער נישט קיין הייזער!

— וואָס? אין פאַרגלייך מיט אונדזערע וווינונגען וועט איר דאָך וווינען אין אַ פּאַלאַץ!

האַרט ביים וועג איז געשטאַנען אַ געמויערט הויז מיט קורצע ברייטע פענצטער. דאָס איז די מילכעריי פון דער קאָלאָניע. — פריער האָט מען דעם עודף מילך צוריקגעגאָסן פאַר די בהמות. היינט האָבן מיר שוין, מיט גאָטס הילף, צענטרעפוגעס, וואָס פאַראַרבעטן די מילך און מיר שיקן דאָן

די פּראָדוקטן קיין פּאַראַנאַ — דערציילט אים משה מיט אַ טאָן פון צו־פרידנקייט.

ווען די ערשטע קאָלאָניסטן זענען אַהער אָנגעקומען, מיט אַ צוועלף, פופצן יאָר צוריק, איז נאָך קיין שאָסיי נישט געווען. די געגנט איז געווען אַן אורוואַלד און פאַרלאָזט, ווי די אַ — ווייזט מען אָן ליפסקערן ביי דער זייט פון וועג אויף אַ שטיק נישט באַאַרבעט פעלד, באַוואַקסן מיט ווילד־גראָז און קשאַקעס, פאַרפלאָנטערט איינס אין אַנדערן. קיין וואָגן האָט זיך נישט געקאָנט דורכשלאָגן. מען איז געריטן אויף פערד. אָפט האָט מען פאַרבלאָנדזשעט און ווען מען איז צוריקגעקומען, האָט מען געמעגט גומל בענטשן. און איין ייִנגל איז טאַקע פאַרלוירן געגאַנגען. אַרויסגעריטן, און מער נישט צוריקגעקומען.

די קאָלאָניסטן האָבן אָפּגעזיצפּט און אַנטשוויגן געוואָרן.

— יאָ, יונגער־מאַן, קאָלאָניזאַציע איז נישט פון די גרינגע זאַכן!

מען איז אַראָפּ פונעם שאָסיי און פאַרפאָרן אינעם צענטער פון דער קאָלאָניע. דאָ זענען געשטאַנען עטלעכע הייזער, אויסגעזען האָבן זיי טאַקע — ווי ליפסקער האָט זיך אויסגעדריקט — ווי בלעכענע שפּייכלערס, עפּעס פון שטובּיקייט האָט זיי צוגעגעבן נאָר די פענצטער.

— איר זעט? — ווייזט מען אָן ליפסקערן אויפן גרעסטן בלעכענעם באַראַק, וואָס איז געשטאַנען הארט ביים שאָסיי — דאָס איז אונדזער פאָלקסהויז. דאָ קומען מיר זיך צונויפֿ אויף באַגעגענישן און פאַר־זאַמלונגען.

אַ ביסל אָפּגערוקט אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ קלענערער באַראַק, אָבער מיט אַ ברייטער טעראַסע. דאָס איז געווען די שול און נעבן דער שול, קלענער און נידעריקער, צווישן די הויכע גראָזן, ווי איינגעזונקען אין דער ערד, איז געשטאַנען דעם לערערס וווינונג.

זיי זענען אַראָפּגעקראָכן פונעם וואָגן, אויפגעמאַכט אַ פורטקע און צו־געגאַנגען מיט אַ שמאָלער סטעזשקע, צווישן די הויכע גראָזן, צום לערערס וווינונג. יאַנקל און משה האָבן אים באַגלייט אין זיין נייער היים, זיי האָבן זיך לאַנג געפּאָרעט אַרום שלאָס און נישט געקאָנט אויפשליסן.

— צוליב וואָס האָט מען באַדאַרפט פאַרשליסן? — איז משה אומגע־

דולדיק געוואָרן, — אַ ביסל מערישקעס, צי מייז האָט מען געקאָנט אַרויס־גנבענען?

ענדלעך האָט יאַנקל אויפגעשלאָסן און מען איז אַריינגעגאַנגען. ליפסקער האָט באַטראַכט זיין נייע היים. די ווענט, באַשלאָגענע מיט דיקט, זענען גע־ווען פאַרפוילט, צעפליקט און ערטערווייז האָבן געפעלט גאַנצע שטיקער. צווישן די בלעכן האָבן אַדורכגעלויכטן שמאָלע שפּאַרעס. ליפסקער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער שטייט נאָך אינעם וואַגאָן און די באַן טראָגט אים ווייטער, ווייטער — און וווּהין? ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע באַגלייטער און אומצופרידן געזאָגט:

— דאָס איז דאָס הויז, דער „פּאַלאַץ" וואָס איר האָט מיר אויסגע־לויבט? — ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם דיל וואָס איז געווען אויסגעלייגט מיט רויטע ציגל, צעשפּאַלטענע. — איך קען דאָך דאָ צעברעכן די פיס.

יאַנקל האָט אים באַרויקט, קלאַפּנדיק אין דער פּלייצע: — נישט גע־זאָרגט, לערער, ס'וועט זיין גוט. ער האָט אויסגעפּאַקט אַ פּעקל מיט עסן, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר ליפסקערן אין קאָאָפּעראַטיוו. ליפסקער האָט אים געוואָלט אומקערן דאָס געלט, אָבער יאַנקל האָט אָפּגעוווערט:

— מען דאַרף נישט. דער פּרעזידענט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט געהייסן געבן דעם לערער אויף באָרג, ביז ער וועט באַקומען דאָס געהאַלט, האָב איך גענומען, וואָס נאָר דאָס האַרץ גלוסט, וואָס האָב איך צו זשאַלע־ווען? — ער האָט אויסגעפּאַקט צוויי לאַנגע וווּרשטן, קאָנסערווירטע פלייש, געריכערטע פיש און אַפילו אַ פלאַש בראַנפן.

— ווען וועל איך דאָס אַלעס אויפעסן? און בראַנפן טרינק איך בכלל נישט.

מען וועט שוין עסן, מען וועט שוין טרינקען, — האָבן יאַנקל און משה זיך איבערגעוווּנקען מיט די אויגן, — הכלל, לערער, — האָבן זיי אים אָפּגעזאָגט — זייט זשע געזונט און מאָרגן האָבן מיר שבת, האָבן דאָך עפּעס קאָלאָניסטן צייט, וועט מען אייך באַזוכן און זען, וואָס איר מאַכט.

ווען זיי זענען אַוועק איז ליפסקער אַרויסגעגאַנגען, זיך אַ ביסל אַרומ־קוקן אין זיין נייער היים. פון דער לינקער זייט האָט זיך געפונען די ווירט־שאַפט פון אַ קאָלאָניסט. אין דער פרידלעכער שטילקייט פונעם פאַרנאַכט

האָט זיך אויפגעהויבן אַ לייכטער רויך, וואָס האָט זיך געלייגט ווי אַ בלויער נעבל איבער דעם קאָלאָניסטס הייפל.

אַ פאַסטעכל האָט געטריבן אַ טשערעדע שאָף, וואָס האָבן בלעקענדיק, זיך געשטופּט דורכן שמאָלן אַריינגאַנג. ס'האָט זיך דערנענטערט אַ יונגער בחור, רייטנדיק אויף אַ פערד, די באָרוועסע פיס האָבן שיער נישט גע־גרייכט צו דער ערד. ער האָט אונטערגעפייפט אַ לידל און נאָכגעשלעפּט מיט איין האַנט נאָך זיך דעם פלוג. דער קאָלאָניסט, אַ נידעריק, פעט יידל, האָט פאַרטריבן די בהמות. מיט יללות האָט ער זיך געיאָגט נאָך אַ יונג קעלבל, וואָס האָט בשום אופן זיך נישט געלאָזט אַריינטרייבן אין הויף אַריין.

אין דער רעכטער זייט איז געשטאַנען די שפּאַנישע שול. זי איז געווען ענלעך צו דער יידישער, נאָר נישט אַזוי אָפּגעלאָזט.

ליפּסקער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ זייל פון דער טעראַסע און טיף איינגעאָטעמט די פרישע, פאַרנאַכטיקע לופט. אַ לייכט ווינטל האָט אים גע־גלעט און צעשויבערט די האָר אויפן קאָפּ. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דאָס איינטאָניקע קוואַקען פון זשאַבעס; איבער זיין קאָפּ, אונטערן דאַך פון דער שול, האָט אַ פייגעלע שטיל געטשוויטשעט, איינגעשלעפערט אירע פיסקלאַטעס אין נעסט. לאַנגזאַם, ווי זי וואָלט נאָך וועלן אויפהאַלטן דעם טאָג, האָט די נאַטור זיך געגרייט אויפצונעמען די נאַכט. מיט פאַרמאַכטע אויגן און אויפגעהויבענעם קאָפּ האָט ליפּסקער אין זיך איינגעזאַפּט די שלווה פון דעם אַרום. די נאַטור האָט אים באַרויקט, בלויז אַ שטילע בענקשאַפט, ווי ס'פלעגט פאַסירן אָפט, האָט אים גענומען נאָגן... נאָך וואָס?.. ער ווייס עס נישט. אַ פרוי? ניין. פאַר אים איז זי נאָך נישט געבוירן, אפשר דאָ, פונקט דאָ, אויף דער נאַטור, וועט זי זיך אָפּגעפינען? אפשר, אָבער דערוויילי איז אים גוט אַזוי, ס'איז אים גוט צו זיין אַליין און אין דערוואַרטונג...

ער האָט דערהערט טריט און אויפגעמאַכט די אויגן.

צו אים האָט זיך דערנענטערט אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן. דאָס פּנים איז אים געווען אָפּגעברענט, ווי ביי אַלע קאָלאָניסטן. אָבער אַנשטאָט צייגענע הויזן אָדער באָמבאַטשן, ווי די קריאָזשעס, אין אַ פּיזשאַמע־רעקל, ווי די אָרטיקע קליידן זיך, איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ העמד, אַ קראַוואַט

און אַן אַנצוג. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ האַלב־שטאָטישן און האַלב־דאָרפישן מענטשן. ער האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט: שולקין, דער שפּאַנישער לערער אין קאָלאָניע. אַלס שכן, האָט ער ליפּסקערן איינגעלאַדן צו זיך אַהיים און אים אָנגעבאָטן זיין הילף, אויב ער דאַרף עפּעס.

ליפּסקער האָט אים באַדאַנקט. ער וועט אים באַזוכן ביי אַ געלעגנהייט. דערווייל האָט אים דער קאָלאָניסט יאַנקל מיט אַלץ באַזאָרגט, אַזוי, אַז עס פעלט אים גאָרנישט. זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פון דער טעראַסע און ליפּסקער האָט פאַר אים אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט דער קאָלאָניע. אַלץ געפעלט אים דאָ, די נאַטור, די שטילקייט, אַפילו די מענטשן זענען דאָ אַנדערע ווי אין שטאָט. דאָרט איז אַ געיאָגעריי נאָכן געלט, איינער וויל דעם אַנדערן איבעריאָגן. אויף שריט און טריט שטויסט מען זיך אָן אויף פאַלשקייטן און שקרים. דער דאָרפס־מענטש איז אַנדערש, אָט די קאָלאָניסטן זענען פּראָסטע, ערלעכע און אָפנהאַרציקע מענטשן, און ער האָפט, אַז ער וועט זיך דאָ גוט איינלעבן מיט זיי.

דער לערער שולקין האָט אַ שמייכל געטאָן, און מיט צוויי פינגער זיך אַ וויש געטאָן די וואָנצעס. ער האָט באַדאַכט געענטפערט:

— איך האַלט אַז מענטשן זענען אומעטום די זעלבע, צי אין שטאָט, צי אין דאָרף. און וועגן די קאָלאָניסטן איז דאַכט זיך נאָך צו פרי צו אורטיילן. עס וועט אַוועקגיין אַ שטיקל צייט, וועט איר ערשט דעמאָלט קענען זאָגן אַ מיינונג וועגן זיי.

## קאַפּיטל צוויי

# זוניקע טעג

די ערשטע נאַכט אין קאָלאָניע איז ער געשלאָפן ביי אַן אויפגעמאַכטן פענצטער, אים האָט זיך געדאַכט אַז אַזאַ גרויסן, ווייטן, אומענדלעכן הימל, מיט אַזעלכע מיליאַרדן פינקלדיקע שטערן, זעט מען נאָר אין קאָלאָניע. ער איז מער געווען וואַך ווי געשלאָפן. די נאַכטיקע פינצטערניש איז געווען פול מיט לעבן: גרילן האָבן אַן אויפהער געזעגט מיט זייער גרילצעריי, די זשאַבעס האָבן געקוואָקעט, ווי זיי וואָלטן געבענקט און געוואַרט אויף עפּעס.

פּלוצעם האָט ער דערהערט, גאַנץ נאָענט ביים פענצטער, אַ ווונדער־לעך פויגלגעזאַנג, — דאָס צוויטשערט ערגעץ, באַהאַלטן צווישן צווייגן, אַ נאַכטיגאַל. ער זינגט אויס פאַר זיין געליבטער אַ ליבע־ליד. ליפּסקער האָט זיך צוגעהערט מיט תענוג צו די דינע, ווונדערלעכע טענער. אַ מערק־ווירדיק געפיל האָט אים באַהערשט. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אים אַרומגענומען, ער האָט געבענקט נאָך עפּעס ווייטס און שיינס, נאָך אַזוינס, צו וואָס עס איז שווער צו דערגרייכן... די גלידער האָבן זיך אים ווי אויפ־געלאָזט. ער האָט געקוקט אויף די ביימער, פאַרהילטע אין שוואַרצן, אויף דעם שטיק פעלד, אויף זיין פעלד, און דער בליק איז צוריק אַרויף צו די שטערן. די זאַנפטע לופט האָט אים איינגעשלעפערט. פּלוצעם האָט ער דער־הערט פון איבערן וואַנט, פונעם סופיט אַראָפּ, אַ לייכט שאַרשעריי, אַ גע־קלאַפּעריי ווי פון אַ רעגן. ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און ווידער דערזען דורכן פענצטער דעם אויסגעשטערנטן הימל.

— ווו זשע קלאַפּט עס? אַהאַ! דאָס רודערן אַזוי די שטשורעס! זאָלן זיי קלאַפּן! וועמען אַרט עס? ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און איינגעשלאָפן.

אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר האָט אים אויפגעוועקט — און שוין זענען געשטאַנען אין מיטן צימער זיינע באַקאַנטע קאָלאָניסטן יאַנקל און משה און מיט זיי נאָך צוויי מענער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשליסן די טיר? אין קאָלאָניע פאַרשליסט מען נישט קיין טירן, — האָט אויסגערופן יאַנקל.

— און אַז דו פאַרשליסט שוין יאָ, העלפט עס עפּעס? אַ גוטער דריק די קליאַמקע, און עפנסט די טיר — האָט געענטפערט משה.

זיי זענען צו צו ליפּסקערן און גענומען אים טרייסלען ביי דער פּלייצע:

— לערער, ווער שלאָפט עס עפּעס אַזוי שפּעט אין קאָלאָניע? מיר זענען געקומען דאַווענען, און ער שלאָפט נאָך!

— טוט איך אָן, זייט מוחל, ר׳ לערער, און קומט אַריין. איר פעלט אויס צום מנין — האָט אויסגערופן דער דריטער, מיט דער ברייטלעכער באָרד.

ביי ליפּסקערן פלעגט שטענדיק נעמען צייט דאָס וואַשן, ראַזירן און אָנטאָן זיך. ווען ער איז דערנאָך אַריינגעקומען אין שול אָן אויסגערוטער און פרישער, האָט ער באַמערקט ווי די מתפּללים וואַרפן זייטיקע בליקן אויף אים. ער האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם און אַ ביסל פאַרשולדיקט, וואָס ער האָט זיי געלאָזט וואַרטן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער לעצטער באַנק, אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ קליין סידורל און אַריינגעקוקט דערין.

דער מנין צום דאַוונען איז טאַקע געווען אין דעם קלאַס פון זיין שול, ווו ער דאַרף אָנהייבן צו לערנען. אין ווינקל, נעבן דעם וואַנט־טאָוול, איז געשטאַנען דער עמוד מיט אָרון קודש. די דאַוונער זענען געזעסן איינגעקוועטשט אין די שולבענק, וואָס האָט די קאָלאָניסטן, צווישן זיי יידן מיט לאַנגע בערד, געמאַכט אויסזען קלענער און איינגעשרומפּענער.

מען האָט אים אויפגערופן צו מפטיר. ער האָט געפילט זייערע אָנגעשפּיצטע אויערן בשעת ער האָט געזאָגט די ברכות און דערנאָך די הפטורה. ליפּסקער האָט געוווסט, אַז זיין אופן פון „זאָגן" וועט זיי נישט געפעלן, ווייל ער האָט זיך נישט צעניגונט אויפן ליטווישן שטייגער, נאָר ער האָט קלאָר און איינפאַך געזאָגט אַ דייטלעכע עברי.

נאָכן דאַוונען האָט אים אַ יעדער אָפּגעשטעקט אַ שלום עליכם און אויסגעפרעגט פון וואַנעט ער קומט און פון וועלכער געגנט ער שטאַמט.

ער האָט זיי אַרויסבאַגלייט ביזן שאָסיי און שוין געווען צופרידן, ווען ער איז געבליבן אַליין.

אָבער לאַנג האָט מען אים נישט געלאָזט זיין אַליין. באַלד נאָך מיטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצופאָרן פורלעך, ווי אַ שטייגער, אין אַ זונטיק, פאַר אַ קלויסטער אין דער אַלטער היים. עס זענען געקומען קאָלאָניסטן מיט זייערע גאַנצע פאַמיליעס. די פורן און סולקעס האָט מען געלאָזט פאַר דעם הויף, פאַרוואָרפן די לייצעס אויפן פלויט און אַליין האָט מען זיך געלאָזט מיט דער סטעזשקע צו דער שול, צו דעם נייעם לערער. באַלד איז פול געוואָרן די שטוב מיט זיי. אָט זיצט משה דער קאָמיסיע־מיטגליד מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. די פרוי זיינע — אַ לעבעדיק, רירעוודיק ווייבל פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אַזוי זענען אויך זייערע פינף קינדערלעך, וואָס פילן זיך דאָ באַלד זייער היימיש און שטיפן אַרום אין אַלע ווינקעלעך. אָט זיצט חיים לאַנדער, ער שטאַמט פון דער זעלבער געגנט וואָס ליפּסקער, ער האָט די זעלבע אויסשפּראַך ווי ליפּסקערס פאָטער, זיינע פעטערס און פריינט, וועלכע זענען געבליבן אין דער אַלטער היים, ווו היטלערס האָרדעס בושעווען איצט איבער זיי...

אין דער האַלב אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן אַ דיקע יידענע. זי האָט שווער געאָטעמט און ליפּסקער האָט איר שנעל אונטערגעטראָגן אַ שטול.

— אַ דאַנק, — האָט זי פריינטלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ צו ליפּסקערן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול און געבליבן זיצן שטייף, איר קאָרסעט האָט זי געהאַלטן ווי אין צוואַנגען.

— געוואָלט אויך כאַפּן אַ קוק אויפן נייעם לערער — פאַרענטפערט זי זיך מיט אַ שמייכל — איך בין טאַקע אייערע אַ שכנה, אָט דאָ, אַנטקעגן, איז אונדזער ווירטשאַפט. זייט נישט ברוגז, וואָס מיין מאַן איז נישט געקומען, ער שלאָפט נאָך, ער וועט זיך אויפכאַפּן, וועט ער אויך אַריינקומען.

ניין, ליפּסקער איז נישט ברוגז, ער וואָלט אויף די אַנדערע אויך נישט ברוגז געווען, ווען זיי וואָלטן נישט געקומען, ער דרייט זיך אַרום, ווי אַ פרעמדער, און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך און זיינע געסט.

— נו, וואָס זאָגט איר צו אייער נייעם שכן, צו אונדזער לערער, ווי געפעלט ער אייך, מלכה?

— נישקשה פון אַ לערער. כאָטש דער פריערדיקער איז מיר בעסער געפעלן. איי, איז דאָס געווען אַ לערער! — האָט מלכה די דיקע יידענע פאַרצויגן די ליפּעלעך און געדרייט מיטן קאָפּ — איר הערט? ער האָט געגעבן אַ שפּאַן איין די סולקע און געגעבן אַ רוף: „מלכה, איר דאַרפט עפּעס אין שטאָט?" אוודאי האָב איך באַדאַרפט! האָט ער מיך געפירט אין שטאָט. און געשמעקט האָט פון אים מיט כל הריחות! דאָס פאַרפום־פלעשעלע האָט ער שטענדיק מיט זיך מיטגעטראָגן אין בוזעם־קעשענע.

— און אַ ווייב האָט יענער געהאַט — באַמערקט אַ קאַלאַניסט — געווען צו וועמען אַריינצוקומען, אַז מען איז געקומען צום לערער, האָט די לערערקע געשטעלט כיבוד אויפן טיש.

— ליפּסקער, האָט זיך יאַנקל אָנגערופן צום לערער, — וואָס דאַרף מען אַזוי פיל ברייען אַ קאַשע, ליפּסקער, אַנו שטעל נאָר עפּעס אויפן טיש!

— יאָ, טאַקע, — האָט ליפּסקער זיך געכאַפּט. ער האָט געבראַכט די נאָך נישט אויפגעקאָרקעוועטע פלאַש בראַנפן, דעם צובייסן, וואָס יאַנקל האָט נעכטן פאַר אים געקויפט, און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

אַרום טיש איז פריילעכער געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן צוצווינטשע־ווען ליפּסקערן, ער זאָל מצליח זיין, עס זאָל אים גוט זיין און טאַקע, פאַר וואָס נישט געפינען דאָ זיין זיווג. ווייניק שיינע מיידלעך האָבן די קאָלאָ־ניסטן?

די ווייבער האָבן אויפגעלעבט. ס'איז אַוועק אַ גערעדעריי, אויסצוזוכן אַ כלה פאַרן לערער. איינע האָט אַריבערגעשריען דער אַנדערער: אפשר בערלס טאָכטער? — ניין, זי איז צו פיל פאַרקיאָזשעוועט. — אפשר חיים לאַנדערס טאָכטער? וואָס שווייגט איר, ר' חיים? לאַדט איין דעם בחור אויף אַ מיטאָג און אַראָפּ אַן עסק!

חיים לאַנדער האָט געגעבן אַ קוק אויף ליפּסקערן, דער ייד האָט אים אַמבעסטן פאַרשטאַנען. ער האָט זיך צעשריען אויף די קאָלאָניסטן:

— וואָס האָט איר זיך היינט אָנגעדונגען? זיך צעזעצט אַרום טיש ווי אין קרעטשמע און מען האַלט אין איין קלאַפּן מיט די מיילער, ווי די

גענדז! — ער האָט זיך בייז אָפּגעדרייט פון זיי און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף ליפּסקערס אַקסל — איך לאַד אייך טאַקע צו מיר איין, אָבער נישט, חלילה, צו דעם, וואָס זיי מיינען. מיר זענען דאָך עפּעס לאַנדסלייט, און איר זענט אַן עלנטער בחור, קומט אַ מאָל אַריין אַן אויפדערנאַכט, אָדער אויף אַ מיטאָג, פאַר וואָס נישט? ס'איז נישט ווייט, איר וועט גיין מיט די פעלדער, וועט אייך זיין נענטער. איר וועט דורכגיין אייער פעלד, דערנאָך וועט איר אַריבערגיין דעם שטח פון מאַריאַנעס ווירטשאַפט און רעכטס וועט איר דערזען מיין שטוב.

ליפּסקער האָט אים באַדאַנקט און צוגעזאָגט צו קומען.

די ווייבער האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך. אַז מען רעדט שטיל, וויל מען דאָך דווקא הערן. האָט ליפּסקער צוגעלייגט אַן אויער און אויפגעכאַפּט עפּעס פון זייער סודותדיקער גערעדעריי.

— די דייטשקע מאַריאַנע? אַזוי! דער מאַן איז אַוועק און זי האָט אַריינגענומען צו זיך דעם שגץ פאַנטשאָ?

— נעכטן טרעף איך זי אין קאָאָפּעראַטיוו, — דערציילט אַן אַנדערע — וויזט זי מיר אַ טיכל, וואָס פאַנטשאָ האָט איר געקויפט. זעט, זאָגט זי, וואָס פאַר אַ פּרעזענט מיין פאַנטשאָ האָט מיר געגעבן. איר הערט? „מיין פאַנטשאָ" רופט זי אים.

— און אין שטאָט אַריין פאָרט זי נאָר מיט פאַנטשאָן און נישט מיטן מאַן און זי זיצט נאָענט צוגערוקט צום שייגעץ און זי האַלט די האַנט אויף דער פאָרענטשע איבער זיין פּלייצע.

— ס'איז שוין יענע מאַריאַנע! דער אַדמיניסטראַטאָר קומט דען נישט צו איר? און יוסטמאַן? ביידע צוזאַמען פאָרן זיי דאָך יעדן זונטיק צו איר!

ליפּסקער האָט געקוקט אויף לאַנדערן, וואָס האָט זיך בייז אויפגעשטעלט און מיט דער פויסט געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש:

— וואָס האָט איר זיך היינט אָנגעזעצט? וואָס פּלאַטקעוועט איר דאָ?

— אפשר נישט אמת? מיר האָבן אַליין געזען דעם אַדמיניסטראַטאָרס פערד, צוגעבונדן ביים פּלויט פון איר הויף! — זענען אים די ווייבער געשפּרונגען אין די אויגן.

— הערט, ליפּסקער! — האָט זיך לאַנדער אויסגעדרייט צום לע־

רער: — זייט זיי האָבן עפּעס אויסגעפונען אויפן אַדמיניסטראַטאָר, האַלט מען אין איין זוכן חטאים אויף אים.

— ר׳ חיים, עפּעס רעדט איר דאָך שוין אויך ווי זיינע מענטשן: זייט ווען אַן האַלט איר דאָס מיטן אַדמיניסטראַטאָר?

— איך האַלט נישט מיט קיינעם. איך קען נאָר נישט ליידן, אַז מען רעדט לשון הרע. — די שמועסן זענען אַלץ העכער און העפטיקער געוואָרן. ליפּסקער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען.

אין דרויסן האָט ער געטראָפן די משהכע זיך פאָרען ביי איר דריי יאָריק מיידעלעס אונטערהייזלעך.

— וואָס זאָגט איר, לערער, צו מיין קאָקאַן, זי האָט זיך נישט געפּילט מיט אַלעמען, האָב איך איר געגעבן אַ באַלאָנדל, אַ גאַנץ קליינעם, אַזוי — פון אַ האַלבן ליטער וואַסער, גייט נישט צוריק אַרויס דאָס וואַסער.

ליפּסקער האָט נישט פאַרשטאַנען.

— פאַר וואָס פאַרשטייט איר נישט? איך האָב געמאַכט דעם קינד אַ קאַנע.

— א — האָט ליפּסקער באַגריפן — דאָס וואַסער וועט צוריק אַרויס. נאָר אַז מען מאַכט דעם קינד אַ קליסטיר, פאָרט מען נישט אַרויס, נאָר מען זיצט אין שטוב.

זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ קרומלעכן קוק, געכאַפּט דאָס קינד און צוריק אַריין אין צימער.

דעם אַנדערן טאָג האָט ליפּסקער זיך גענומען צום אויסרייניקן די וווינונג. ער האָט אַרויסגעטראָגן די הויפנס ערד וואָס מורעשקעס האָבן אויפגערירט. ביים רייניקן די קיך, האָט ער פּלוצעם דערהערט אַ שאָרכעריי אין אויוון. ער האָט זיך אָנגעבויגן און אַריינגעקוקט. דאָרט איז געלעגן אַ צוזאַמענגעקנוילטע חיה, גרויס ווי אַ הונט. עס איז אים אומהיימלעך געוואָרן פון אָט דעם אומאָנגענעמען מיטלאָקאַטאָר און ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס רייניקן די קיך.

פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן דאָס טופּען פון אַ פערד. ער איז אַרויס און דערזען אַ יונגן־מאַן, אָנקומענדיק אויף אַ ברוין, געוווקסיק פערד. דער רייטער איז געווען צו עלעגאַנט און געפּלעגט, ער זאָל זיין איינער פון די

קאָלאָניסטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דעם אַרויסקומענדיקן ליפּסקערן, מיט איין האַנט האַלטנדיק די לייצעס און די אַנדערע אָנגעשפּאַרט אויף דעם פערדס רוקן, האָט ער זיך הויך צעלאַכט און אויסגערופן:

— דאָס זענט איר דער נייער לערער, וואָס האַלט זיך נישט פאַר קיין „אינטעליגענט" און דאַרף זיך נישט קומען פאָרשטעלן פאַרן אַדמיניסטראַטאָר? — זיין לאַכן איז געווען אַזוי האַרציק באַחנט, אַז אויך ליפּסקער האָט זיך צעלאַכט.

— איר זענט מסתמא דער אַדמיניסטראַטאָר?

— געטראָפן, מיין ליבער פריינט. — האָט דער רייטער אויסגערופן, איז אַראָפּ פונעם פערד, אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס און געגעבן די האַנט:

— מיין נאָמען איז הערשקאָוויטש.

— זייער אָנגענעם.

— אָט דאָרט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ גאַלאָפּירנדיקן רייטער, קומט מיין פריינט יוסטמאַן.

— איך ווייס, דער סעקרעטאַר פון קאָאָפּעראַטיוו.

— אָ, די קאָלאָניסטן האָבן אייך שוין גוט אינפאָרמירט!

יוסטמאַן איז געווען אַ הויכער, מיט אַ שמאָל פּנים און טונקעלע אויגן. ליפּסקער האָט אַריינגעבעטן די געסט. אויפן טיש איז נאָך געשטאַנען די פלאַש מיטן ביסל בראָנפן, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן נעכטן איבערגעלאָזט. ליפּסקער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך. הערשקאָוויטש האָט זיך געזעצט ביים טיש. יוסטמאַן איז יעדעס מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַרויסגעקוקט.

מיטן וועג האָט אַ מאַן געטריבן עטלעכע קעלבלעך אין דער ריכטונג צום שטאָט. יוסטמאַן האָט געגעבן אַ ווינק צו הערשקאָוויטשן. זיי האָבן שנעל אויסגעטרונקען די אָנגעגאָסענע גלעזלעך, זיך אָפּגעזעגנט און זענען אַוועק.

באַלד איז געקומען צו לויפן משה, אַ פאַרסאַפּעטער. פון זיין פערד האָט געזעצט אַ פּאַרע:

— זיי זענען אַוועק! — האָט ער אויסגערופן אַנשטאָט אַ גוט מאָרגן.

— ווער „זיי"? — האָט ליפּסקער זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק.

— ווער? דער אַדמיניסטראַטאָר מיט יוסטמאַנען.

— געווען!

— נאָך וואָס זענען זיי געקומען?

— איך ווייס? זיך געקומען מסתמא מיט מיר באַקענען.

— איי ליפּסקער, ביסט טאַקע אַ מלמד! פאַרשטייסט זיך נישט אויף אַ טשאַד! איך האָב נאָר וואָס באַגעגנט פּאַנטשאַן, טרייבט יוסטמאַנס קעלבלעך אין שטאָט. איז עס מיר געוואָרן נישט גלאַטיק. וואָס עפּעס אין מיטן דרינען, אין אַ זונטאָג, טרייבט פּאַנטשאָ יוסטמאַנס קעלבלעך אין שטאָט? אויב ער שיקט שוין יאָ קעלבלעך, פאַר וואָס טרייבט זיי נישט זיין אייגענער אַרבעטער? הם, איז דאָס נאָר אַן אָפּגערעדטע זאַך, אַרויסגעפּטרט פּאַנטשאַן, אַבי צו קענען גיין צו מאַריאַנען דער דייטשקע!

ליפּסקער איז בייז געוואָרן:

— וואָס גייט עס מיך אָן, אייער דייטשקע מיטן אַדמיניסטראַטאָר אין איינעם! איך בין צו אייך געקומען זיין אַ לערער, טאָ שטעלט מיר צוזאַמען די שול. זעט, אין וואָס פאַר אַ וווינונג איר האָט מיך אַריינגעזעצט! גיט אַ קוק, ווער ס'ווינט ביי מיר אין אויוון!

— ליפּסקער, אין וואָס גייט אייך, ליפּסקער, אין דער שול? — האָט משה אים איינגעענומען — מאָרגן שיק איך אייך מיינע דריי בנים. קיין קינדער וועט אייך נישט פעלן. און די וווינונג וועט מען אייך אויסרייניקן. מען וועט שוין זען, מען דאַרף זאָגן שלמה יאַנקלען, ער זאָל צוזאַמענרופן אַ קאָמיסיע־זיצונג, וועט מען שוין אַלץ אַדורכשמועסן. אַנו, לאָמיר טאַקע זען, וועמען איר האָט דאָרטן אין אויוון.

ער האָט מיט אַ לאַנגן שטעקן אַנגערירט אין אויוון דעם צוזאַמענגעדרייטן קנויל, דער קנויל האָט אַ מרוקע געטאָן... משה האָט אַ דערשראָקענער זיך צוריקגעצויגן.

— וואָס איז דאָס? — האָט אים ליפּסקער געפרעגט.

— איר זעט נישט? אַ חיה, זיך געמאַכט אייער אויוון פאַר אַ נאָרע.

— אַזוי? און אַז מאָרגן וועט זי זיך מאַכן מיין געלעגער פאַר איר נאָרע?

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן. — משה האָט זיך געאײַלט. ער האָט געגעבן ליפּסקערן אַ קלאַפּ אין פּלייצע: — ס'וועט זיין גוט, לערער, נישט

געזאָרגט! ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד און אַוועקגעגאַלאָפּירט.

מיטאָג האָט ליפּסקער געגעסן ביים שפּאַנישן לערער שולקין. דערווייל איז ער דאָרטן געווען אויף קעסט. שולקין האָט באַמערקט ליפּסקערס אומצופרידנקייט און געפרעגט מיט אַ שמייכל:

— געהאַט אַ סך געסט נעכטן?

— יאָ.

דעם לערערס פרוי, אַ גוטע באַלעבאָסטע, האָט מיט געשמאַק צוגעגרייט דאָס עסן און זעענדיק ווי ליפּסקער שטעכט, צעשטרייט, מיטן גאָפּל אין סאַלאַט, נישט נעמענדיק זיך קיין פליישׁ, האָט זי אים אַוועקגעלייגט אויף זיין טעלער אַ גוט צוגעברוינט שטיק הון.

— אַ דאַנק. איך ווייס אַליין נישט, ווי אייך אָפּצודאַנקען פאַר אייער גאַסטפריינטלעכקייט. ער האָט געוואָלט וועגן אַ סך זאַכן אויספרעגן שולקינען, נאָר זיך אָפּגעהאַלטן. עס איז אַריינגעקומען די דינסט און געזאָגט, אַז אַ פּרוכטהענדלער האָט געבראַכט קאַווענעס צו פאַרקויפן. אין דער אָפענער טיר האָט ליפּסקער דערזען אַ יונגן בלאָנדן מאַן מיט צוויי קאַווענעס אין די הענט. דער מאַן איז געווען צוריקגעהאַלטן און נישט דרייסט האָט ער אָנגעבאָטן זיין סחורה, ווי ער זאָל קומען בעטן אַ נדבה.

די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען צום פאַרקויפער.

— איר ווייסט ווער דער מאַן איז? — האָט שולקין געפרעגט.

— איך ווייס נישט ווער ער איז, נאָר קיין געבוירענער הענדלער איז ער זיכער נישט — האָט ליפּסקער געענטפערט.

— דאָס איז אויך אַ קאָלאָניסט. מאַריאַנעס מאַן.

— אַזוי? — האָט זיך ליפּסקער פאַראינטערעסירט — ווער זשע באַאַרבעט אים דאָס פעלד?

— ער האָט זייער ווייניק פעלד באַקומען. נאָר דרייסיק העקטאַר. האָט ער בשותפות מיט אַ גוי געדונגען נאָך פעלד, דער גוי באַאַרבעט דאָס פעלד און ער פירט אַרום אויבסט צו פאַרקויפן.

— הייסט נישט דער גוי פאַנטשאָ?

שולקין האָט אַ שמייכל געטאָן:

— יאָ, נאָר הערט איך נישט צו צו די רכילות. כאָטש, צוריקגע־

שמועסט, האָב איך שוין לאַנג געזאָגט, אַז דערפֿון וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. מען לאָזט נישט איבער אַ יונגע פֿרוי מיט אַ שגץ אַליין אויף אַ טשאַקרע.

נאָך מיטאָג האָט ליפּסקער נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. די שטוב מיט דער חיה אין אויוון איז אים נמאס געוואָרן. ער האָט זיך געלאָזט גיין שפּאַצירן. ער איז געגאַנגען איבער דעם שטיקל פֿעלד, וואָס ביי זיין שטוב און געקלערט, אַז ער וועט עס לאָזן אויפֿאַקערן און פֿאַרזעצן אַ ביסל גרינוואַרג. אַזוי שפּאַצירנדיק איז ער צוגעקומען צו דער אַנדערער זייט וועג און דערזען פֿאַר זיך אייניקע הייזער. ער האָט זיך דערמאָנט אין חיים לאַנדערס איינלאַדונג, אים צו באַזוכן. זיין הויז דאַרף זיך ערגעץ דאָ געפֿינען.

און טאַקע, ביי דער רעכטער זייט האָט ער געזען אַ גרויסן הויף מיט אַ שיין געמויערט הויז. אין דער פֿראָנט־זייט אַ גאַנעק מיט גרויסע גלעזערנע פֿענצטער. אין הויף האָט זיך געזען אַ גרויסע שטאַל און גרויסע הינערשטייגן. דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ וווינט אַ גוט־איינגעזעסענער קאָלאָניסט, וואָס ווייסט ווי אַזוי צו באַלעבאַטעווען.

דאָ דאַרף וווינען חיים לאַנדער, האָט זיך געקלערט ליפּסקער. ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויף. ביים פֿאַרקאָן האָט ער באַמערקט אַן אָנגעזאָטלט פֿערד. פֿונעם הויז איז אַרויסגעקומען אַ יונגע פֿרוי. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין רייטהויזן און אין אַ ווייסער בלוזקע. די געדיכטע, געקרויזלטע האָר אַרומגעבונדן מיט אַ געבלומט טיכל, וואָס האָט זיך קאָקעטיש פֿאַרענדיקט מיט אַ שלייף. זי איז איילִיק געגאַנגען, דרייענדיק אומרויִק מיטן קאָפּ, און צוקלאַפּנדיק מיט דער רעבענקע איבער די געפּאַסטע שטיוועלעך.

ליפּסקערן האָט אָנגעהויבן שנעלער צו קלאַפּן דאָס האַרץ: — האָב איך דאָך גלייך געטאָן, וואָס איך בין געקומען אַהער!

זי האָט מיט אַ שנעלן בליק און קוים באַמערקבאַרן שמייכל באַטראַכט דעם אַריינגעקומענעם, זיך גיך און גראַציעז אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן פֿערד און, שוין רייטנדיק, געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט ווי צו געזעגענען זיך.

ליפּסקער האָט איר נאָכגעקוקט:

— פֿאַר וואָס זשע פֿאָרט זי אַוועק, ווען איך קום אָן? — האָט ער אומצופֿרידן געטראַכט.

— אוי בעטי, בעטי, זע נאָר וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן! — האָט אויסגערופן חיים לאַנדערס פרוי, ברייט אויפמאַכנדיק די גלעזערנע טיר פונעם גאַנעק.

פון אַ צימער האָט זיך באַוויזן אַ מיידלשער קאָפּ, אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און באַלד פאַרשוואונדן. פרוי לאַנדער האָט ליפּסקערן איינגעלאַדן, געבעטן זיצן. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דעם גאַסט.

— מיין טאָכטער בעטילע קומט באַלד אַרויס.

הייסט עס, אַז יענע וואָס איז אַוועקגעריטן, איז נישט די טאָכטער.

— ווער זשע איז... איך מיין, ווו איז אייער מאַן, דער הער לאַנדער, ווו איז? — האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט.

— מיין מאַן? באַלד קומט ער. ער איז נאָר געגאַנגען מיטן זון פאַרזייען אַ שטיקל פעלד. איך האָב אים אָבער באַלד געזאָגט: „גיי נישט, וואַסי, עס וועט אַנטלויפן דאָס פעלד? בעטילע, בעטילע, ווו זשע ביסטו?

ליפּסקערן האָט נישט צו רו געלאָזט אָט די יונגע פרוי וואָס ער האָט אַקאָרשט געזען. באַלד איז אַרויסגעקומען בעטי. איר שמאָל פּנים איז געווען באַדעקט מיט ווייסן פּודער; מיט איר פאַרשפּיצטן נעזל און שפּיציקע ציין האָט זי אויסגעזען ווי אַ יונג רויב־פויגל.

— מיין טאָכטער בעטי, — האָט פרוי לאַנדער זי פאָרגעשטעלט פאַר ליפּסקערן.

— זייער אָנגענעם — ליפּסקער האָט איר געגעבן די האַנט.

בעטי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים, אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויפן טיש. זי האָט זיך באַמיט צו רעדן אידיל, גרויסשטאָטיש:

— אַך, פון אַזאַ ליכטיקער, פריילעכער שטאָט זענט איר געקומען דווקא אין דער פאַרוואָרפענער וויסטע — האָט זי אויסגעצויגן די ווערטער און אויפגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע.

פון וועמען קאָפּירט זי אַזוי די פּאָזעס? אין קאָלאָניע איז דאָך נישטאָ קיין קינאָס? — האָט ליפּסקער זיך געוווּנדערט. ער האָט באַטראַכט איר שמאָלן קערפּער, איר גלאַטע ברוסט, ווי ביי אַ ייִנגל, און געקלערט פון דער אַוועקגעריטענער. ווען יענע האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד, האָט ער

גוט געזען איר שלאַנקע געשטאַלט, די שמאָלע היפּטן די פולע ברוסטן, ווי צוויי רונדע, זאַפטיקע עפּל.

— „ווי קומט אַזאַ פולער בוזעם צו אַזאַ שלאַנקער פיגור ?״ — האָט ער זיך אין די געדאַנקען געפרעגט.

— אוי, וואָס זיץ איך ? — האָט די באַלעבאָסטע זיך געכאַפּט — מיט וואָס זאָל איך אויפנעמען אַזאַ ליבן גאַסט ? וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי אָדער נעמען אַ ביסל ליקער ? — און נישט וואַרטנדיק אויף ליפסקערס ענטפער, איז זי שנעל אַרויס.

— דערציילט עפּעס פון בוענאָס איירעס — האָט בעטי זיך נענטער צו אים צוגערוקט.

„אויב יענע, די אַוועקגעריטענע, וועט זיך נישט אומקערן, איז אַ שאָד דאָס זיצן דאָ״ — קלערט זיך ליפסקער.

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן, סעניאָריטאַ, פון בוענאָס איירעס ? די זאַך איז, ווי אַזוי מען קוקט אויף איר. זוכט איר גוטס און שיינס, וועט איר זיכער טרעפן. אָבער ס׳איז אַ טעות, אויך דאָ אין קאָלאָניע וועט איר טרעפן אַ סך שיינקייטן.

— אין קאָלאָניע ? — האָט זיך בעטי פאַרקרימט — וואָס זעט איר דאָ פאַר אַ שיינקייטן.

— די נאַטור, סעניאָריטאַ, די פאַרנאַכטן אין דאָרף, די שטילקייט און רו, וואָס מען געפינט דאָ.

— דאָס לאָזט איבער, סעניאָר ליפסקער, פאַר די ביכער. פאַר מיר איז די קאָלאָניע אַ גיהנום. וואָס זאָל איך, אַזאַ יונג מיידל, דאָ טאָן ? אין שטאָט, אין אַ פאַרנאַכט, גייט מען שפּאַצירן, מען גייט אין אַ קינאָ. און דאָ, ווען עס פאַלט צו די נאַכט, ווערט שטאָק־פינצטער אין דרויסן. מיך שטיקט די פינצטערקייט. מען בלייבט אין שטוב, צווישן די פיר ווענט ביים שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל. קיין געזעלשאַפט איז נישטאָ. מען קען דאָך נישט שטענדיק לייענען אָדער שטריקן. און דאָ זענען קיין פּאַסיקע פריינט נישטאָ, איך האָב נישט מיט וועמען זיך צו חברן.

— ווי איך הער, איז אין קאָלאָניע דאָ אַ שיינע יוגנט, האָט איר דאָך אין די אָוונטן מיט וועמען זיך צו טרעפן.

די פרוי לאַנדער איז אַריינגעקומען מיט אַ גרויסער טאַץ, אָנגעשטעלט מיט גלעזער טיי און צובייסעכץ.

הערנדיק ליפּסקערס ווערטער, האָט זי זיך צעלאַכט:

— הם, אַ שיינע געזעלשאַפט פאַר מיין בעטין! מיט די קינדער פון די קאָלאָניסטן וועט זיך צוזאַמענקומען מיין טאָכטער?

— איר זענט דאָך אויך קאָלאָניסטן!

— יאָ, אָבער מיין טאָכטער האָב איך דערצויגן אין שטאָט. בעטילע איז געגאַנגען אין פּאַראַנאַ אין אַ גימנאַזיע. סעניאָר, פאַר וואָס טרינקט איר נישט? טרינקט און בייסט צו, טוט מיר צו ליב, ליפּסקער, פאַר וואָס לאָזט איר זיך אַזוי פיל בעטן?

ליפּסקער האָט איר צו ליב געטאָן.

— אייערע קיכעלעך שמעקן גאַנץ פיין, — האָט ער איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— עסט געזונט און לאָזט אייך נישט בעטן. אפשר נאָך אַ גלעזל טיי?

— ניין, אַ דאַנק, איך בין נישט קיין רוסישער. ביי אונדז, אין פּוילן, טרינקט מען נישט מער, ווי איין גלעזל טיי. יאָ, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן — האָט ליפּסקער געדרייט מיטן לעפעלע אין גלאָז און געזוכט ווער־טער און ענדלעך אַרויס מיט לשון: — ביי מיין אָנקומען איז פון דאַנעט גראַד ווער אַרויסגעפאָרן, אַ סעניאָריטאַ... ווער איז זי? אויך פון אייער משפחה?

— ווער? — האָבן מוטער און טאָכטער זיך איבערגעקוקט. — אוי, ער מיינט דאָך מאַריאַנען! — האָבן ביידע זיך צעלאַכט.

— ווי געפעלט אייך, ליפּסקער, — האָט די באַלעבאָסטע געדרייט מיטן קאָפּ — מאַריאַנע די דייטשקע קומט צו מיין בעטילען, אַ שיינע חברטע! האַ?

ליפּסקער איז געוואָרן איבעררראַשט! הייסט עס, אָט די איז מאַריאַנע, וועגן וועלכער ער האָט שוין אַזוי פיל געהערט...

ליפּסקער איז נאָך געזעסן אַ ווײַלע. אַז ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און געלאָזט אַהיים גיין. ער האָט פאַר זיך אַליין געהאַט דעם תירוץ, אַז ער גייט נישט דורך די פעלדער, אַזוי ווי ער איז

געקומען, ווייל ער וויל נישט קריכן דורך די דראָטענע פאַרצוימונגען, און איז אַריינגעגאַנגען אין אַ דערנעבנדיקן הויף.

אַ גרויסער הונט איז אים אַנטקעגנגעשפּרונגען. זיין געביל האָט דער־הערט די באַלעבאָסטע און זי איז אַרויסגעקומען.

— העקטאָר, העקטאָר! — האָט זי גערופן דעם הונט, שטייענדיק אויפן שוועל. ליפּסקער האָט קיין טעות נישט געהאַט, דאָ וווינט מאַריאַנע. אָט שטייט זי אין דער אָפענער טיר, אַזאַ ווי ער האָט זי געזען אַוועקרייטן מיט אַ צוויי שעה צוריק. זי איז אַצינד נישט געווען אָנגעטאָן אין די רייט־הויזן, נאָר געטראָגן אַ „דירנדל"־קלייד, ווי עס טראָגן די טיראָלער פּויערטעס: אַ ברייטע, מיט אַ שמאָלן סאַמעט־שוואַרצן פּאַס, ווייסע אַרבל און אַ ווייס פאַרטעכל. דער הונט, דרייענדיק מיטן עק, איז צו צו איר. ביי דער סטאַ־דאָלע, נישט ווייט פון דער פאַרטקע, וווּ ליפּסקער איז געשטאַנען, האָט ער געזען אַ גאַוטשאַ פאַרריכטן אַ פּלוג.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער זיך צו אים געווענדט — איר וועט מיר דערלויבן דורכצוגיין דורך אייער פעלד?

דער קריאָזשע האָט זיך פאַרבויגן מיט אַלטמאָדישער העפלעכקייט, געוויזן ברייט מיט דער האַנט צום פעלד און געזאָגט:

— פּאַסע נאָמאַס! (גייט אומגעשטערט).

ליפּסקער האָט אים מיטן בליק אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס: ער איז געווען הויך און קרעפטיק, געהאַט אַ טונקעלע הויט און פּעך־שוואַרצע אויגן. זיין קליידונג איז געווען אַ נישט ערגערע און נישט בעסערע ווי ביי אַנדערע קאַלאָניסטן. אַ פּאָר ברייטע באָמבאַטשעס, אַ ברייטער לעדער־נער גאַרטל, באַשלאָגן מיט מעשענע קנעפּ, און דער האַלדז פאַרבונדן מיט אַ טיכל. ליפּסקערס ביינעריקע אויגן האָבן אויך באַמערקט אין דער אָפענער טיר פונעם קעמערל נעבן דער סטאַדאָלע אַ געלעגער און אָנגעוואָרפענע זאַכן. מסתמא איז דאָ דעם שגצס וווינונג.

כאָטש ליפּסקער האָט שוין געהאַט די דערלויבעניש דורכצוגיין דורכן הויף איז ער דאָך שטיין געבליבן פאַר דער באַלעבאָסטע און, כדי זיך צו פאַרהאַלטן אַ ביסל, האָט ער איר דערקלערט, אַז ער איז דער לערער אין קאָלאָניע, און ווינט — „אָט אָ דאָ", — אָנווייזנדיק אויף דער שול מיטן

בלעכענעם דאַך, וואָס האָט געגלאַנצט פון דער ווייטנס אונטער דער פאַר־גייענדיקער זון — און אַז ער וויל דאָ דורכגיין, כדי צו פאַרקירצן דעם וועג...

זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל, מיט צוויי טרעפּ העכער פון אים, ער האָט איין פוס אַרויפגעשטעלט אויף דער ערשטער טרעפּ און מיט באַוווּנדערונג זי באַטראַכט. צי איז דען וויכטיק, וואָס מען רעדט? אַז אויגן און שמייכל זאָגן אויס די געפילן.

זי האָט זיך לייכט פאַררויטלט פון זיינע וואַרעמע בליקן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט מיט איין האַנט געגלעט דעם צו איר זיך לאַשטשענדיקן הונט און מיט דער אַנדערער געוויזן אויפן הויף, באַלגלייט מיט אַ זינגענדיקן דייטשן אַקצענט די זעלבע ווערטער פונעם גאַוטשאָ:

— פּאַסע נאָמאָס!

די בליקן פונעם קריאָזשע האָבן ליפּסקערן געשטאָכן אין דער פּלייצע. ער האָט באַדאַנקט און איז ווייטער געגאַנגען. אָבער דאָס געשטאַלט פון מאַריאַנען, ווי זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל, אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון, באַגאָסן מיט רויט־גאָלדענעם שיין, האָט ער מיט זיך מיטגענומען. ווען ער וואָלט געווען אַ מאָלער און געמאָלן אַ פאַרנאַכט אין קאָלאָניע, וואָלט ער אָט אַזוי געמאָלן, מיט מאַריאַנען אויף דער שוועל...

דעם אַנדערן טאָג, מאָנטיק, האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען. אויף זייערע פערדלעך — ווי נאָמבערג האָט זיי אַ מאָל אָנגערופן — „יידישע קאָזאַקלעך" — זענען אָנגעקומען רייטנדיק די קינדער. אויך פון דער ווייטנס האָט ער זיי געזען גאַלאָפּירן, און איינער האָט געוואָלט דעם אַנדערן איבעריאָגן. ביים פּלויט, פאַר דער שול, האָבן זיי צוגעבונדן די פערדלעך, אַראָפּגענומען די טאָרבעלעך מיט עסן, וואָס דאַרף קלעקן אויף אַ גאַנצן טאָג, ווייל אַ האַלבן טאָג לערנען זיי אין דער יידישער שול און דעם אַנדערן האַלבן טאָג אין דער שפּאַנישער, און אויף מיטאָג אַהיים צו פאָרן, איז צו ווייט.

אויף די פערדלעך זענען זיי גאַנצע קנאַקערס, אָבער צו דער שול, דורך דער סטעזשקע, זענען זיי געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך און נישט זיכערע טריט: עפּעס אַ נייער לערער, דערצו אַזאַ יונגער און אויסגעפּוצטער, ווי אַזוי וועט מען מיט אים אויסקומען?

ליפסקער האָט זיי אויפגענומען מיט אַ שמייכל, געגלעט זיי איבער די אַראָפּגעלאָזטע קעפּעלעך און געפרעגט ווי זיי הייסן.

דאָס לערנען האָט זיך אָנגעהויבן און ליפסקער איז געווען צופרידן פון זיינע שילער. ער האָט געוווסט, ווי זיי צו פאַראינטערעסירן. ער איז געווען אַ גוטער דערציילער און יעדע לעקציע האָט ער דערקלערט מיט ביישפּילן. צו ביסלעך האָט די קינדער אָפּגעלאָזט זייער שעמעוודיקייט און זיי האָבן דרייסט געענטפערט אויף זיינע פראַגן.

ליפסקער האָט זיך אַלץ מער איינגעלעבט אין זיין נייער ראָל, אַצינד, ווען ער האָט געזען ווי די קינדערישע אויגן העכגען אויף זיינע ליפּן, ווי זיי שלינגען זיינע ווערטער און שטרעקן דערנאָך העכטלעך אין דער הויך, צו ענטפערן אויף זיינע פראַגן, האָט ער אין האַרצן דערפילט אַ צופרידנ־קייט צו זיין נייעם באַרוף.

ער האָט זיי געלערנט אַ ליד, ביאַליקס „אונטער די גריבינקעביימע־לעך", און ווי אַלע מאָל, האָט ער זיי אויספירלעך דערקלערט דעם אינהאַלט און מיין פון ליד: ער האָט זיי דערציילט פון די קינדער, וועלכע ביאַליק האָט באַזונגען, פון דער סביבה, ווו זיי האָבן געלעבט, פון דעם שטעטעלע, און פאַרענדיקט מיט דעם אויספיר, אַז יידישע קינדער זענען אומעטום די זעלבע, צי אין קליינעם שטעטל אין פוילן, צי אויף ענטרע ריאָסער פעלדער. ווייל ביי אַלע קינדער „האָבן די אייגעלעך צוויי פינטעלעך". די קינדער איז געפעלן ליפסקערס אויסטייטשן דאָס ליד און זיי האָבן מיט האַרץ געזונגען זינגען „אונטער די גרינינקע ביימעלעך שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך"... ליפסקער האָט געקוקט אויף די צעשטראַלטע אייגעלעך פון זיינע תלמי־דימלעך און ער האָט אין האַרצן באַכגעזאָגט די לעצטע ווערטער פון ביאַ־ליקס ליד: „מיר זאָל זיין פאַר אייערע כשרה, יידישע אייגעלעך".

די קינדער האָבן אים אָנגעהויבן צו ברענגען מתנות: יאָסעלע האָט אין איינעם אַ טאָג, שעמעוודיק, געגומען זוכן אין זיין טאַרבע און אַרויסגע־צויגן אַ קליין הינטעלע; דאָס הינטל איז געווען אַ שוואַרצס, מיט ווייסע פלעקן אויפן רוקן און אויפן בייכל. ס'איז געבליבן ליגן אומבאַהאָלפן אויף דער ערד מיט צעשפּרייטע פיסעלעך, ווי אַ זשאַבקעלע, און זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטיל וויען.

יאָסעלע האָט, דרייענדיק פאַרלעגן מיטן קאָפּ און אונטערשטאַמלענ־דיק, דערציילט:

— אונדזער צויג האָט געהאַט הינטעלעך, האָב איך דאָס שענסטע אויס־געקליבן פאַרן לערער!

— אַ דאַנק דיר, יאָסעלע, — האָט ליפּסקער געענטפערט און אים געגלעט איבערן בלאָנדן קעפּל: — האָסט גוט געטאָן, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט אַ הינטעלע. דאָס ערשטע, וואָס אַ קאָלאָניסט באַדאַרף, איז אַ הונט ביי דער שטוב.

— אַ לערער איז נישט קיין קאָלאָניסט — האָט אברהמל, איינער פון די גרעסערע יינגלעך, געזאָגט.

— אַ לערער אין קאָלאָניע איז אויך אַ קאָלאָניסט. — איר וועט זען ווי איך וועל מיר דאָ איינאָרדנען אַ גוטע באַלעבאַטישקייט. איר וועט מיר העלפן?

די קינדער האָבן זיך באַגייסטערט מיט ליפּסקערס פּלאַן.

— יאָ לערער, מיר וועלן אייך מיטהעלפן! — האָבן זיי געענטפערט אין כאָר.

— צו אַלעם ערשט וועלן מיר אַרום דער שול פאַרזעצן ביימער, עס זאָל זיין אַ שאָטן און עס זאָל נישט זיין אַזוי פּוסט.

די קינדער האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך.

— ביי דער שול נעמען זיך נישט אָן קיין ביימער, יעדער נייער לערער וועלכער קומט, זעצט ביימער און זיי ווערן פאַרוועלקט.

— פאַר וואָס? — האָט ליפּסקער געשטוינט — זעט, ווי אַרום דער שפּאַנישער שול וואַקסן ביימער. די ביימער נעמען זי אַרום ווי אַ געטרייע מאַמע, זי זעט אויס ווי באַקליידט אין גרינס, זיי שיצן די שול זומער פאַר היצן און ווינטער פאַר ווינטן און שטורעמס. און אונדזער שול שטייט אויס־געשטעלט אויף היצן און ווינטן און בענקט, אַז ביימער זאָלן זי אַרומנעמען. יאָ, קינדער, מיר וועלן אַרום איר פלאַנצן ביימער.

— לערער — האָט אַ קינד געוואָלט ענטפערן, — נאָר רויט געוואָרן און זיך צוריקגעצויגן. אויך אברהמל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זיך צוריקגעהאַלטן. ליפּסקער האָט עס באַמערקט און זיי צוגעגעבן מוט:

— אירווילט מיר עפּעס זאָגן? זאָגט!

יאָסעלע האָט געגעבן אַ דריי מיטן קעפּל, ווי וועלנדיק פאַרטרייבן די שעמעוודיקייט און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ מאָל:

— ביי דער שפּאַנישער שול וואַקסן ביימער, ווייל דאָרט איז שוין פּופצן יאָר דער זעלבער לערער. און דאָ ביי אונדז בייטן זיך די לערער אַלע יאָר, צוליב דעם וואַקסן נישט די ביימער!

— אָבער דאָס איז דאָך נאַרישקייט! — האָט ליפּסקער אויסגערופן איבערראַשט — וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט די לערערס?

— יאָ, יאָ לערער, ס'איז אַזוי — האָט צוגעגעבן אברהמל — אויף דעם גאַנצן שטח זענען דאָ בלויז זעקס ביימער און אָט — זעקס לערערס זענען שוין געווען אין שול. יעדער לערער האָט געפּלאַנצט ביי אַ 30 ביימער און נאָר איין בוים האָט זיך אָנגענומען. הייסט עס, יעדער בוים — אַ לערער.

ליפּסקער איז געווען אַ ביסל צעטומלט פון די קינדערס רייד. — נו, מיר וועלן נאָך אַ מאָל פּרוּוון צו פלאַנצן ביימער און איך קלער גאָרנישט אַוועקצוגיין פון אייך.

די קינדער האָבן אַרויפגעקוקט אויף אים מיט פאַרערונג, אָבער ער האָט דערפילט, אַז זיי גלייבן אים נישט, ווייל קינדער און ביימער קען מען נישט נאַרן.

אויף צו מאָרגנס האָט אברהמל געבראַכט אַ מתנה, פאַרזיכטיק האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס קוישל אויף דער ערד, אַרויסגענומען פון דאָרט געלע פּיסקלאַטעלעך, נאָר וואָס אויסגעפּיקט פון די אייער. די קוואָטשקע האָט צע־שפּרייט די פליגל און אויפגעשטעלט די פעדערן, צו באַשיצן אירע קינדער.

— די מאַמע האָט דאָס אייך געשיקט — האָט אברהמל שעמעוודיק געזאָגט.

— אַ דאַנק דיר, אברהמל, טאַקע אַ שיינע מתנה — האָט ליפּסקער זיך געפרייט מיט די הינדעלעך. — איך וועל מיר נאָך צוקויפן הינער און מאַכן אַ שיינע הינער־צוכט.

ביי טאָג, זייענדיק פאַרנומען, איז אים לייכט געווען צו פאַרטרייבן די געדאַנקען וועגן מאַריאַנען, נאָר ביי נאַכט, אויף זיין געלעגער, האָט ער

אומאויפהערלעך געזען איר געשטאַלט, ווי זי שטייט אויף דער שוועל פון איר הויז און געהערט איר מעלאַדישע שטים: „פּאַסע נאַמאַס" — וואָס זי האָט אַזוי חנעוודיק אויסגעצויגן, מיט אַ זייטיקן בליק פון די שיינע אויגן.

— „מאַריאַנע!" — האָט ער געפּליסטערט אַרויף צו די שטערן — „אַפילו דיין נאָמען קלינגט ווי זיסע מוזיק". — זיינע הענט האָבן זיך צו איר געצויגן, צו גלעטן זי, פילן איר הויט אונטער זיינע פינגער...

פון שטענדיק אָן האָט ליפּסקער געהאַט אַ טיפן דרך ארץ פאַר פרויען. געגאַרט נאָך אַ פרוי און גלייכצייטיק זיך געשראָקן פאַר זיי.

די פרויען, וועלכע ער האָט געקענט אין זיין שטעטל, זענען אַלע געווען פאַראומערטע און פאַרהאָרעוועטע. זיין פאָטער האָט געהאַט אַ שענק. ביי טאָג פלעגן די פויערים פון דער סביבה קומען טרינקען אין זייער שענק. אָבער אין די אָוונטן פלעגן זיך צוזאַמענקומען יידן, זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן און געטרונקען. די מאַמע פלעגט, דרימלענדיק, זיצן הינטער דער סטאָיקע און דער טאַטע האָט צוזאַמען מיט די יידן געשפּילט אין קאָרטן. זי פלעגט כסדר אויפהויבן דעם אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, זיך פאַר־ריכטן די פאַטשיילע, אָפּזיפצן און אַ בורטשע טאָן:

— ווי לאַנג נאָך? ס'איז שוין שפּעט!

און איין מאָל זענען אַריין די ווייבער מיט צעשויבערטע האָר און פאַרשלאָפענע פּנימער, זיי האָבן געשריען, זיך געקנייפּט אין די באַקן און געריסן די האָר פונעם קאָפּ:

— ווי אַזוי זיצט מען דאָס דורך די נעכט אין די שענקען! ווי אַזוי האָט מען נישט קיין רחמנות אויף די קליינע קינדער און מען פאַרשפּילט דעם לעצטן גראָשן אין די קאָרטן?

זיי זענען צו צו דער מאַמען און זי באַשאָטן מיט רייד:

— יענטע לעבן! ווי אַזוי דערלאָזט איר דאָס, יענטע? ביי אייך אין שטוב, יענטע! וויי און ווינד איז אונדז!..

די מאַמע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. די ווייבער זענען ווילד געוואָרן. זיי זענען צו צו די מענער און געמאַכט צו זיי מיט די פויסטן:

— די בערד וועלן מיר אייך אויסרייסן! — זיי האָבן געכאַפּט בענקלעך און זיך געוואָרפן אויף זיי שלאָגן. די מענער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצו־

שאַרן, ווער עס איז געווען נעבנטער צום פענצטער, איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער.

געמיינט האָט מען דעמאָלט, אַז שוין, זיי וועלן מער נישט קומען, אָבער זיי זענען ווייטער געקומען, נאָר פאָרזיכטיק זיך אַריינגעשאַרט, געהייסן דער מאַמען צוהיטן און אויך ער, דער קליינער מרדכילע, האָט באַדאַרפט האַלטן וואַך, צי זיי קומען נישט אָן. און ווען מען האָט געזען, אַז זיי קומען, האָט די מאַמע באַהאַלטן די מענער אין צווייטן צימער און געמאָלדן די ווייבער, אַז זיי זענען נישטאָ, זייער פּוס איז דאָ נישט געווען.

דער לאַנגער לייביש איז געווען אַ פאַרעקשנטער שפּילער. ער האָט געהאַט אַן אײַדעלע פרוי. די מאַמע פלעגט דערציילן, אַז זי שטאַמט פון גרויסן יחוס, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין נדן, צוליב דעם האָט זי גענומען דעם לאַנגן לייביש.

איין מאָל, ווען לייביש איז געזעסן און געטרונקען, האָט די מאַמע דערזען דורכן פענצטער זיין ווייבל, לייביש איז שנעל אַריין אין צווייטן צימער און זיך פאַרשטעקט אונטערן בעט. דאָס ווייבל איז אַריינגעקומען און, דערזעענדיק אַז איר מאַן איז נישטאָ, האָט זי זיך היסטעריש צעוויינט:

— יענטעלע, אויך איר האַלט מיט אים? קיינער האָט אויף מיר קיין רחמנות, איר האָט אים ערגעץ באַהאַלטן, יענטעלע, זאָגט מיר, ווו איז ער, דער תכשיט מיינער, באָרד און פּיאות דאַרף מען דאָך אים אויסרייסן! אַ ייד האָט נישט קיין גאָט אין האַרצן און פאַרשיכורט דאָס לעצטע ביסל געלט! היינט איז שוין דאָנערשטיק און ער האָט מיר נאָך נישט געגעבן קיין פּרוטה אויף שבת!

די מאַמע האָט געפּרוווט זי באַרויקן און, זיך אומקוקנדיק, צי דער טאַטע זעט נישט, האָט זי אַרויסגענומען פונעם שופלאָד אַ ביסל געלט און עס געגעבן דער פרוי. די פרוי האָט עס אָפּגעשטויסן מיט ביידע הענט:

— זאָל איך קיין שלעכטס נישט האָבן! וואָס הייסט, איך וועל נעמען געלט? וואָס בין איך, — אויף מיינע שונאים געזאָגט — אַן אָרעמאַן?

די מאַמע האָט זי באַרויקט:

— ווער זאָגט דען, חלילה, אַז איך גיב אייך אַ נדבה? איך באָרג אייך אויס, איר וועט מערצישעם האָבן, וועט איר מיר אומקערן!

דאָס ווייבל האָט, כליפּענדיק, גענומען דאָס געלט:

— צוליב מיינע שעפּעלעך, די אָרעמע קינדערלעך מיינע — האָט זי געזאָגט.

דערנאָך האָט די מאַמע דעם לאַנגן לייביש מער קיין בראָנפן נישט געוואָלט געבן. אָבער דער טאַטע האָט געהייסן געבן:

— וועט ער גיין אין אַן אַנדער שענק, וועט דיר זיין בעסער?

דער פּאָטער האָט געהייסן אָנצאַפּן פונעם פעסל אַ האַלבע ביר און דערלאַנגען דעם לאַנגן לייביש.

— אַנו, מרדכילע, — האָט לייביש געטענהט מיט אַ שיכורן קול — פאָלג דעם טאַטן און דערלאַנג מיר אַ פרישע האַלבע ביר!

ליפּסקער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פינף—זעקס, נאָר די סצענע איז אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן. לאַנגזאַם האָט ער אָנגעצאַפּט דאָס ביר און זיך דערנענטערט מיט דעם גלאָז צו דעם טישל, ווו לייביש איז געזעסן. אין אים האָט אויפגעברויזט די קריוודע, וואָס דער לאַנגער לייביש באַגייט קעגן זיין פרוי, און נישט פילנדיק אַליין, וואָס ער טוט, האָט ער אָנגענומען די גלאָז ביר מיטביידע הענט און זי מיט זיין גאַנצער קינדערישער קראַפט אַ שליידער געטאָן לייבישן אין פּנים אַריין! פון לייבישעס שטערן האָט גענומען רינען בלוט. אין שענק איז געוואָרן אַ טומל. מרדכילע האָט געוויינט און די מאַמע האָט אים גענומען אויף די הענט און אַריינגעטראָגן אין שלאָף־צימער.

דער פּאָטער איז אַריינגעקומען און אים געוואָלט שלאָגן, אָבער די מאַמע האָט נישט געלאָזט. ער האָט געהאַלטן אין איין טענהן:

— איך וויל נאָר וויסן פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט ער גענומען און געוואָרפן לייבישן די האַלבע ביר אין קאָפּ?

אָבער מרדכי האָט געשוויגן. ווען מען וואָלט פון אים געוועז געשניטן פּאַסן, וואָלט ער אויך נישט דערציילט, פאַר וואָס ער האָט לייבישן געוואָרפן די גלאָז ביר אין קאָפּ. די מאַמע, דאַכט זיך, האָט אים יאָ פאַרשטאַנען. אָפּווישנדיק אים דעם פאַרוויינטן און פאַרשוויצטן פּנים און גלעטנדיק אים דעם קאָפּ האָט זי געזאָגט:

— נו, שאַ, וויין נישט! — אַז דו וועסט זיין אַ גרויסער, וועסטו קיין

שענקער נישט זיין. זאָלסט דיך גוט לערנען, הערסט? וועסטו נישט ווערן קיין שענקער.

ניין, אַ שענקער איז ליפּסקער נישט געוואָרן, און אויך צו קיין משקה און קאָרטן האָט ער זיך זיין גאַנץ לעבן נישט צוגערירט.

אַצינד, ליגנדיק אויף זיין געלעגער און טראַכטנדיק פון מאַריאַנען, האָט ער נישט געוואָלט גלייבן אין דעם אַלץ, וואָס מען דערציילט פון איר. ער איז זיכער, אַז אָט אַזוי, ווי זי זעט אויס אויסערלעך, אַזוי שיין און איידל איז זי אויך אינערלעך. אָבער דער צווייפל האָט אים גענאָגט: — פאַר וואָס פאָרן דער אַדמיניסטראַטאָר און דער סעקרעטאַר נישט צו אַנדערע קאָלאָ־ניסטקעס און נאָר צו איר? ער האָט געהאַט אַ פּאַרלאַנג, אויסצוגעפינען די זאַך און געזוכט אַ תירוץ פאַר זיך אַליין, זיך נאָך אַ מאָל מיט איר צו באַגעגענען.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער געזען מאַריאַנען גיין איבער זיין פעלד, גלייך צו אים. ער האָט נישט געוואָלט גלייבן זיינע אויגן, ער האָט געקלערט, אַז דאָס דאַכט זיך אים אויס. אָבער ניין, אָט גייט זי אַזוי, פריש און לעבע־דיק, אַזוי ווי ער האָט זי געזען דעם לעצטן זונטיק. אַ רויטקייט האָט אים באַשלאָגן. וואָס וועלן זאָגן זיינע תלמידים? עס איז געווען פונקט מיטאָג־צייט, ווען ער איז פריי צוויי שעה. די קינדער זענען געזעסן אויף די שטיינער פון דער גאַלעריע אַרום דער שול און געגעסן פון זייערע טאָר־בעלעך דעם מיטאָג. ער האָט נישט געוווסט, צי זאָל ער איר אַנטקעגנגיין, אָדער נישט. איז ער געבליבן שטיין פאַר דער פאָרטקע, וואָס פירט צו זיין שטוב. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לייכט געבלימט זומער־קליידל, דעם מאַנטל פאַרוואָרפן אויפן אָרעם.

— בוענאָס דיאַס, סעניאָר! — האָט זי אים באַגריסט מיט אַ שמייכל.

— איר וועט מיר דערלויבן דורכצוגיין דורך אייער הויף?

— פּאַסע באָמאָס! — האָט ער געענטפערט מיט דעם זעלבן, וואָס זי האָט אים זונטיק געזאָגט.

— אָ, איר זענט באמת זייער פריינטלעך, האָט זי זיך צעלאַכט.

ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר זיינע אויגן, איר פרישקייט

און אויפגעלייגטקייט האָט הארמאָניזירט מיט דעם זוניקן טאָג. איר פריי־לעכקייט האָט זיך אים איבערגעגעבן און ער האָט זיך אויך צעלאַכט. זי איז אַ מינוט שטיין געבליבן פאַר דער פאָרטקע. — צי וואָרט זי, ער זאָל זי אַריינבעטן אין שטוב? ער האָט עס נישט געטאָן.

זי האָט זיך געלאָזט ווייטער גיין מיט דער סטעזשקע צום וועג. ער האָט זי באַגלייט. די סטעזשקע איז געווען אַ שמאָלע און זי האָט זיך אייניקע מאָל אָנגעשטויסן אין זיין אַקסל. זי האָט אים דערציילט, אַז פאַנטשאָ וועט זי באַלד קומען אָפּנעמען און דערנאָך פירן אין שטאָט אַריין.

— און איר פאָרט גאָר נישט אין שטאָט? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך? ניין, נאָך וואָס?

— וואָס הייסט? איר קענט דאָך פאָרן מיטאָג עסן אין דעם רעסטאָראַן פון הערבערטן.

— נישטאָ קיין צייט, איך דאַרף לערנען.

— אַך, וואָס! איר פאָרט הין און צוריק מיטן אויטאָבוס און זענט צוריק אין דער צייט צום לערנען!

— איר זענט אפשר גערעכט.

זי האָט זיך שטיפעריש געגעבן אַ דריי און זיך צעלאַכט:

— אויב איר וועט ווידער גיין צו בעטין, האָט איר אַ פרייען פּאַסאָ דורך מיין פעלד.

— אַ דאַנק! דאָס זעלבע זאָג איך אייך אויך: אויב איר ווילט פאָרן אין שטאָט, גיב איך אייך דעם פּאַסאָ דורך מיין פעלד.

— אַך, ווי דזשענטלמעניש, ווי פריינטלעך איר זענט!

— מיין פריינטשאַפט וואָלט נאָך ווייטער געגאַנגען! — האָט ער זי קראַמפּהאַפט געגעבן אַ נעם אָן ביים אָרעם.

זי האָט אים אַ ביסל שפּאָטיש באַטראַכט און זיך באַפרייט פון זיין האַנט:

— איר, מענער, זייט אַלע גלייך.

— פאַר אַזאַ שיינקייט קען קיין איינציקער מאַן נישט בלייבן גלייכגע־פיליק.

זי איז ערנסט געוואָרן און געענטפערט אַ ביסל בייזלעך:

— היט אייך מיט די ווערטער, ווען נישט, נעם איך צוריק דעם פּאַסאָ דורך מיין פעלד.

ער האָט זיך צעלאַכט:

— עסן מיר היינט מיטאָג צוזאַמען ביי „הערבערטן״?

— אַ דאַנק. איך האָב שוין געגעסן מיטאָג אין דער היים מיט פּאַנטשאָן.

דאָס האָט אים מער פאַרדראָסן, ווי דאָס סטראַשען אים, אָפּצונעמען דעם פּאַסאָ. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. זיי זענען אַרויפגעקומען אויפן שאָסיי. פורלעך מיט קאָלאָניסטן זענען פאַרבייגעפאָרן — אין שטאָט אַריין. זיי האָבן פאַרווונדערט געקוקט אויף ליפּסקערן און זיין באַגלייטערין. די פרויען האָבן אויף איר געוואָרפן בייזע בליקן און די מענער האָבן זי באַ־טראַכט מיט אַ ציניש שמייכל. מאַריאַנעס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט, דער־נאָך האָט זי טראָציק געגעבן אַ וואָרף מיטן קאָפּ און אירע אויגן האָבן אויפ־געבליצט. ראַפּטעם האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אים:

— ליפּסקער, איר גלייבט זיי, וואָס זיי זאָגן אויף מיר?

מיט באַנגע אויגן און האַלב־אָפענע ליפּן האָט זי געוואַרט אויף זיין ענטפער.

— קיין איין וואָרט נישט, מאַריאַנע! — האָט ער פונקט אַזוי שנעל און ערנסט אָפּגעענטפערט.

— אַ דאַנק אייך! — האָט זי אים געגעבן די האַנט און פרייער אָפּ־געאָטעמט. זי האָט צוריקגעוווּנען איר שפּילעוודיקייט. אַ לייכט און פריש ווינטל האָט געבלאָזן פון די פעלדער און צעשויבערט אירע האָר.

— אַ שיינער טאָג היינט, אַ יאָ? — האָט זי אים געפרעגט און דערביי זיך צוגעהאַלטן דאָס קליידל, וואָס דער ווינט האָט פאַרהייבן.

— יאָ, עס וואָלט זיך געוואָלט, מאַריאַנע, אָננעמען ביי די הענט און לויפן, לויפן, אַנטקעגן דעם ווינט.

זי איז שטיין געבליבן נאָענט פאַר אים, אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן זענען פאַרנעפּלט געוואָרן:

— עס ווילט זיך אַ מאָל זאַכן, וועלכע מען קען קיינמאָל נישט דער־גרייכן.

— דאָס וועלן דערגרייכן אַליין, איז שוין גענוג שיין.

— ניין, נישט גענוג, — האָט זי טרויעריק געזאָגט, — דאָס וואַרטן און בענקען נאָך אַ זאַך, וועלכע וועט קיין מאָל נישט מקויים ווערן, צו וואָס טויג עס?

— מען דאַרף שטרעבן עס צו דערגרייכן!

זי האָט געגעבן אַ שפּרונג, זיך געדרייט שטיפעריש אויף די שפּיץ שיך און זיך הויך צעלאַכט:

— צו וואָס דאָס פילאָסאָפירן, ליפסקער? מען דאַרף זיך פרייען מיט יעדער שעה, מיט יעדן טאָג פונעם לעבן.

ער האָט באַוווּנדערט אירע זיך בייטנדיקע שטימונגען, אָט איז זי טרויעריק, ביז טרערן, און אָט איז זי הייטערדיק און זי לאַכט הויך אויפן קול.

— מאַריאַנע! — האָט ער שטיל געזאָגט און נישט געקאָנט אַוועקנעמען די אויגן פון איר. זי האָט אים געלאַכט אין פּנים. זי האָט געפילט אַז זי געפעלט אים און עס האָט איר הנאה געטאָן.

פון ווייטן איז אָנגעקומען פּאַנטשאָ מיט צוויי פייערדיקע, שוואַרצע פערד, ער איז געשטאַנען אין וואָגן און געהאַלטן פעסט די לייצעס. צוקו־מענדיק נאָענט צו זיי, האָט ער איינגעהאַלטן די פערד. אויף ליפסקערס גרוס האָט ער קוים געענטפערט. זי האָט נאָר אַוועקגעשטעלט דעם פוס אויפן טריט, האָט ער זי פלינק געגעבן אַ כאַפּ אין זיינע אָרעמס און זי אַוועקגעזעצט נעבן זיך. איר לאַכן האָט אים נאָך לאַנג געקלונגען אין די אויערן. ער האָט געפילט, אַז ער פאַרפלאָנטערט זיך דאָ אין אַ נעץ, און דאָס וועט אים קיין גוטס נישט ברענגען.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר טעג. ביים לערנען האָבן זיינע אויגן געבלאָנ־דזשעט דורכן פענצטער צום וועג, ווו עס האָבן געהאַלטן אין איין יאָגן פורלעך צום שטעטל. ווער וויל עס אין אַזוינע שיינע טעג זיצן אין דער היים? נאָר ער איינער זיצט פאַרשפּאַרט צווישן פיר ווענט און קנעלט, ווי אַן אַלטער מלמד מיט קינדער... ער האָט זיך אַליין געמוסרט פאַר זיינע געדאַנקען און אויפמערקזאַמער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס אַ שילער דער־ציילט אים דאָ איבער. דער קליינער שילער האָט געהיקעט, געשטאַמלט, זיך פאַרפלאָנטערט און מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

— האסט זיך נישט אויסגעלערנט די לעקציע? — האט אים ליפסקער געפרעגט.

דער קליינער האט געשוויגן.

— אנו, לאמיר הערן, ווער קען?

בלויז עטלעכע האבן זיך אפגערופן.

דורכן פענצטער האט ער געזען ווי פאנטשאס פייערדיקע פערד שניידן דעם וועג. עס האט א שוועב געטאן אים פאר די אויגן מאריאנעס העלע זומער־קלייד.

— נו, קינדער, מיר וועלן היינט מאכן א גרעסערע פויזע, כדי איר זאלט צייט האבן איינצוחזרן דאס, וואס מיר האבן געלערנט. איך פאר אין שטעטל און איר פירט אייך גוט אויף, טרינקט נישט קיין וואסער נאכן פוסבאל־שפילן.

די קינדער האבן מיט לויטערע אויגן אים נאכגעקוקט, — עס איז דאס ערשטע מאל, וואס ער פארלאזט זיי מיטאג־צייט.

ער איז אריין אין אויטאבוס און אין פופצן מינוט איז ער אנגעקומען אין שטעטל. די געסלעך זענען דא געווען אנגעשטעלט מיט וועגעלעך, סולקעס און רייט־פערד.

עס איז געווען אין די לעצטע הארבסט־טעג און די זון האט נאך גע־ווארעמט מיט אן עקשנות, ווי צו באווייזן איר כוח, איידער עס קומען אן די קאלטע רעגנדיקע טעג. אויף די פורלעך זענען געזעסן די קאלאניסטן מיט זייערע ווייבער און קינדער און זיך אונטערגעלענט דאס הארץ פון די מיטגעבראכטע טארבעלעך.

ליפסקער האט זיך קוים דורכגעשטופט צווישן די פורלעך. ער האט אין זיך געשמייכלט: פונקט אזוי האט אויסגעזען דאס שטעטל מיט די אנ־געפארענע גוישע פורלעך, נאר דא, דא זענען עס דאך יידישע פויערן!

ער האט געזוכט דעם רעסטאראן „הערבערט״ און באלד געפונען. דאס שטעטל איז באשטאנען נאר פון איין הויפט־גאס און א פאר זייטיקע געסלעך.

ער איז אריינגעגאנגען אין דעם רעסטאראן. דא איז אויך געווען א יאטקע. פון איין זייט האט מען פארקויפט פלייש און פון דער אנדערער זייט איז געשטאנען א גרויסע בראסערע מיט גליענדיקע קוילן, אויף וועלכן

מען האָט געבראָטן פלייש. עטלעכע טישלעך זענען געווען באַזעצט. דאָ האָט מען געגעסן, אַנדערע זענען געווען פאַרטיפט אין קאָרטן שפּילן. אַ בלויע לופט פון ציגאַרן, בראָנפן און געבראָטן פלייש האָט אים אַנטקעגנגעשלאָגן. דער אַלטער ווידערווילן צו שענקן, בראָנפן און קאָרטן, וואָס האָט זיך איינגעפלאַנצט אין אים פון די גאָר יונגע יאָרן, האָט זיך מיט אַ מאָל דערוועקט אין אים, ער האָט חרטה געקראָגן, וואָס ער איז געקומען אַהער. אָבער נאָך איידער ער האָט זיך געקאָנט צוריקציען, איז צו אים צוגעקומען אַ יונגע פרוי און געפרעגט וואָס ער ווינטשט.

— אַ גוטן ביפשטיק, — האָט ער געזאָגט, — אויסגעטאָן דעם הוט, אים פאַרוואָרפן אויפן הענגער און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל.

— און צום טרינקען?

— צו טרינקען? סאָדע־וואַסער!

זי האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— נו יאָ, סאָדע־וואַסער מיט אַ האַלבן ליטער ווייַן!

די פרוי איז צוגעגאַנגען צו דער אַנדערער זייט, וווּ עס זענען אויף דער וואַנט געהאָנגען גאַנצע זייטלעך פלייש פון נאָר וואָס געשאָכטענע בהמות. איר מאַן איז געשטאַנען הינטער דעם סאַמבאַר און געהאַקט פלייש. ער האָט געשיקט אָפּגעשניטן פון די ריפּן אַ דין שטיקל, עס געגעבן אַ פּאָר מאָל אַ דריי אויפן פייער, די פרוי האָט דאָס פלייש אַרויפגעלייגט אויפן טעלער, צוגעגעבן אַ פּאָר בלעטער סאַלאַט און צוגעטראָגן צו ליפּסקערס טישל.

און אָט איז אַרייַנגעקומען די, אויף וועמען ליפּסקער האָט געוואַרט: מאַריאַנע!

— אָ, האָט זי איבערראַשט אויסגערופן: — דאָך געפאָלגט מיין עצה און געקומען עסן צו הערבערטן!

— איר וועט מיט מיר צוזאַמען עסן? — האָט ער אַוועקגעשאַרט דאָס צווייטע בענקל און זי געבעטן זיצן.

— אַ דאַנק. איך האָב שוין געגעסן. אָבער גערן זעלשאַפט וועל איך לייסטן — זי האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טישל.

— אַזוי? איר האָט שוין געגעסן? ווו?

— איר ווייסט דאָך, מיט פאַנטשאָ אין דער היים. — האָט זי געפּלאַפּלט.

— אַזוי ווי מיין פּאַנטשאָ מאַכט אַ אָסאַדע, וועט זי קיינער נישט מאַכן. ער זאָגט, אַז די „רוסאָס" קענען נישט מאַכן קיין אָסאַדע. מען טאָר זי נישט אַוועקלייגן אויף אַ פלאַם פייער, דער רויך זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אין פלייש. ערשט אַז די קוילן זענען גוט צעגליט און עס גייט אַרויס פון זיי אַ בלוילעכער רויך, לייגט מען אַרויף דאָס פלייש. פּאַנטשאָ מאַכט דערצו אַ זאַלץ־וואַסער, געמישט מיט עסיק, רויטן פעפער און געווערץ. ער באַגיסט אַלע מאָל דאָס פלייש מיט דעם וואַסער און אַזוי האַלט עס אין דעם זאַפטיקן טעם.

— אייער מאַן האָט אייך איבערגעלאָזט מיט פּאַנטשאָן, כדי ער זאָל אייך מאַכן גוטע אָסאַדעס? — האָט איר ליפסקער איבערגעשלאָגן.

— נאָך פּאָר עפּעס אַנדערש אויך!

— אַ שטייגער?

— איך וועל אייך זאָגן שפּעטער. איר האָט אַ סיגאַרעט?

— ליידער רויכער איך נישט!

— עט, ליפסקער! איר זענט אַ מאָדנער מענטש! איר רויכערט נישט, טרינקט נישט — האָט זי אָנגעוויזן אויף דעם נישט אָנגערירטן גלאָז ווייַן — איר האָט דאַכט זיך נישט קיין שום ליידנשאַפטן!

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם טעלער און זיך געגעבן אַ בייג איבערן טיש צו איר זייט. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרטונקלט:

— מיין גרויסע ליידנשאַפט האָט איינגעשלונגען אַלע קליינע!

זי איז רויט געוואָרן פון זיין דורכדרינגענדיקן בליק און אָנגעהויבן זוכן אין די טאַשן אירע סיגאַרעטן. זי איז געגאַנגען אַנגעטאָן אין דער זעלבער ספּאָרט־בלוזקע, אין וועלכער ער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל, און אין אַ גלאָקנראָק מיט געשפּאָלטענע קעשענעס אין די זייטן. זי האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס, ניין, נישטאָ דאָרט קיין סיגאַרעטן! זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרזשמורעטע אויגן, אַרום די ליפּן האָט געציטערט אַן איראָניש שמייכעלע, — זי גלייבט נישט אין זיין פאַרליבט־קייט. אירע הענט האָבן דערוויל געגראַבלט הינטערווייַלעכץ אין די קעשע־נעס פון איר מאַנטל, וואָס איז געהאָנגען אויפן אַנלען פונעם בענקל. אַרויס־געשלעפּט פון דאָרט אַ פּעקל סיגאַרעטן, האָט זי זיך אומגעקוקט, וועך

עס וועט איר געבן פייער, אַ מאַן איז אויפגעשפּרונגען און צוגעטראָגן איר אַ ברענענדיק שוועבעלע.

זי האָט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ געבלאָזן דעם רויך גלייך אין ליפּסקערס פּנים אַריין. ער האָט אָפּגעשטופּט פון זיך דעם טעלער און נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון איר האָט ער אָנגענומען איר האַנט אין זיינער. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן פאַנטשאַ. ליפּסקער האָט אָפּגעלאָזן איר האַנט.

— סעניאָראַ, מיר פאָרן באַלד אַהיים ?

— יאָ, פאַנטשאַ, גרייט צו די פערד. איך קויף נאָר איין דאָס פליש, קום איך באַלד.

ליפּסקער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר זיינע בליקן האָבן אויסגעדריקט אַזוי פיל בענקשאַפט און ליבשאַפט, אַז זי האָט דערשראָקן געגעבן אַ מאַך מיטן קאָפּ אויף „ניין" און אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער :

— איר ווילט וויסן, צוליב וואָס מיין מאַן האָט מיך איבערגעלאָזט מיט פאַנטשאַן ?

— יאָ.

— כדי ער זאָל מיך באַשיצן פון אַנדערע מענער.

— און ווער וועט אייך פאַר אים באַשיצן ?

— ליפּסקער ! וואָס רעדט איר, וואָס ! ס'איז דאָך פאַנטשאַ, אַן אַרבעטער, אַ פּונדיק ! ווי וועט ער וואַגן אויפצוהייבן זיינע אויגן אויף מיר ?

— ערשטנס, איז ער ביי אייך נישט קיין אַרבעטער, נאָר אַ שותף און, צווייטנס, זאָלט איר אייך היטן פאַר אַ קריאָזשעס הייס בלוט.

מאַריאַנע האָט זיך צעלאַכט, נאָר אין איר לאַכן האָט זיך אַרויסגעפילט נערוועזיטעט.

— מיין פאַנטשאַ האָט אַ כלה, אַ טונקלהויטיקע טשינאַ.

זי האָט זיך אויפגעהויבן :

— איך מוז שוין גיין !

ער האָט זי נאָך אַ מאָל אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט :

— ווען איך וואָלט געווען אייער מאַן, וואָלט איך אייך אויף קיינעם אין דער וועלט נישט איבערגעלאָזט !

— צום גליק זענט איר נישט מיין מאַן!

נאָך מאַריאַנעס אַוועקגיין האָט ער נאָך געהאַט אַ גאַנצע שעה צייט, ביז צום אָפּגיין פונעם אויטאָבוס. ער איז צוגעגאַנגען צום קאָאָפּעראַטיוו זיך איינקויפן אַ ביסל זאַכן. דאָ האָט ער אָנגעטראָפן זיינע קאָלאָניסטן.

— זע נאָר, זע, אונדזער נייער לערער איז דאָך דאָ אין שטאָט! — האָבן זיי זיך געוווּנדערט.

— נאָכגעטאָן מיינע בעלי בתים — האָט זיי ליפּסקער געענטפערט.

— אַז איך פאָר נישט אין שטאָט, ווער איך קראַנק! — האָט זיך אָנגערופן אַ קאָלאָניסטקע — אין שטאָט אַריין מוז מען פאָרן יעדן טאָג, דאָ דאַרף מען זיין אין קאָאָפּעראַטיוו, דאָ אין דער אַדמיניסטראַציע, דאָ פעלט אויס ברויט, דאָ אַ ליטער נאַפט, עס געפינען זיך שוין תירוצים אויף צו פאָרן אין שטאָט אַריין.

— איך זוך גאָר קיין תירוצים נישט אויף צו פאָרן אין שטאָט, מען פאָרט יעדן טאָג און באַסטאָ! — האָט געענטפערט אַ צווייטע.

— ווער זשע באַאַרבעט אייערע פעלדער? — האָט ליפּסקער געפרעגט.

— זיי באַאַרבעטן זיך שוין! מען פאַרזייט דאָס פעלד — און אַ גוטן טאָג! דער קאָלאָניסט שלאָפט און זיינס וואַקסט. אויף די פעלדער פּאַשען זיך די בהמות, און אין דער פרי, ווען דער קאָלאָניסט שטייט אויף, איז ער רייכער מיט אַ פּאָר קעלבלעך, וועלכע זענען אים דורך דער נאַכט געבוירן געוואָרן.

— איז דאָך גוט! — זאָגט ליפּסקער.

— ווי גוט! אפשר ווייסט איר ווו מען נעמט אַ פּאָר פּעזעס אויף צו קויפן אַ זעקל מעל?

— איך פאַרשטיי נישט. פאַרקויפט מען אַ קו, אַ קעלבל.

— ווי מעג מען דאָס פאַרקויפן! זיי זענען מאַרקירט פון דער איק״א!

— פאַרשטיי איך ווידער נישט!

לאַנדער, ליפּסקערס לאַנדסמאַן, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל: — קאָלאָניזאַציע איז אַ שווער שטיקל לייענען, דאָס באַנעמט מען נישט אַזוי גרינג, איינס און צוויי, שטייענדיק אויף איין פוס, איר וועט זיין לענגער מיט אונדז, וועלן אייך אַ סך זאַכן קלאָר ווערן.

אַנטקעגנאיבער דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך געפונען די אַדמיניסטראַציע. ביים פענצטער איז געשטאַנען דער אַדמיניסטראַטאָר. דערזעענדיק ליפּסקערן, האָט ער אים צוגערופן. אין קאָרידאָר האָבן געוואַרט עטלעכע קאָלאָניסטן אויף זייער ריי, אַריינצוגיין. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט געהייסן דעם לערער גלייך אַריינלאָזן.

אין דער ביוראָ איז חוץ דעם אַדמיניסטראַטאָר און אַ באַאַמטן געוועזן נאָך אַן עלטערער מאַן, זיינע דיקע, גרוילעכע וואָנצעס און שאַרפע אויגן האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון בייזקייט. ער האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט איבער דעם צימער, יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט זיך ביים פענצטער, באַטראַכט די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן ווי אַ שוואָרם בינען אַרומגעקרייזט די קאָאָפּעראַטיוו, און שפּרייזנדיק ווייטער איבערן צימער האָט ער אַן אויפהער געוואָרטשעט:

— טאָג ווי נאַכט זיצט מען נאָר אין שטעטל! מען פאַרנאַכלעסיקט די ווירטשאַפט, און דערנאָך האָט מען טענות צו דער איקאַ.

— הער דירעקטאָר! אָט־אָ־דאָ איז דער לערער, וועלכן איר האָט געהייסן אַריינרופן!

ליפּסקער האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין זיינע ווילדע תּלמידימלעך, אין דער שול. וועלכער רוח האָט אים אָנגעטראָגן, ער זאָל קומען אין שטעטל. ער איז געשטאַנען פאַרלעגן און געדרייט דעם הוט אין דער האַנט. דער דירעקטאָר האָט אים דורכגענומען מיט זיינע שאַרפע אויגן.

— דאָס זענט איר, יונגער־מאַן, דער נייער לערער אין קאָלאָניע?

ליפּסקער האָט זיך לייכט פאַרנייגט. דער דירעקטאָר האָט אים געגעבן די האַנט און געבעטן זיצן. ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. ער זיצט דאָך אַנטקעגן איינעם פון די מעכטיקע איק״א־דירעקטאָרן! דער דירעקטאָר האָט אים אויסגעפרעגט, ווער עס האָט אים געשיקט און ביי וועלכע באַדינגונגען ער איז אויפגענומען געוואָרן.

— באַדינגונגען? וויס איך, — האָט ליפּסקער צענומען די הענט: — איך האָב קיינע שום באַדינגונגען נישט געשטעלט, און קיין קאָנטראַקט נישט געמאַכט.

— איר ווייסט, אַז די איק״אַ העלפט היינט נישט מער אויסהאַלטן די

שולן, אָבער דאָך זענען מיר פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָל יאָ עקזיסטירן אַ יידישע שול אין קאָלאָניע, און בכלל, ס'זאָל אָנגיין אויף יעדן געביט, הן קולטורעל, הן ווירטשאַפטלעך אַ פּרוכטבאַר לעבן אין קאָלאָניע.

דאָס איז געווען אַ ריין אָנצוהערעניש, אַז דער לערער האָט קיין שום רעכט נישט צו קומען זיך באַקלאָגן פאַר דער איקאַ. דער דירעקטאָר האָט אים געגעבן די האַנט. דאָס האָט געהייסן, אַז ער קען שוין גיין.

אין דרויסן האָבן אים אַרומגערינגלט די קאָלאָניסטן:

— נו, וואָס האָט ער אייך געזאָגט?

— ווער?

— ווער? דער דירעקטאָר!

— ער האָט געזאָגט, אַז די איקאַ העלפט נישט די שולן.

— דאָס ווייסן מיר אָן אים אויך. נישט געזאָרגט, ליפּסקער, די קאָלאָניסטן קענען נאָך, ברוך השם, אויסהאַלטן אַ לערער.

— וואָס זשע וויל ער פאַרט דער דירעקטאָר? נאָך וואָס איז ער געקומען?

— ער וויל שלום מאַכן אין קאָלאָניע. ער וויל מען זאָל זיך פאַרגלייכן, אָבער דאָס קיין מאָל נישט — ביז מען וועט נישט בייטן די לייטונג אין דעם קאָאָפּעראַטיוו און אַראָפּזעצן דעם אַדמיניסטראַטאָר.

ליפּסקער האָט זיך אָנגעהויבן צו איילן, ער האָט געגעבן אַ קוק אויפן זייגערל און אויסגערופן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך מוז אַהיים לויפן, עפענען די שול.

— עט, די שול, וועט נישט אַנטלויפן! הערט צו, ליפּסקער, איר זענט דאָך אַ זייטיקער מענטש, זאָגט אַליין, ווער איז גערעכט.

טאַקע דאָס האָט ליפּסקער נישט געוואָלט הערן!

— איר וועט מיר דערציילן אַן אַנדערש מאָל, — האָט ער זיך פון זיי אַרויסגעריסן, — אַצינד מוז איך גיין.

קאַפּיטל דריי

# אַ חתונה אין קאָלאָניע

ליפּסקער און זיינע תּלמידים האָבן אָנגעהויבן צו פּלאַנצןביימער. די קאָלאָניסטן האָבן געדרייט מיט די קעפּ און געשמייכלט: — אַרויסגע־וואָרפן די אַרבעט.

— פאַר וואָס? איר גלייבט אויך אין די באָבע־מעשיות? — איז ליפּ־סקער בייז געוואָרן.

— דאָס איז חוץ למעשה, אָבער דאָ וועלן קיין ביימער נישט וואַקסן, ווייל דאָ איז דער באָדן אַ העכערער און ביי דער שפּאַנישער שול איז דער באָדן נידעריקער, לויפט אַהין אַראָפּ דאָס וואַסער.

— אין ארץ ישראל מאַכט מען ערגערע באָדנס פּרוכטבאַר.

— אין ארץ ישראל ווערט די ערד באַאַרבעט מיט אַזאַ זאַך, וואָס עק־זיסטירט נישט אויף דער גאַנצער וועלט.

— וואָס פאַר אַ זאַך?

— מיט אידעאַליזם.

— אָט דאָס פעלט אייך טאַקע. מען דאַרף נישט מיד ווערן, נאָר ווידער און ווידער פּרובירן.

— פּרובירט! —

די אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע, אָבער ליפּסקער האָט נישט נאָכגעגעבן. עפּעס אַן אימפּעט און אַן עקשנות האָט אים באַוועלטיקט, וואָס האָט אויך באַווירקט די תּלמידים, וועלכע האָבן אים געהאָלפן.

ליפּסקער האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט די וווינונג. אויף דער טע־ראַסע האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ טיש מיט צוויי בענק, אינעם צימער אַ בעט, אַ קליידער־שאַנק, אַ טיש מיט שטולן. פון ברעטער האָט ער צוזאַמענ־געקלאַפּט אַ געשטעל פאַר זיינע ביכער און עס באַקלעבט מיט פּאַפּיר.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז צו אים געקומען דער קאַלאָניסט דוד שמער־לינג מיט זיין ווייב. זיי האָבן מיטגעפּירט טישן און בענק, אָן אַ שיעור קיך־געשיר, טעפּ און טעלערס.

— זע נאָר, דער לערער לערנט גאָר הייַנט! — האָט די קאָלאָניסטקע אויסגערופן. — אַז עס איז אַ חתונה אין קאָלאָניע, לאָזט מען די קינדער פריי, ס׳איז אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער קאָלאָניע! אַלע גרייטן זיך צו דער חתונה!

— וואָס פאַר אַ חתונה, איך גיי נישט צו קיין חתונה!

— ווי איז מיר! וואָס רעדט איר וואָס? — האָט דוד שמערלינגס ווייב פאַרבראָכן מיט די הענט — דער לערער פון קאָלאָניע וועט ביי אונדז נישט זיין אויף דער חתונה?

— איר האָט דאָך מיר נישט פאַרבעטן.

— צו וואָס דאַרף מען בעטן? יאָ פאַרבעטן, נישט פאַרבעטן, אין קאָלאָניע וואַרט מען נישט אויף קיין איינלאַדונגען. לאַדן לאַדט מען נאָר דעם, מיט וועמען מען איז ברוגז. צו אַזאַ פאַרט מען צו און מען זאָגט אים: הער נאָר, אַזוי און אַזוי, פאַרגעס די אַלע טענות און קום צו מיר אויף חתונה!

— געננוי ווי ביי אונדז אין דער היים! — האָט ליפּסקער געשמייכלט.

זיינע תלמידים זענען אַרום געשטאַנען און זיך צוגעקוקט מיט גרויס הנאה.

— אַנו, יאַטלעך, גייט קלויבט צוזאַמען טרוקענע צווייגן, איינצוהייצן דעם אויוון! — האָט די קאָלאָניסטקע זיי באַפוילן.

די קינדער האָבן זיך נישט געאיילט.

— וואָס שטייט איר נאָך, יינגלעך? — האָט זי אַ צעיאַכמעטע זיך צע־שריגן און זיי געטריבן: — גייט! ביי אייך אויף דער חתונה וועל איך אייך מערצישעם אָפּדינען!

ליפּסקער האָט באַלד זיין שטוב נישט דערקאַנט. אומעטום אָנגעשטעלט קאַסטנס מיט קוילישן און לעקעכער, קעסטלעך ביר און ווייַן. ס׳האָבן זיך באַוויזן ווייבער פון קאָלאָניע, זיי האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען מיט ברען צוצוגרייטן דעם חתונה־מאָלצייט. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע מיידלעך, צווישן זיי בעטי לאַנדער.

— אָ, סעניאָר ליפּסקער, — איז זי צו אים צוגעגאַנגען און געגעבן די האַנט — שוין לאַנג אייך נישט געזען! פאַר וואָס קומט איר נישט צו אונדז?

— ווייס איך, האָט ער זיך געוועדט — איך וועל שוין קומען!

— וואָס שטייט איר וואָס — האָט די מחותנטע זיך צעשריען — די צייט שטייט נישט!

— קומט, ליפּסקער, וועט איר אונדז העלפן אויספּוצן דעם סאַלאָן!

ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה און קעגן זיין ווילן איז ער מיט־געגאַנגען מיט די מיידלעך אין „סאַלאָן". דער „סאַלאָן" איז טאַקע נישט לאַנג אויפגעבויט געוואָרן. ס'איז געווען אַ בלעכענע געביידע, אינעווייניק באַשלאָגן מיט ברעטער.

— דער סאַלאָן געהערט צו אונדז. דאָ האָבן מיר אונדזער ביבליאָטעק, דאָ קומען מיר זיך צונויף אַזאַמען און ווען עמעצער דאַרף דעם סאַלאָן, מוז ער זיך ווענדן צו אונדזער קאָמיסיע, האָבן די מיידלעך זיך באַרימט פאַר אים.

— גאַנץ פיין, קינדערלעך, אָבער זאָגט מיר, צי האָט איר נישט אויפגע־בויט דעם „סאַלאָן" מיט די געלטער פון אייערע עלטערן? — האָט זיי ליפּסקער געפרעגט.

אַ קאָלאָניסט, וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט טישן און בענק, האָט זיך אָפּגערופן:

— זאָגט איר אַליין, לערער, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אום יום־טוב, ווען יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען דאַוונען, האָט מען זיי אַרויסגע־טריבן אין די טליתים! און ווער? די אייגענע קינדער!

— טאַקע אַן עוולה! — האָט ליפּסקער באַשטעטיקט.

— מיר זענען נישט שולדיק — האָבן די מיידלעך אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. — דאָס האָט געטאָן די קאָמיסיע!

בעטי, וועלכע געהערט צו דער קאָמיסיע, האָט זיך פאַרטיידיקט:

— די קאָלאָניסטן קענען דאַוונען אין דער שול. אויב זיי האָבן געוואָלט דעם סאַלאָן, האָבן זיי זיך געדאַרפט ווענדן צו דער קאָמיסיע.

— צו וואָס דען האָט מען אויפגעבויט דעם סאַלאָן? פאַר וואָס זאָל ער פוסטעווען, אין דער צייט ווען יידן דאַרפן אים האָבן צום דאַוונען? — האָט ליפּסקער ערנסט געפרעגט.

— איר הערט, דאָס אַלץ איז אַ שטיקל אַרבעט פונעם אַדמיניסטראַטאָר מיט דער קליקע פון קאָאָפּעראַטיוו, זיי דרייען דאָס אָן די יוגנט — האָט געזאָגט דער קאָלאָניסט.

ליפּסקער האָט מער נישט געפרעגט, נישט זיין עסק, זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי ווילן.

פאַרנאַכט האָבן אָנגעהויבן זיך צוזאַמענצופאָרן די קאָלאָניסטן. דער חתן איז אויך געווען אַ זון פון דער קאָלאָניע, איז די שמחה געווען אַ דאָפּלטע. ליפּסקער האָט זיך נישט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן, פאַרנאַכט האָט מען ביי אים אין שטוב אָנגעטאָן די כלה. די מחותנים האָבן זיך אָנגעהויבן דענערווירן, סטייטש? די באַשטעלטע קאַפּעליע איז נאָך נישטאָ. אָבער ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן אין הימל, האָט מען דערהערט אַ פריילעך שפּילן, די מוזיק פאָרט, זי קומט אָן פון נאָענטן שטעטל.

מען האָט אָנגעצונדן קאָלירטע ליכטלעך און זיך געגרייט צו פירן די כלה אין גרויסן סאַלאָן. די געסט האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און צווישן די צוויי רייען האָט מען געפירט די כלה. די מוזיק האָט געשפּילט אַ חתונה־מאַרש. עס האָבן געפלעמלט די ליכטלעך אין די אויפגעהויבענע הענט. אַרום און זענען געלעגן די פעלדער אין נאַכטיקער שטילער פאַרטראַכטקייט. און איבער דעם אַלעם איז געווען אויסגעשפּרייט אַן אומענדלעך ברייטער, אויסגעשטערנטער הימל, אַ הימל, וואָס מען טרעפט נאָר אין קאָלאָניע. פאַר ליפּסקערן האָבן פאַרבייגעשוועבט די אַלע חתונות, וועלכע ער האָט בייגעוווינט אין זיין שטעטל. די חתונה ביי זיין אייגענער שוועסטער, ביי קוזינען און סתם פריינט און באַקאַנטע. דאָרט האָט מען געפירט חתן־כלה איבערן ברייטן מאַרק צו דעם שול־הויף, וווּ די חופה פלעגט פאָרקומען. אויך דאָרט איז געהאָנגען דער זעלבער אויסגעשטערנטער הימל. עס איז אַפילו דער זעלבער חתונה מאַרש, די זעלבע יידן אַרום, די זעלבע קלעזמער. ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז אָט יענער, מיטן גרויסן בויך, וואָס בלאָזט אָן די באַקן שפּילנדיק אויף זיין פלייט, האָט אויך געשפּילט ביי זיין שוועסטער אויף דער חתונה, אויף אַלע חתונות ביי זיי אין שטעטל. ער האָט אַרויפגעקוקט צום הימל, ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַשייד פאַר זיינע געדאַנקען, פאַר זיינע פראַגן: וואָס קומט דאָרט פאָר? פינצטערע

בשורות דערגייען פון דאָרט, זאָל עס זיין אמת, אָט דאָס אַלץ, וואָס מען דערציילט פון דאָרט, פון דער מלחמה?

ביים באַזעצן די כלה האָט זיך געהערט אַ געוויין. אונטערפירערס זענען געווען די עלטערע, אויסגעגעבענע שוועסטערס און שוואָגערס פון חתן און כלה. אָבער דער כלהס מאַמע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, זי האָט אָנגענומען די כלה ביים אָרעם און זיך אויך געדרייט. דער פאָטער, דאָס צווענדיק, איז אויך צוגעשטאַנען צום ראָד אונטער דער חופה. זייערע איינגעבויגענע פלייצעס האָבן דערציילט פון שווערן יאָך און יאָרן האָרעוואַניע און פון דער פריידיקייט פון אויסגעבן זייערע קינדער. ליפסקערן, כאָטש נישט קיין סענטימענטאַלער, זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. און אָט האָבן געגעבן די קלעזמער אַ קלאַפּ אין די פויקן:

— מזל־טוב! מזל־טוב!

אַן אַלטע מומע האָט געטאַנצט אַנטקעגן חתן־כלה מיט קוילישן אין די הענט. מען האָט זיך געשטופּט, צווינטשן דעם פּאָרל. ליפסקער האָט אין געדרענג אויך אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר קושן. די מחותנתטע, מיט אַ נאַס פּנים פון טרערן, האַלטנדיק זיך אין איין קושן, האָט אויסגערופן צו אַ קאָלאָ־ניסטקע, אירער אַ קרובה:

— מלכה, שנעלער! מען דאַרף אַרויסנעמען דאָס געבראָטנס פון אויוון!

מלכה האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ, יאָ, ווי אַזוי איז איר דאָס אַרויס פונעם קאָפּ! די מחותנתטע האָט איר דאָך אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל געדענקען, אַרויס־צונעמען דאָס געבראָטנס.

די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די לאַנגע טישן. ליפסקער איז געזעסן לעבן בעטין. זי האָט אים נאָך אַנאַנד דערלאַנגט פונעם כיבוד:

— פּאַרזוכט, ליפּסקער, פון אָט דעם, — האָט זי אים גענייט צו עסן אַ שטיקל פלאָדן, געפילט מיט ניס און איינגעמאַכטס.

— אַ דאַנק! איך קען שוין אַזוי פיל נישט עסן. וואָס זאָגט איר צו חתן־כלה? איאָ, אַ שיין פּאָר־פאָלק? — האָט ער אָנגעוויזן אויפן אויבן־אָן, וווּ עס האָט אַראָפּגעשיינט די כלה אין יוגנטלעכן חן און נעבן איר דער חתן, אַ יונגער קאָלאָניסטישער בחור.

— עס געפעלט מיר, — האָט ער פאַרגעזעצט — קאָלאָניסטישע קינדער,

אויפגעוואַקסן אין קאָלאָניע, האָבן חתונה און וועלן ווייטער שפּינען די קייט פון יידישער קאָלאָניזאַציע.

זי האָט געדרייט אומצופרידן מיטן קאָפּ.

— וואָסי? עס געפעלט אייך נישט?

— חתונה האָבן? — האָט זי קאָקעטיש געצויגן די ווערטער — חתונה האָבן יאָ, אָבער נישט בלייבן אין קאָלאָניע.

— עס איז, בעטי, זייער נישט לאָגיש.

— איך בין נישט די איינציקע, וואָס טראַכט אַזוי.

— איז עס צו באַדויערן.

— איר זעט יענע, וואָס זיצט אַנטקעגן אונדז? דאָס איז ראָסיטאַ, אייער שכנס טאָכטער. דאָס ייִנגל, וואָס זיצט נעבן איר, גייט נאָך איר אויס, אָבער זי וועט אים נישט נעמען, ווייל ער איז אָרעם און אויך זי האָט נישט קיין געלט.

— צו וואָס דאַרפן זיי האָבן געלט? זאָלן זיי חתונה האָבן, וועט זיי די איק״א איינאָרדנען אין קאָלאָניע.

— אין קאָלאָניע! — האָט זי פאַראַכטנדיק געזאָגט — אַ שיינער תכלית! זי וועט פאָרן קיין ב. איירעס, וועט זי קריגן אַ רייכן חתן.

— נישט תמיד קריגט מען דעם רייכן חתן. און אַפילו יאָ, איז רייכקייט נישט דאָס גאַנצע גליק. איז דען דאָ אַ שענער און געזינטער לעבן, ווי אויפן פעלד?

אַ מאַן אין די עלטערע יאָרן, וואָס איז געזעסן הינטער ליפּסקערס פּלייצעס, האָט געהערט דאָס געשפּרעך און זיך צו אים אָנגערופן:

— יונגער־מאַן! באַקענט אייך צו ערשט גרינטלעך מיט דער קאָלאָניזאַציע, דערנאָך וועט איר אורטיילן.

— יאָ, דאָס אינטערעסירט מיך טאַקע, איך וויל וויסן, פאַר וואָס פאַרלאָזט מען די קאָלאָניע?

— איר זענט דאָך אַ לערער און איר ווייסט, אַז מען לערנט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל, מוז מען דערלערנען ביזן סוף. איר ווילט קענען די קאָלאָניזאַציע? שטודירט די קאָלאָניסטן. קומט צו מיר אַהיים, גייט צו אַנדערע, דערנאָך וועט איר וויסן און פאַרשטיין.

ליפּסקער האָט אים צוגעזאָגט צו באַזוכן און געפרעגט, ווו ער וווינט.

— איר זענט שוין געווען אין אונדזער גרופּע. מייןווירטשאַפט איז נעבן חיים לאַנדערס, איך הייס שמואל בערקאָוויטש.

— ליפּסקער! — האָט אים זיין שכנה דערמאָנט — די פיש האָט איר קוים פאַרזוכט, עסט כאָטש דאָס געבראָטנס!

— אַ, האָט ליפּסקער געשמייכלט, ס׳האָט זיך דאָך געבראָטן אין מיין אויווון!

ער האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין דעם טכויר, וואָס האָט „געוווינט" אין דעם זעלבן אויוון און אַוועקגעשאַרט דעם טעלער.

— ליפּסקער! וואָס איז מיט אייך? — האָט אים בעטי מוטערלעך געמוסרט: — וואַרטס! איך וועל אייך ברענגען עפּעס אַנדערש!

זי האָט אים צוגעבראַכט געפילטע קישקע און קנישקעלעך. אויך דער מחותן איז צוגעקומען און אַרויסגעוויזן זיין באַזאָרגטקייט, וואָס ליפּסקער עסט נישט.

— איר זענט אַלע אַזוינע פריינטלעכע און האַרציקע מענטשן, — האָט ליפּסקער געזאָגט אַ געריר־טער.

— און אין בוענאָס איירעס זענען מענטשן נישט אַזוי? — האָט אים בעטי געפרעגט.

— איך ווייס נישט, יעדנפאַלס, איך האָב זיי נישט געטראָפן.

— און קיין משפחה און פריינט האָט איר נישט?

— מיין גאַנצע משפחה איז געבליבן אין פּוילן.

דער קאַפּעלמייסטער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די טישן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקעלע, דירעגירט מיט דער קאַפּעלע און די צווייטע האָט ער אויסגעשטרעקט צו די מחותנים. ווען מען האָט אים שוין אַריינגע־דריקט אין האַנט אַ מטבע, האָט ער אויף שנעל געכאַפּט אַ קוק, זי אַראָפּ־געלאָזט אין קעשענע, דערנאָך אויסגערופן:

— דעם שיינעם מחותן פון חתנס צד, ר׳ חיים שמערלס, אויפגעשפילט אַ שיינעם מזל־טוב! די פּויק האָט געגעבן אַ זעץ און מען האָט אָפּגעשפּילט אַ פיינעם און קלינגענדיקן מזל־טוב! אַזוי איז כסדר געגאַנגען. דאָס אָפּ־שפּילן און אויפרופן איז געגאַנגען לויט דער מטבע, וואָס מען האָט אים

אָפּגעשטעקט. וואָס גרעסער די מטבע, אַלץ רוישיקער און הייטערער האָט מען אויפגעשפּילט. ליפּסקערן האָט מען שוין געהאַט צוויי מאָל אויפגעשפּילט. עס האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט אַ רעד צו טאָן מיט איינעם פון די קלעזמער, זיך דערוויסן, צי איז ער פון דער היים אַ קלעזמער? ער זעט אים אויס עפּעס גאָר קענטלעך.

— זאָגט מיר, — האָט ער זיך צו אים געווענדעט — צי זענט איר נישט פון דעם שטעטל מיעלניצע ביים דניעסטער?

אין דעם מאָמענט האָט דער קאַפּעלמייסטער געגעבן אַ פּאָר מיטן שטעקעלע:

— אַ גאָר שיינעם מזל־טוב פאַרן מחותן פון כלהס צד...

אַז דער מאַרש האָט זיך פאַרענדיקט, איז דער קלעזמער צוגעפאַלן צו ליפּסקערן:

— אוודאי בין איך פון מיעלניצע, איך האָב אייך באַלד דערקענט. עס איז נישט געווען קיין איין חתונה ביי אייך אין שטעטל, איך זאָל נישט אויף איר שפּילן.

ליפּסקער איז געווען גערירט:

— ווי אַזוי זשע קומט איר אַהער? ווען זענט איר געקומען?

פאַרן קריג האָט מיך אַהער געבראַכט אַ ברודער, אָבער מיין פאַמיליע איז געבליבן אין דער היים.

און איידער וואָס, האָט זיך ווידער דערהערט דעם קאַפּעלמייסטערס אויסרוף:

— אַ גאָר פיינעם מזל־טוב...

די קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט.

בעטי האָט ליפּסקערן נישט אָפּגעלאָזט:

— קומט, וועל איך אייך באַקענען מיט געזעלשאַפט! — זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם.

— עס איז נישט נויטיק מיך גראָד פאַר זיי פאָרצושטעלן, זאָגט מיר, ווער איז יענע ברונעטקע, וואָס זיצט אַזוי אָנגעשפּאַרט אין איר שכן, אפשר זענען עס אויך חתן־כלה און מיר וועלן בקרוב ווידער האָבן אַ חתונה?

— אָ, ליפּסקער! דאָס איז פּאָטשאַ, אַ קריסטלעך מיידל, וואָס וויל חתונה

האָבן מיט דעם יידישן בחור. זי זאָגט אים צו, צו פּראַווען אַלע יידישע ימים־טובים און האַלטן אַלע יידישע מנהגים. פּרייטיק צו נאַכטס וועט זי עסן געפילטע פיש און פּסח מצות. אַצינד איז זי מיט אים געקומען אויף אַ יידישע חתונה און וויזט אים אַז ס׳שמעקט איר דער יידישער לעקעך און פלאָדן און די גילדענע יויך.

אַ שאָטן איז אַדורך איבער ליפּסקערס פּנים. ניין, אין דער אַלטער היים, אויף יידישע חתונות, האָבן די כשרע מאכלים נישט געגעסן גויישע כלות פון יידישע יונגע־לייט.

די מחותנתטע איז צו זיי צוגעקומען:

— וואָס זאָגט איר, ליפּסקער, צו דעם גרויסן עולם, קיין עין הרע נישט, אונדזערע קאָלאָניסטן האָבן אונדז נישט פאַרשעמט, זיי זענען אַלע געקומען.

ליפּסקער קוקט אויפן גרויסן אָנגעפולטן סאַלאָן, זוכט עמעצן מיט די אויגן און געפינט נישט:

— איר זאָגט, אַלע זענען געקומען? איך זע, אַז ס׳פעלן אַ סך!

— וואָס רעדט איר וואָס! דאָס ווייניקסטע, פון אונדזערע נאָענטע גרו־פּעס, פעלט נישט קיינער!

— עס פעלט אייערע אַ גאָר נאָענטע שכנה.

— אַ נאָענטע שכנה? — האָבן בעטי און די מחותנתטע זיך איבער־געקוקט.

— אָ, איך ווייס שוין וועמען ער מיינט! מאַריאַנען, די דייטשקע! — האָט אויסגערופן בעטי.

— נו יאָ, זי איז דאָך אייערע אַ שכנה, פאַר וואָס איז זי נישט גע־קומען?

— גייט שוין, גייט, ליפּסקער, — האָט די מחותנתטע אַוועקגעמאַכט מיטן קאָפּ — ווי קומט זי אַהער? איר מיינט, זי ווייסט נישט, וואָס מען קלערט פון איר?

— מען טאָר אויף אַ פּרוי נישט וואַרפן קיין שטיינער, ביז מען איבער־צייגט זיך נישט אַליין!

— וואָס ווילט איר, ליפּסקער, מען זאָל טאַקע זען מיט די אויגן? אָט,

לאָזט אָפּ. לאָמיר נישט רעדן דערפון אין דער אַנוועזנהייט פון אַן אומ־שולדיק קינד!

בעטי, „דאָס אומשולדיקע קינד", האָט צוזאַמענגעצויגן די ליפּעלעך, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך אַ דריי געטאָן.

ליפּסקער האָט געשמייכלט.

מען האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצורוקן די טישן און זיך גענומען צום טאַנצן. די מחותנים האָבן געטאַנצט אַ מצוה־טאַנץ, אַ שערעלע. די גוישע כלה האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין טאַנץ. דער עולם האָט זיך אַלץ מער צעוואַרעמט. יעדער האָט געוואָלט טאַנצן מיט דער כלה, מיט די מחותנים, מען האָט געטאַנצט און זיך געקושט. אויך בעטי איז אַריין אין ראָד. מען האָט אויך געוואָלט אַריינשלעפּן ליפּסקערן, נאָר ער האָט זיך נישט געלאָזט. יאַנקל, דער קאָמיסיע־מיטגליד פון דער שול, כאָטש נישט קיין קרובֿ, האָט זיך דאָ געפילט ווי אַ מחותן, ער האָט דערלאַנגט צום טיש, געסאַרווערט, און געגעבן באַפעלן. ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל און זיך פאַרמאָסטן צו טאַנצן אַ קאַזאַטשאָק. די מענטשן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ ראָד און אים אַפּלאָדירט.

— נו, לאהלע, נו, — האָט מען צוגעגעבן מוט אַ יונגער קאָלאָניסטקע, וואָס פלעגט שטענדיק טאַנצן מיט יאַנקלען אַ קאַזאַטשאָקל. לאה האָט זיך געלאָזט אַ ביסל בעטן, באַלד אָבער האָט זי פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און אַנטקעגנגעטאַנצט יאַנקלען מיט דריבנע טריטעלעך. דער טאַנץ האָט זיך פונאַנדערגעוויגט שנעלער און שטאַרקער. יאַנקל האָט געאַרבעט מעשים, געדרייט מיט די פיס אויף צוריק, געטענצלט אויף איין פוס און מיט געבויגענע קני. אויף גיך כאַפּט ער אַרום זיין פאַרטנערין און דרייט זיך מיט איר ווילד און היציק. פאַרשוויצטע, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָבן זיי פאַרענדיקט דעם טאַנץ. דער עולם האָט זיי ארומגערינגלט:

— לאהלע, יאַנקל! נאָך אַ ברוגז־טאַנץ!

יאַנקל האָט זיך אָפּגעווערט מיט ביידע הענט און זיך געווישט דעם שווייס:

— קינדערלעך, לאָזט מיך אָפּ! גענוג.

לאהס מאַן האָט איר אונטערגעטראָגן דאָס קינד, ווי איינער זאָגט:

— שוין גענוג געטאַנצט!

— איר זעט נישט? — האָט זי געלאַכט — מיין מיידעלע לאָזט מיך נישט טאַנצן!

יאַנקל האָט אויסגעטרונקען די אים דערלאַנגטע פלאַש ביר. די מוזיק האָט אָנגעהויבן צו שפּילן דעם ברוגז־טאַנץ.

— ניין — מאַכט יאַנקל צו די קלעזמער, — נישט אַזוי. אָט אַזוי — און ער הייבט אָן צו זינגען.

— אַזוי ווי אַ פּאָלקע?

— יאָ, אַזוי ווי אַ פּאָלקע!

לאהלע האָט צוריקגעגעבן דעם מאַן איר קינד, זיך אָנגענומען פּאָד־באָקעם און אָנגעהויבן צו טאַנצן דעם ברוגז־טאַנץ. אָט טאַנצט זי אַנטקעגן יאַנקלען, ער איז אָבער ברוגז און טאַנצט אַוועק. זי שטרעקט צו אים אויס די הענט, מאַכט פאַרשידענע חנדלעך, ער אָבער איז ברוגז. דערנאָך ווערט זי ברוגז, זי טאַנצט אַוועק און ער זוכט זי איבערצובעטן, און טאַנצט איר נאָך. צום סוף פאַראייניקן זיי זיך ביידע אין אַ פריילעכער פּאָלקע. דעם עלטערן עולם איז זייער טאַנצן שטאַרק געפעלן, די ייִנגערע אָבער האָבן שפּאָטיש גערדרייט מיט די נעז און געלאַכט. עס האָט זיך זיי פאַרבענקט נאָך טאַנגאָס און פאָקסטראָטן. היינט אָבער, אויף דער חתונה, לאָזט מען נישט שפּילן קיין טאַנגאָס, אויף אַ חתונה וויל מען הערן יידישע ניגונים.

וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, האָבן די טענץ זיך אָפטער און היציקער איבערגעחזרט. יעדער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט טאַנץ־לוסט, יעדער האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אינעם ראָד, נאָר איין ליפּסקער נישט.

— איך קאָן נישט טאַנצן, — האָט ער זיך אָפּגעוועהרט פון די אַרומיקע, וועלכע האָבן אים געוואָלט אַריינשלעפּן אין ראָד.

— מען דאַרף דען קענען טאַנצן? מען האָפּקעט און שוין!

אין דרויסן זענען געשטאַנען די איינגעבוירענע, אָפּגעריסענע און באָרוועסע און זיך צוגעקוקט ווי די „רוסאָס" זענען זיך משמח. די מערסטע פון זיי האָבן טאַקע געוווינט אויף די יידישע פעלדער, געאַרבעט ביי די קאָלאָניסטן אָדער אין שטעטל.

די מחותנתטע האָט אויך אין זיי נישט פאַרגעסן. זי האָט גענומען אַ

פולן פאַרטעך מיט לעקעך און אַ פלאַש בראָנפן און אַרויסגעטראָגן, זיי צו פאַרטיילן.

צו ליפסקערן איז צוגעקומען שמואל בערקאָוויטש, דער קאָלאָניסט, וועלכער האָט אים פריער איינגעלאַדן צו זיך, אויף צו באַקענען זיך מיט דער קאָלאָניזאַציע.

— וואָס זאָגט איר נישט צו זיי — גיט ער אַ ווינק אויף די טאַנצנ־דיקע — אַ וועלט גייט אונטער און זיי הוליען!

ליפסקער האָט אים אָנגעקוקט און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

— און וואָס איז דאָס חתונה מאַכן, צו וואָס, מען ווייסט וואָס דאָ וועט זיין? איר זעט די גויים אין דרויסן? איך זאָג אייך, אַז זיי זענען אַ סך גרויזאַמער ווי פוילישע אָדער אוקראַיִנישע גויים.

— אָבער הער בערקאָוויטש, איר טרייבט אַ סך איבער. אמת טאַקע, אונדזער אַלטע היים ווערט חרוב, דורך דעם דאַרף מען דאָ דווקא פּראַוועון חתונות און זען צו פאַרפעסטיקן אַ יידיש לעבן.

— דאָס וואָס מיר ווערן דאָרט אָן, וועלן מיר דאָ קיין מאָל מער נישט אויפבויען!

— אמת — האָט ליפסקער באַשטעטיקט. — און נישט נאָר ווערט חרוב אונדזער אַלטע היים, נאָר ביי יעדן רייסט זיך עפּעס אָפּ, ביי יעדן יידן אין האַרצן, אין אַ ווינקעלע, שפּיגלט זיך אָפּ די טראַגעדיע, און דאָס בילד פאַרלאָזט אונדז נישט אויף אַ רגע. מען לעבט, מען טאַנצט, מען זינגט און אינעווייניק זאָגט עס — „דו געדענקסט? ווו איז דיין מאַמע? ווו זענען דיינע ברידער? וואָס וועט זיין דער סוף?״ אָבער דאָס לעבן קען מען נישט אָפּשטעלן. דערפאַר טאַקע זאָל מען טאַנצן, זאָל מען זיך פרייען.

— פאַרוואָס זשע טאַנצט איר נישט?

— איך? — האָט ליפסקער זיך אָפּגערעדט — איך בין פון אַזאַ נאַטור.

ער האָט נאָך אַ ווײַלע באַטראַכט דעם עולם און זיך געקלערט: דאַכט זיך איך קען שוין גיין, — און שטיל האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט אין דער טונקעלער נאַכט און זיך געלאָזט אַהיים גיין.

ליפסקער האָט געענדיקט דאָס לערנען, די קינדער האָבן צוזאַמענגענומען זייערע זאַכן, זיי פאַרוואָרפן אויף די פלייצעס און זיך צעפאָרן אַהיים. ליפסקער האָט זיי נאָכגעקוקט ווי זיי רייטן אַוועק צו דער פאַר־גייענדיקער זון און דערוויטערן זיך אַלץ מער פון זיינע אויגן. ער איז געוואָרן אומרויִק, עס האָט זיך אים נישט געוואָלט פאַרבלייבן אַליין. ער האָט זיך געלאָזט איבערן פעלד און זיינע פיס האָבן אים, קעגן זיין ווילן, געפירט צו מאַריאַנעס שטוב.

געטראָפן האָט ער זי זיצן אויף דער שוועל. מיט אַ בוטלע האָט זי געקאָרמעט אַ קליין לעמעלע.

— בוענאָס טאַרדעס, סעניאָראַ! — האָט ער זי באַגריסט מיט אַ שמייכל.

— ווי איר זעט, נוץ איך אויס אייער דערלויבעניש דורכצוגיין דורך אייער פעלד.

— פאַסע נאָמאָס, סעניאָר! וווּהין גייט איר? צו בעטין?

— ניין, נישט צו בעטין.

— נישט? צו וועמען דען?

ער האָט נישט געענטפערט, בלויז געקוקט אויף איר...

זי איז רויט געוואָרן פון זיינע בליקן און, וועלנדיק פאַרבאָרגן איר צעמישטקייט, האָט זי אויסגעלאָזט צום לעמעלע:

— נו, טרינק שוין! גיכער! מיינסט איך האָב נישט וואָס מער צו טאָן, ווי דיך צו ניאַנטשען?

דאָס שעפּסעלע האָט מיט געטרייסאָפט אָרויפגעקוקט צו איר, שנעלער געצויגן די מילך, אַזש אַ ווייסער שוים האָט זיך אים געזעצט ביי די מויל־ווינקלען.

— וואָס פאַר אַ שיין, ווייס לעמעלע! — האָט ליפסקער אויסגערופן, זיך אָנגעבויגן און עס געגלעט איבער דער ווייכער, געקרויזלטער פעל.

— די מאַמע איז אים געשטאָרבן, האָדעווע איך עס אויס. זאָלט איר זען, ווי אַ גאַנצן טאָג גייט עס מיר נאָך און שרייט: „מע־מע", ווו איך גיי לויפט עס מיר נאָך... אַיאָ, ס'איז אַ שיינס? — האָט זי עס צו זיך געדריקט.

— זייער אַ שיינס, נאָר די באַלעבאָסטע איז נאָך שענער. — פונעם

גלעטן דאָס שעפּעלע איז ער איבערגעגאַנגען צו איר ווייסן נאַקעטן אָרעם. זי האָט אַוועקגענומען דעם אָרעם און אַ ביסל פֿרעמדלעך געפֿרעגט:

— איר האָט מיר נאָך נישט געזאָגט, צו וועמען איר גייט?

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און געענטפֿערט:

— צום קאָלאָניסט שמואל בערקאָוויטש. איר קענט מיר נישט זאָגן, ווו זיין טשאַקרע געפֿינט זיך?

— זי גרענעצט זיך מיט מיינער. איר זעט, דאָרטן? — האָט זי אים אָנגעוויזן אויפֿןברייטן פֿעלד, ווו אין אַנדערן עק איז געשטאַנען צווישןביימער אַן איינזאַם הויז.

— אָ, עס איז גענוג וויט! — האָט ער אומצופֿרידן געזאָגט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אויפֿגעשפּרונגען:

— קומט! איך וועל אייך באַגלייטן!

— אויב אַזוי, וועט דער וועג שוין זיין צו קורץ!

— פֿאַנטשאָ! פֿאַנטשאָ! — האָט זי גערופֿן — ווען היינט אַליין פֿאַרטרייבן די קעלבער, איך גיי וויזן דעם סעניאָר דעם וועג צו בערקאָוויטשעס טשאַקרע.

— עסטאַ ביען, (אין אָרדענונג!) סעניאָראַ! — האָט זיך אַרויסגעהערט פֿון דער סטאַדאָלע פֿאַנטשאָס קול.

זיי זענען אַרויס אויפֿן וועג. די פֿאַרנאַכטיקע זון האָט שוין מילדער געשיינט און אַן אַנגענעם פֿריש ווינטל האָט געבלאָזן. ליפּסקער האָט מיט פֿולע לונגען איינגעזאַפּט אין זיך די פֿרישע ריחות פֿון די פֿעלדער. ער האָט אויסגערופֿן:

זעט נאָר דעם הערלעכן זונפֿאַרגאַנג. די רויטע זון פֿאַרברענט דעם גאַנצן האָריזאָנט אין מעריב. — ליפּסקער האָט פֿאַרלייגט זיין האַנט אויף אירע אַקסלען, מיט אַ מאָל האָט ער זי פֿעסט אַרומגענומען. זי האָט זיך אָבער פֿלינק אַרויסגעדרייט.

— איר ווילט איך זאָל אייך צונעמען דעם פּאַסאָ? — האָט זי אים געדראָט.

— אָ, איר וועט נישט זיין אַזוי שלעכט!

— איך קען אויך זיין אַ שלעכטע!

— אַבי מען זאָגט אַז איר זענט אַ גוטע!

זי איז אַנגעצונדען געוואָרן, אירע אויגן האָבן געברענט מיט כעס, האַסטיק האָט זי אויפגעהויבן די האַנט, אים אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש און אַנטלאָפן! ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער באַק, געבליבן אַ רגע שטיין צעטומלט און דערנאָך אָנגעהויבן איר נאָכצולויפן, ער האָט זי געכאַפּט, זי האָט זיך געוואָלט פון אים אַרויסרייסן, ער האָט אָבער זי פעסט צוגעהאַלטן, אָפּגעזוכט אירע ליפּן און זיך איינגעגעסן אין זיי. זי האָט זיך געריסן אים צו שלאָגן.

— נשמהלע! פאַר יעדן פּאַטש אַ קוש! אויב דו ווילסט נישט, איך זאָל דיך קושן, זאָלסטו מיך נישט שלאָגן!

זי האָט געוואָלט אַרויסרייסן די האַנט פון זיינער, געמאַכט אַ שלעכטן שריט און זיך אַראָפּגעגליטש פונעם וועג. ליפּסקער, אַנשטאָט זי אויפצו־האַלטן, האָט זי געלאָזן פאַלן און זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן איר אין ווייכן גראָז. זי האָט זיך אויפגעזעצט, אירע אויגן און באַקן האָבן געגליט מיט אַ פייער.

— שייניטקע מיינע! ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי עס פּאַסט דיר דער כעס, ווי שיין דו ביסט אין מיינע אויגן! איך האָב דיך ליב, מאַריאַנע!..

ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען.

פּלוצעם האָט זי זיך צעוויינט, זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, פאַרגראָבן אים אין די הענט און שלוכצענדיק געוויינט.

— מאַריאַנע! פאַר וואָס וויינסטו? איך האָב דיר דאָך גאָרנישט געטאָן? פאַר וואָס וויינסטו, מיין קינד?

איר וויינען האָט אים מער צעטומלט, ווי דאָס פריערדיקע שלאָגן אים. זי האָט אים נישט געענטפערט, נאָר זיך אויפגעהויבן און וויינענדיק זיך געלאָזט אַהיים גיין. ער איז נעבן איר געגאַנגען און נישט באַגריפן פאַר וואָס זי וויינט.

— נו, זאָג מיר, מיין טייערע, פאַר וואָס וויינסטו?

זי איז שטיין געבליבן, פאַרוואָרפן שטאָלץ אין דער הויך דעם קאָפּ:

— סעניאָר ליפּסקער, גייט אייך אייער וועג, צווישן אונדז איז אַלעס געענדיקט.

ער איז בייז געוואָרן, צו ערשט פּאַטשט זי אים אויס און דערנאָך גיט זי אים דעם וועג, ווי עפּעס אַ ייִנגעלע, אָט אַזוי ענטפערט זי אים אויף זיין ליבע?

— עס האָט זיך דאָך גאָרנישט צווישן אונדז אָנגעהויבן, עס זאָל זיך שוין האָבן געענדיקט!

— ליפּסקער! פאַר וואָס באַליידיקט איר מיך? ליפּסקער! פאַר וואָס באַהאַנדלט איר מיך ווי איינע, ווי איינע... פאַר וואָס זענט איר, מענער, אַלע אַזוי, אַזוי ברוטאַל! — זי האָט אים געלאָזט שטיין און איז אַנטלאָפן.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי זיינע צעפּלאָמטע באַקן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז. ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעקלערט וועגן דעם אַלץ, וואָס עס האָט זיך פּאַרלאָפן, אפשר איז זי טאַקע גערעכט? אפשר האָט ער זי טאַקע באַליידיקט. אויב אַזוי וועט זי אים דאָס נישט מוחל זיין. אַ שאָד. עס האָט אים געררויִשט אין קאָפּ. זאָל ער אַהיימגיין? ניין, איצט איז בעסער צו זיין צווישן מענטשן, וועט ער זיך אַ ביסל צעשטרייען. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געלאָזט גיין צו שמואל בערקאָוויטשעס נחלה.

פון דעם וועג, ביז צום הויז, האָט געפירט אַן אַלייע מיט הויכע ביימער. דער ברייטער טויער ביים אַריינגאַנג און די אַלייע האָבן אים דערמאָנט אין די פריצישע הויפן פון זיין היים. פאַרן הויז זענען געוואַקסן קוסטעס בלומען. צום בלעכענעם הויז איז געווען צוגעבויט אַ ניי ציגל־הויז. דאָס בייע הויז איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. ליפּסקער האָט באַוואונדערט די שפּעפונעם לאַנד, הינער האָדעווען זיך אונטערן פרייען הימל, און בהמות כאַוועז זיך אויף די פעלדער און אין וועלדער בלויז פון גרינער פּאַשע. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויפן הויף און באַטראַכט די ווירטשאַפט. די הינער האָבן פול געמאַכט דעם הויף, אַ יונג הענדל האָט שלעפעריק געגעבן אַ קריי, אַ קוואַטשקע האָט שנעל געפּאַרעט זיך אין דער מיסט, גערופן — גלוג־גלוג — אירע קינדערלעך, זאָלן זיי נאָך איבערכאַפּן מיט אַ ווערעמל, פאַרן שלאָפן גיין! — הינטער אַ פאַרמאַכטער אָבאָרע האָט אַ קעלבל געמעקעט, גערופן זיין מוטער, וועלכע האָט פויל און שווער געשפּרייזט צוזאַמען מיט אירע חברטעס נאָך אַ טאָג פּאַשען זיך אין פעלד.

נאָך די בהמות איז נאָכגעגאַנגען דער קאָלאָניסט, שמואל בערקאָוויטש. דערזעענדיק ליפּסקערן, האָט ער אויסגערופן:

— זע נאָר, דער לערער! אַ גאַסט, אַ גאַסט! וואָס זשע שטייט איר אין דרויסן? קומט אַריין!

פונעם הויז איז אַרויסגעקומען זיין פרוי און זייערע צוויי טעכטער. די קלענערע האָט ער געקענט, זי איז אַ שילערין אין זיין שול. מען האָט אים פאַרבעטן אויף דער טעראַסע. די עלטערע טאָכטער איז געגאַנגען צוגרייטן אַ מאַטע, די קלענערע האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרשעמט פאַרן לערער. זי האָט געוואָרפן אויף אים אַ זייטיקן בליק און אַריין אין הויז. די פרוי בערקאָוויטש האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

ליפּסקער האָט באַטראַכט די שיינע ראַסאָווע בהמות, אפשר אַ דרייסיק שטיק, און זיך אָפּגערופן:

— איר האָט אַ שיינע סטאַדע!

— דאָס זענען נאָך נישט אַלע. מיר האָבן נאָך בהמות אין וואַלד. די קעל־בער און טעלעצעס ברענגען מיר נישט אַהיים, נאָר די מילך־קי צום מעלקן.

עס איז נאָר די איינע צרה, וואָס עס רעגנט נישט, עס פעלט אויס פאַשע פאַר די בהמות — האָט זי אָפּגעזיפצט — דאָס שרעקט אונדז זייער, ווייל מיר האָבן זיך שוין געגנוג אָנגעליטן פון טריקעניש.

עס וועט קומען רעגן, זאָרגט אייך נישט! אָבער זאָגט מיר, וואָס האָט איר געליטן פון דער טריקעניש?

— דאָס וועט אייך בעסער דערציילן מיין מאַן!

די טאָכטער האָט געבראַכט אַ קוישל מיט קיכלעך און אַ מאַטע. זי האָט דערלאַנגט ליפּסקערן אַ פול שעלעכל מיט מאַטע, פון וועלכן די גרינע פליסיקייט איז איבערגעגאַנגען איבער די ראַנדן.

— אַ דאַנק. איך טרינק נישט קיין מאַטע.

— ניין? איר זענט נאָך אַלץ אַ גרינער?

— נישט דאָס, נאָר איך קען נישט פאַרטראָגן די ביטערקייט מיט דעם ביישגעשמאַק פון טיטון.

— איר וועט זיך נישט אַקלימאַטיזירן אין לאַנד, אויב איר וועט זיך נישט צוגעוווינען צו דער מאַטע.

— גיי, סאַניעלע, גיי שטעל אויף דעם טשייניק אויפן פּייער, און דערלאַנג אַ גלעזל טיי פֿאַרן לערער.

ס׳איז אַרויסגעקומען דער קאַלאַניסט, אַן אַרומגעוואַשענער און איבער־געטאָענער. ער האָט אַרויסגענומען די מאַטע פֿון סאַניעס הענט, אַ זופּ געטאָן דורכן רערל:

— אַ, אַ מחיה! אַ מאַטע איז גוט פֿאַר דער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט, אויפֿן ניכטערן מאָגן און נאָך אַ גוטן מיטאָג.

ער האָט זיך געמיטלעך אָוועקגעזעצט. די זון, וועלכע האָט זיך געגרייט צום פֿאַרגיין נאָך ביי ליפּסקערס אַרויסגיין פֿון דער היים, און האָט זיך מסתמא פֿאַרזאַמט, כדי אים צוצושיינען צו זיין אָוואַנטורע מיט מאַריאַנען, איז אַצינד שוין אין גאַנצן פֿאַרשווונדן הינטער די ברעגן פֿון די פֿעלדער און איבערגעלאָזט עפּעס אַ פֿאַרבענקטע שטילקייט. לאַנגע, מעלאַנכאָלישע שאָטנס האָבן זיך געצויגן איבער די פֿעלדער און איבערן הויף. סאַניע האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן. איבערן טיש האָט מען אויפֿגעהאָנגען אַ בלייך־לאָמפּ, וועלכער איז געווען פֿאַרזיכערט קעגן ווינטן. דער גרעסטער שטורעם וועט אים נישט אויסלעשן. די ליכט האָט געשאַפֿן אַ געמיטלעכע היימישקייט. דער לאָמפּ האָט באַלד צוגעצויגן פֿאַרשידענע פֿליגעלעך, גלי־וואָרעמלעך און שוואַרצע כרושטשעס. די כרושטשעס זענען גאָר צודרינגלעך געוואָרן, זיי האָבן זיך געדיכט געזאַמלט אַרום לאָמפּ און אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן טישטעך, אויף די זיצנדיקע.

— אַ ריינע פּלאָג! — האָט זיך באַקלאָגט די קאַלאַניסטקע און גע־פּרוווט זיי פֿאַרטרייבן מיטן האַנטעך.

— מאַכט נישט אויס, — האָט זיך אָנגערופֿן דער קאַלאַניסט — ס׳איז אַ סימן, אַז עס קומט רעגן.

— ווי אייער פֿרוי האָט מיר געזאָגט, האָט איר זיך שוין אַ סך אָנגע־ליטן פֿון די טריקענישן.

— נישט נאָר פֿון טריקעניש, הער ליפּסקער, נאָר פֿון היישעריקן, פֿון ציקלאָנען, פֿון פֿאַרפֿלייצונגען, אַלץ וואָס איר ווילט, אמתע צען מכות זענען מיר שוין אויסגעשטאַנען!

— קומט אַריין אין שטוב! — האָט די פֿרוי איינגעלאַדן — מען קען

דאָ דאָס מויל נישט עפענען, די פליגעלעך פליען גלייך אין מויל!

זיי זענען אַריין אין שטוב, ליפּסקערן האָט איבעררעאשט די מרה־שחורה, וואָס האָט דאָ געהערשט. ער ווייסט נישט, צי דער שוואַכער שיין פונעם לאָמפּ, אָדער די נישט געטינקעוועטע ווענט האָבן אַזוי געווירקט. די זעלבע ציגל, וואָס האָבן אין דרויסן געמאַכט אַן אַנגענעמען איינדרוק, האָבן אינעווייניק, נישט געטינקעוועטע און נישט געקאַלכטע, דערציילט פון אָפּגעלאָזנקייט און ירידה. אַ האַלבע שטוב איז געווען אָפּגעטיילט מיט צוזאַמענגענייטע זעק פאַר אַ שלאָף־צימער. דער שיינער אַריינפאַר מיט די מאַיעסטעטישע, שלאַנקע עוקאַליפּטוס־ביימער איז געווען אַ שטאַרקער קאָנטראַסט צו דער אָרעמקייט אין שטוב. אָרעמקייט? ניין, האָט זיך ליפּסקער געטראַכט, ס'איז נאַכלעסיקייט, ווייל די פאַמיליע אַליין, אַן גרויסע אויסגאַבן, וואָלט דאָך געקאָנט דאָס הויז פאַרשענערן.

דער קאָלאָניסט האָט ווי געלייענט ליפּסקערס געדאַנקען, ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— עס וווּנדערט אייך מיין נישט אויסגעענדיקט הויז? איך וועל זי מער קיין מאָל נישט אויסענדיקן! איך האָב עס געזוגט, איך פאַרלאָז די קאָלאָניע! — ער האָט זיך אויפגעהויבן און נערוועז געשפּאַנט איבער דער שטוב. אויף ליפּסקער איז אַן איבעררעאשטער אויפגעשפּרונגען:

— הער בערקאָוויטש! וואָס רעדט איר וואָס? איך בין דאָ אַ נייער, אָבער אַ גאַסט אויף אַ ווייל, זעט אויף אַ מייל. אין אייער ווירטשאַפט ליגט האָרעוואַניע, איר האָט מיט ליבע געבויט אייער נחלה און איר האָט זי דאָך געבויט אויף נישט צו פאַרלאָזן!

דער קאָלאָניסט האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין ביידע הענט. ער האָט אָנגעקוקט ליפּסקערן מיט מידע אויגן. די טיפע קנייטשן אויפן פּנים און די פאַרגרויטע האָר האָבן עדות געזאָגט פון זיין שווער לעבן.

— איר זענט גערעכט, איך האָב געבויט מיין ווירטשאַפט, אויף נישט צו פאַרלאָזן. אָבער איך האָב געהאַט איין דורכפאַל נאָכן אַנדערן, שטענדיק האָב איך ווייטער געאַרבעט, פאָרגעזעצט און געקלערט, אַז דאָס צווייטע יאָר

וועט זיין בעסער, אָבער איין דורכפאַל איז נאָכגעגאַנגען דעם צווייטן, אַצינד האָב איך עס גענוג!

ליפּסקער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ייד פירט מיט זיך אַ שווערן קאַמף, און אויב ער איז געקומען צום אַנטגילטיקן באַשלוס, צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע, מוז ער האָבן טיפערע סיבות. ער האָט געשוויגן אַ ווייל, דערנאָך געפרעגט:

— איז... וועמען באַשולדיקט איר אין אייערע דורכפאַלן?

— איך ווייס? איך זאָל זאָגן — „די איק״א?״ אפשר, ווען איך וואָלט נישט געווען אַ שטיפקינד ביי איר?

— גיט מיר, איך בעט איך, צו פאַרשטיין, וואָס הייסט אַ „שטיפקינד״ ביי דער איק״א?

— די קאָלאָניע איז ערשט אַלט אַ פופצן יאָר און איז באַזעצט געוואָרן פון צוויי טיפן קאָלאָניסטן. די ערשטע זענען די היגע, דאָס הייסט קאָלאָניסטישע קינדער און די צווייטע איינגעוואַנדערטע, דייטשע יידן, וואָס די איק״א האָט געבראַכט אין דער צייט פון היטלערס קומען צו דער מאַכט. יענע, די איינגעוואַנדערטע, זענען קינדער ביי דער איק״אַ, און מיר, די היגע, זענען די שטיפקינדער. יענע באַקומען אַלץ, אַ פאַרטיקע שטוב, בהמות, אפילו אַן אינסטרוקטאָר, וואָס לערנט זיי די הלכות פון קאָלאָניזאַציע. דאָס ערשטע יאָר באַקומען זיי אויסהאַלטונג, ביז זיי נעמען אַראָפּ די ערשטע גערעטעניש פון די פעלדער. האָט איר געזאָלט זען, ווי די דייטשע יידן פלעגן קומען אין שטעטל, שפּאַצירן מיט שטעקעלעך אין די הענט און די גאַנצע וועלט איז זיי שולדיק, וואָס זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד דייטשלאַנד. רעדן זיי אויף זייער לשון, וואָס איז שווער צו פאַרשטיין און כאָטש די קאָאָפּעראַטיוו גיט זיי אַלעס, וואָס זיי באַדאַרפן, אָן געלט, האָבן זיי צו איר נאָך טענות: „וואָס איז? די קאָאָפּעראַטיוו גיט נישט קיין מאַרמעלאַד, ווי אַזוי קען מען עסן צום פרישטיק בוטערבראָט אָן מאַרמעלאַד?״ איר הערט אַ מעשה? צום ברויט מיט פוטער דאַרף מען נאָך מאַרמעלאַד! איר מיינט זיי האָבן נישט אויסגעפירט? די קאָאָפּעראַטיוו האָט געבראַכט פאַר זייערטוועגן מאַרמעלאַד. אונדזערער אַ קאָלאָניסט דאַנקט גאָט אַז ער האָט אַ טרוקענע גאַזשיטע צו דער מילך. זיי אָבער מוזן האָבן

צום פרישטיק „בוטערבראָט מיט מאַרמעלאַד, אַ גוטן מיטאָג אין הערבערטס רעסטאָראַן און פאַרנאַכט קוכען מיט קאַפע”, פיר אַ זייגער נאָך מיטיק זעט איר נישט קיין איין דייטשן ייד אין שטעטל, דאָס אַנטלויפט מען אַזוי צום פרישן קוכן מיט קאַפע. און זאָגט איר זיי עפּעס, מאַכן זיי — „נאָ, יאָ, יאָ, מיין גאָט, מאַן קאַן דאָך ניכט אַנדערס לעבען!” — זאָגט מען זיי אַז מיר לעבן אַנדערש, פאַרקרימען זיי מיט דער נאָז — „נאָ, יאָ, די פּאָלנישע! די לעבן דאָך ווי די שווינען!”

אָבער נישט דאָס האָב איך אייך געוואָלט דערציילן. איר ווילט וויסן די סיבות, פאַר וואָס איך פאַרלאָז די קאָלאָניע. ווען איך האָב געהערט מיט אַ יאָר פופצן צוריק — איך האָב דעמאָלט געוווינט אין באַסאַווילבאַסאָ, — אַז די איק"אַ גייט גרינדן אַ נייע קאָלאָניע, זאָג איך צו מיין ווייב: — קום, וועלן מיר זיך באַזעצן אויף די פעלדער, ווייל דיווירטשאַפט פון מיין פאָטער איז צו קליין פאַר אונדז אַלע. איך בין דעמאָלט געווען אַ יונגער־מאַן מיט צוויי קליינע קינדער, דאָס דריטע איז שוין דאָ געבוירן. געדאַרפט האָבן מיר אַריינטראָגן אַ געוויסן סכום געלט פאַרן אינווענטאַר. איך האָב געהאַט די נייטיקע סומע און מען האָט מיך אָנגענומען. יאָ, נישט איך אַליין בין דעמאָלט געקומען. מיט מיר צוזאַמען זענען געקומען אַ גאַנצע גרופּע פון אַ צוואַנציק פאַמיליעס. געווען איז דאָ דעמאָלט אַ וויסטע. קיין הייזער, ווי זיי בויען אַצינד פאַר די עמיגראַנטן, האָבן זיי אונדז נישט אָנגעגרייט. מיר האָבן נאָר געטראָפן אַ לאַנגן שפּייכלער, געמאַכט פון בלעך, וואָס האָט געדינט פאַר אַ וווינונג, אַ מאַגאַזין פאַר דער תבואה און פאַר אַלץ וואָס האָט געדאַרפט געשיצט ווערן פון אַ רעגן. אַרום און אַרום איז געווען עפּעס אַ ווילדעניש. דער שאָסיי, וועלכן איר זעט היינט, איז נאָך נישט געווען. שוואַרצע פונדיקעס זענען געווען באַשעפּטיקט ביים בויען די באַן־ליניע. צום שטעטל האָט נישט געפירט קיין וועג. האָט מען באַדאַרפט פאָרן איינקויפן, איז מען געפאָרן רייטנדיק דורכן וואַלד און געזוכט אַ סטעזשקע. אין די וועלדער און ביי די וועגן האָבן געוווינט די פונדיקעס און געקוקט מיט חשד אויף די נייע שכנים. אָפט האָט מען פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד און איין מאָל האָט אויך פּאַסירט אַן אומגליק: מיין שכנס אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן איז געריטן אין שטאָט אַריין און איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן

אין וואַלד און איז מער נישט צוריקגעקומען. די גאַנצע קאָלאָניע איז אַרויס אים זוכן, אָבער אים מער נישט געפונען. די מאַמע זיינע, ווײנט נאָך אים ביזן היינטיקן טאָג. — איך האָב מיך אַ ביסל פאַררעדט, — איז, ווי שוין געזאָגט, איך האָב איינגעצאָלט דער איק״אַ און באַקומען דעם אינווענטאַר, אויך עטלעכע קי און זיך גענומען צו דער אַרבעט. איר זאָלט וויסן, אַז אַ קאָלאָניסט איז רייך נאָר פרילינג־צייט, דעמאָלט, ווען ער זעט זיין תבואה גרינען, ער רעכנט אויס וויפל דאָס פעלד וועט אים אַריינטראָגן און האָפט צו ווערן אַן עושר. אָבער אַז עס גייט אַוועק אַ שטיקל צייט, באַקענט ער זיך מיט די צרות, — טריקענישן, אָדער רעגנס, ווען מען דאַרף שוין נישט, צי גאָר אַ האָגל, וואָס קלאַפּט אויס דאָס ביסל תבואה. נאָר מיר האָבן נישט געקוקט אויף קיין שלעכטע גערעטענישן און ווייטער געזייט און ווייטער געהאָפט. אין די ערשטע יאָרן האָבן מיר אויסגעקאָרטשעט די וועלדער און געפירט דאָס האָלץ אין שטעטל אַריין פאַרקויפן, בכדי צו האָבן אַ ביסל מזומן געלט. שווער איז נאָר געווען מיטן וואַסער. נישט לייכט איז אונדז אָנגעקומען אויפצושטעלן די וואַסער־טורבינעס, אָבער געלויבט דער אייבערשטער, מיר זענען שוין פאַרזאָרגט מיט וואַסער. און נישט נאָר האָבן מיר געזאָרגט זיך מאַטעריעל צו פאַרפעסטיקן, נאָר האָבן אויך אין זינען געהאַט די דערציִונג פון אונדזערע קינדער. מיר זענען באַלד צוגעטרעטן צו בויען אַ שול און דערנאָך אַ בית עם. אין די ערשטע יאָרן האָט די איקאַ געצאָלט די לערערס, היינט צאָלן מיר ב״ה אַליין. געדאַכט האָט זיך אונדז שטענדיק, נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר און מיר וועלן שוין קענען רויק לעבן. און אמת, איך האָב שוין פאַרמאָגט אַ שיינע שטאַל מיט בהמות, אַ הונדערט שטיק. די וואַסער־טורבינע איז שוין געווען אויפגעשטעלט, און עס האָט זיך געוויזן אויף אַ שיינעם שניט. אָבער דאָ איז געקומען דער ערשטער דורכפאַל. צו ערשט האָט זיך געמאַכט אַ פאַרטריקעניש און עס האָט אָנגעהויבן אויסצופעלן פאַשע פאַר די בהמות. עס וואָלט נאָך געווען אויסצוהאַלטן, ווען עס פאַלט נישט אַראָפּ דער היישעריק. אין אַ פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען. דער הימל איז שוואַרץ געוואָרן פון זיי. באַלד האָבן זיי באַדעקט די פעלדער, אויפגעפרעסן אַלץ, דערנאָך האָבן זיי פאַרזייט זייערע אייער און זענען אַוועקגעפלויגן. ערשט דער יונגער היישעריק האָט געמאַכט

דעם אמתדיקן חורבן. נאָך נישט קענענדיק פליען, זענען זיי געקראָכן איבער דער ערד און אָפּגעגריזשעט יעדעס גרעזעלע, יעדעס שטענגעלע. פון דער ערד זענען זיי אַרויפגעקראָכן אויף דיביימער, אויף די ווענט.
— איר זעט — נעמט ער אָן דאָס טישטעך, — אפילו דאָס, ווען איר לאָזט עס אין דרויסן, פרעסן זיי אויף. ווען אַלץ איז שוין געווען אויפגעפרעסן און טויט, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפלויגן. עס איז געווען שרעקלעך. איבער נאַכט איז פון אַ בליענדיקן ישוב געוואָרן אַ וויסטע. די ביימער זענען געשטאַנען פאַרטריקנטע, אָפּגעפרעסענע ביז צו דער קאָרע. די יונגע גרינע תבואה איז פאַרשווונדן. מען האָט נישט אַזוי באַדויערט דעם פאַרפאַלענעם שניט, ווי דאָס, וואָס די בהמות זענען געבליבן אָן פאַשע. קיין פיצל גראָז איז נישט געווען אויף דער ערד. צו ערשט פלעגן די בהמות נאָך צוגיין צו דער קאָרעטע טרינקען וואַסער. די זון האָט אָן רחמנות געסמאַליעט און קיין איינציק כמאַרעלע האָט זיך נישט באַוויזן אויפן הימל. צוזאַמענגעדריקט אין אַ מאַסע, פאַרשמאַכטע, זענען די קי געשטאַנען, זיי האָבן שוין אַפילו אויפגעהערט אַראָפּצולאָזן די פיסקעס צו דער פאַר־טריקנטער און טויטער ערד, צו זוכן אַ גרעזל, און דעמאָלט האָב איך געזען, ווי אין הונגער שטייט די בהמה העכער פונעם מענטשן. זיי האָבן נישט געליאַרעמט, נישט געוואָרן ווילד, נאָר צוזאַמען שטיל געהונגערט. זייערע הילפלאָזע בליקן האָבן געשניטן דאָס האַרץ. ביינאַכט האָבן מיר געהערט שיסן. דאָס האָבן קאָלאָניסטן געשאָסן זייערע בהמות, כדי צו פאַרקירצן זיי די ליידן. איך האָב עס נישט געקאָנט טאָן.

— און איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, — האָט בערקאָוויטש ווייטער דערציילט — דער הימל איז געווען רויט פון דער פאַרגייענדיקער זון, — האָבן זיך די בהמות געלייגט, ווי עס וואָלט ווער דיריגירט מיט זיי, געפירט מיט אַ מאַגיש שטעקעלע איבער זייערע רוקנס, אַזוי האָבן זיי זיך געלייגט. ליפסקער, איך וועל דעם פאַרנאַכט קיין מאָל נישט פאַרגעסן, מיין מי און האָפענונג איז געוואָרן צו גאָרנישט, איינס נאָך איינס זענען זיי אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. מיינע קי האָבן זיך מער נישט אויפגעהויבן. ליפסקער, מען דאַרף זיין אַ קאָלאָניסט כדי דאָס צו פאַרשטיין. דאָס איז עפּעס מער ווי נאָר אַ געלט־שאָדן. אויפן פעלד ווערן מענטש און בהמה צוזאַמענגעוואָקסן.

דו האַלטסט יעדעס ניי־געבוירענע קעלבעלע אויף די הענט, זאָרגסט זיך, ווען אַ טעלעצע דאַרף זיך קאַלבן און פרייסט זיך, ווען זי איז עס שוין איבערגעקומען. ניין, ליפסקער, איר וועט עס נישט פאַרשטיין. — ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען דורך דער שטוב, זיך באַרויקט און צוריק אַוועקגעזעצט:

— אויף מיין ווייב האָט עס נאָך מער געווירקט ווי אויף מיר. אָבער מיר האָבן זיך ביידע געשטאַרקט און אָנגעהויבן אויף ס'ניי. אַ רעגן איז געגאַנגען, פריש גראָז איז געוואַקסן און צוזאַמען מיט דעם איז געוואַקסן אונדזער האָפענונג. ווידער זענען ארומגעשפרונגען אַ פּאָר קעלבלעך ביי דער שטוב און געדאַכט האָט זיך, אַז עס וועלן קומען שוין בעסערע צייטן. מיר האָבן אויפגעבויט די מילך־פאַבריק, ווו מיר פאַרקויפן די מילך, אָבער עס זענען געקומען מגפות אויף די בהמות, אויף די הינער און ווידער שטייען מיר ביי גאָרנישט. מען ווערט מיד, ליפסקער, די שטוב, אָנגעהויבן בויען מיט אַזוי פיל התלהבות. איצט ווילט זיך שוין נישט פאַרענדיקן. צו וואָס? מיין אונטערגעוואַקסענער זון פרעגט מיך: — „ווי לאַנג נאָך וועל איך טראָגן אַלפאַרגאַטן אָנשטאָט שיך?" — און ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין בוענאָס איירעס, האָב איך אים נישט צוריקגעהאַלטן. טאַקע פאַר וואָס נישט? איצט שרייבט ער מיר, מיר זאָלן אַלע קומען. איך בין שוין אַלט און קראַנק. איך דאַרף מיך קורירן, פאַר די קינדער זע איך דאָ נישט קיין תכלית. וואַרט איך אָפּ דעם שניט און וועל אַוועקפאָרן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און ליפסקער האָט אים נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַזאַ מענטש, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרבראַכט אויפן פעלד, וואָס עס באַדייט פאַר אים, צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

— ווי הייס דאָ איז — האָט בערקאָוויטש אויסגערופן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען. ליפסקער איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געשוויגן און געקוקט אויף די טונקעלע פעלדער. דער הימל איז געווען שוואַרץ פון וואָלקנס. נאָר אַ קליינער קרייז אַרום דער שטוב איז געווען באַלויכטן, זאָל אויך דאָס פאַרלאָשן ווערן?

— ס'איז אַ ליגן, אַז יידן האָבן נישט ליב קיין פעלד, דאָס האָבן

אונדזערע שונאים אויסגעטראַכט! — האָט זיך אָנגערופן ליפּסקער.

— יאָ, האָט באַשטעטיקט בערקאָוויטש.

ליפּסקער איז געווען צערודערט, ס'האָבן אים געמאַטערט אַ סך פראַגן.

— ווו זענט איר דאָרטן? — האָט גערופן די באַלעבאָסטע צום אָונטבּרויט, גרייטנדיק דעם טיש. זי האָט געמאַכט אַן אָסאַדע, אַלאַ קריאָזשאַ, פון אַ יונג שעפּעלע.

— אין בוענאָס איירעס וועט איר אַזאַ אָסאַדע נישט קריגן.

— יאָ, אָבער אויך נישט די פליגעלעך! גיט נאָר אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך! — האָט די באַלעבאָסטע געוויזן אויפן לאָמפּ, וואָס אַרום אים האָבן, ווי אין אַ ווילדן קאַראָהאָד, אַרומגעקרייזט אומצאָליקע מיקן. כאָטש מען האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די טירן, דאָך האָבן זיי באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן.

ווען ליפּסקער האָט זיך אָפּגעזעגנט און, באַגלייט פונעם קאָלאָניסט, אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, איז דער הימל אין גאַנצן באַדעקט געווען פון פינצטערע לויפנדיקע כמאַרעס. עס האָט געבלאָזן אַ ווינט און פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט אַ דונערן.

— עס קומט אַ טאָרמענטאַ! — האָט בערקאָוויטש געזאָגט און פאַר־זאָרגט צוגעגעבן:

— אפשר זאָלט איר זיך נישט לאָזן גיין? דער רעגן קען אייך פּאַקן אין מיטן וועג!

— אַך וואָס! איך וועל נאָך אָנקומען פאַרן שטורעם אַהיים.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט, אויפגעשטעלט דעם קראַגן פונעם רעקל און שנעל גענומען שפּאַנען.

קאַפּיטל פיר

# אין רעגנדיקע טעג

בערקאָוויטש איז געווען גערעכט. ליפּסקער איז נישט אָפּגעגאַנגען קיין האַלבן קילאָמעטער, ווי אַ שטאַרקער רעגן האָט זיך געגעבן אַ גאָס. ער איז אין אַ מינוט דורכגענעצט געוואָרן. דער רעגן האָט אים געשלאָגן אין פּנים און באַשווערט דאָס גיין. דערצו איז דער וועג געוואָרן גליטשיק און ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. אפשר זאָל ער זיך אומקערן? אָבער דאָס ליכט פון מאַריאַנעס שטוב האָט צו אים געווונקען און אים גערופן... ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, דורכגעלאָפן די קליינע שטרעקע, אויפגעמאַכט די פּאָרטקע צו איר הויף און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

מאַריאַנע האָט אָפּגעקייטלט די לאָדנס פונעם פענצטער און אַרויסגע־קוקט.

— אָ, דאָס זענט איר? — האָט זי אויסגעצויגן די ווערטער.

— מאַריאַנע, ס׳האָט מיך פאַרכאַפּט דער רעגן. לאָזט מיך אַריין, איבער־צוּוואַרטן דעם רעגן.

— די סטאָדאָלע איז אָפן, איר קענט דאָרט איבערוואַרטן — און זי האָט צוריק פאַרקלאַפּט די לאָדנס.

ליפּסקער איז געבליבן ווי אויסגעפּאַטשט. דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין גיסן, ס׳איז נישט מעגלעך געווען ווייטער צו גיין. איז ער באין ברירה אַריינגעגאַנגען אין סטאָדאָלע. דאָ האָט אים דער הונט העקטאָר מיט אַ ביסל ברוגזלעך מרוקען אויפגענומען.

— שווייג! — האָט ער אים איינגעשטילט. ער האָט אים אַ פּאָר מאָל אַ גלעט געטאָן איבערן רוקן, דער הונט האָט אויפגעהערט צו וואָרטשען און זיך לעבן אים אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. ליפּסקער האָט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר דער רעגן וועט אויפהערן, וועט ער אַוועק פון דאַנען און זיין פוס

וועט מער קיין מאָל נישט איבערטרעטן איר שוועל. — נישט אַזוי, העקטאָר? — האָט ער אָנגענומען דעם הונט ביי דער מאָרדע. העקטאָר האָט שלעפעריק אַ גענעץ געטאָן. שווער געווען צו פאַרשטיין, צי ער איז מסכים. אָבער דער רעגן, איין מאָל זיך צעלאָזט, האָט ער זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן.

— וואָס זשע טוט מען, העקטאָר, דאָס קען אַזוי רעגענען אַ גאַנצע נאַכט! — ער האָט געקוקט צו דעם באַלויכטענעם פענצטער — אַנו, גיי דו, דיך וועט זי אפשר גיכער אַריינלאָזן!

דער הונט האָט אים ווי פאַרשטאַנען, ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם רעגן און צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט מיט דער לאַפּקע נאָר אַ דראַפּ געגעבן, האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט און אַ ווייסע האַנט האָט אים אַריינגעשלעפּט.

ליפּסקער האָט אין זיך געלאַכט. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיין ווינקל און אַרויסגעקוקט צו דעם שטראָמענדיקן רעגן.

פּלוצעם איז זי אַרויסגעקומען, אָנגעטאָן אין אַ לעדערנער קורטקע, אין הויזן און שטיוול. העקטאָר איז, אַ פריילעכער, איר נאָכגעשפּרונגען. ליפּסקער האָט איבערראַשט אויסגערופן:

— וואָס גייט איר טאָן, מאַריאַנע?

— סעניאָראַ, נישט מאַריאַנע! — האָט זי אומגעדולדיק געענטפערט.

— אַנטשולדיקט, סעניאָראַ.

— איך וועל אייך דאָך נישט לאָזן אַ גאַנצע נאַכט ליגן אין מיין סטאָדאָלע, קומט, העלפט מיר איינשפּאַנען די סולקע, וועל איך אייך אַהיימפירן. זי האָט אים געגעבן צו האַלטן דאָס עלעקטרישע לעמפּל און אַליין האָט זי שנעל און געשיקט איינגעשפּאַנט אַ פערד אין סולקע.

— זעצט אייך אַרויף! — זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער סולקע און גענומען די לייצעס אין דער האַנט.

דער רעגן האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. ליפּסקער איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אין זיך און געשוויגן. אויף איר, זעט אויס, האָט דער רעגן נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק.

— איר דאַרפט זיך קויפן אַ פערד. אין קאָלאָניע קען מען זיך נישט

באַגיין אָן אַ פערד. — האָט זי זיך אָפּגערופן נאָך אַ געדריקטן שווייגן.

— יאָ, סעניאָראַ, איך קלער מיר טאַקע צו קויפן אַ פערד. צי ווייסט איר נישט, סעניאָראַ, ווו איך קען באַקומען א גוט פערד?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן ביים אָנרופן זי „סעניאָראַ":

— מיין פאַנטשאָ קען אייך פאַרזאָרגן אַ גוט פערד. ער איז אַ גרויסער מבין אויף פערד. איך האָב אים אָנומלט געזען צוימען צוויי ווילדע פערד, איר האָט געדאַרפט זען, ווי די פערד האָבן אויפגעהויבן די פאָדערשטע פיס, ווי זיי האָבן געשטשירעט מיט די ציין און געוואָלט אַרויסוואַרפן דאָס ציימל פונעם מויל. געמיינט האָב איך דעמאָלט, אַז פאַנטשאָ וועט געהרגעט ווערן, אָבער ניין, ער האָט פעסט געהאַלטן די לייצעס. די ציימלעך האָבן זיך איינגעשניטן אין די מויל־ווינקלען פון דעם פערד און זיי האָבן זיך אונטער־געגעבן. האָב איך געזאָגט צו מיין מאַן: הערסט, דער גוי געפעלט מיר, נעם אים צו צו דער אַרבעט.

— יאָ, טאַקע, ווו איז ער? אייער פאַנטשאָ, איך האָב אים דעם גאַנצן אָוונט נישט געזען.

— דאָרט, ווו אַלע מענער האָבן ליב צו גיין — אין שענק.

— נישט אַלע, סעניאָראַ.

— אַזוי? נישט אַלע? איר זייט אַלע גלייך. — זי האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד, ער האָט אָנגעהויבן צו בריקעווען און דאָס וואַסער פון די קאַ־לוזשעס האָט זיי באַשפּריצט ביז איבערן קאָפּ. — אָט דאָ איז אייער שטוב! — האָט זי אָנגעוויזן מיט דעם בייטשל.

ער האָט נישט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט זי ראַפּטעם איינגעהאַלטן דאָס פערד. ער האָט רעכט נישט אַוועקגעשטעלט די פיס אויף דער ערד, ווי זי האָט געגעבן אַ פּאָך מיט דער בייטש און אַוועקגעפאָרן.

„אַ טייוול איז דאָס און נישט קיין פרוי! אַפילו קיין צייט נישט געלאָזט איר אָפּצודאַנקען!" — האָט ער פאַר זיך געמורמלט.

דער רעגן האָט אָן אויפהער געגאָסן עטלעכע טעג. די קינדער זענען נישט געקומען אין שול. דעם ערשטן טאָג האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש אין דרויסן. דער פּלאַץ פאַר דער שול האָט אויסגעזען ווי אַ טייך, עס האָבן זיך נאָר אַרויסגעזען די שטיינער פון דער העכער אויפ־

געשיטענער סטעזשקע. דעם אַנדערן טאָג האָבן זיך שוין באַוויזן איינצלנע רייטער, וועלכע זענען געריטן אין שטאָט אַריין. אויף דער שפּאַנישער לערער האָט אָנגעזאָטלט זיין פערד, אָנגעטאָן אַ משונה קאָלירקן רעגנ־מאַנטל און געריטן אין שטאָט אַריין, איינשאַפן ברויט און פלייש. ליפסקער האָט שוין איבערגעלייענט צענדליקער מאָל זיין צייטונג. ער האָט אַרויסגע־קוקט צום רעגנדיקן דרויסן, באַטראַכט די ברייטע וואַסערן, זיין שכנס, דעם קאָלאָניסטס שטוב איז געשטאַנען ווי אין דער מיט פון אַ ברייטער אָזיערע. ס'איז אים געווען אומעטיק און אָנגעזאָליעט אויפן האַרץ. מיט אַ מאָל האָט ער אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט געוואָלט באַזוכן דעם קאָלאָניסט. זיין אַ ביסל צווישן מענטשן. ער האָט געמאַכט אַן אומוועג, אויסגעמיטן די וואַסערן און זיך דערשלעפּט צו דער ווירטשאַפט פונעם קאָלאָניסט. פאַרן טויער פונעם באַראַק איז געשטאַנען אַ גרויסע קאַלוזשע וואַסער. ליפסקער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט אויפמאַכן דעם טויער, וועט אַריין אינעווייניק דאָס וואַסער. מוז דאָך דאָ ערגעץ זיין אַן אַנדער אַריינגאַנג? פון דער צווייטער זייט האָט ער דערזען, ווי דער קאָלאָניסט העלפט אַרויסקריכן דורכן פענצטער זיין דיקע פרוי. עס איז פאַר דער פרוי נישט געווען קיין לייכטע זאַך דאָס אַרויסקריגן זיך אין דרויסן. ליפסקער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון לאַכן, צוקוקנדיק די סצענע.

— זע נאָר וועמען די טאָרמענטע האָט צו אונדז פאַרטראָגן, — האָט אויסגערופן די קאָלאָניסטקע, שוין שטייענדיק אויף דער ערד.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט, — האָט געזאָגט דער קאָלאָניסט און אים אונטער־געשטעלט אַ קעסטל, ער זאָל מוחל זיין, אַריינקריכן דורכן פענצטער אין שטוב אַריין.

ערשט איצט האָט ער געזען, אַז די קאָלאָניסטן זענען געווען גערעכט, ווען זיי האָבן אים געזאָגט, אַז אין פאַרגלייך מיט זייערע וווינונגען, איז זיין הויז אַ פּאַלאַץ. אין דער וווינונג, וווּ ער איז אַריין, זענען געווען ביז צו דער סטעליע אָנגעלייגט זעקלעך תבואה. אין אַ ווינקל איז געלעגן אויף אַ זאַק אַ נאָר וואָס געבוירן קעלבל.

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? — פאַרענטפערט זיך דער קאָלאָניסט,

— אַ צער בעלי חיים, נעבעך, עס וואָלט דאָך אויסגעגאַנגען אויפן רעגן.

— איי, לאָז מיך שוין אָפּ מיט דיין צער בעלי חיים, משה בער, — האָט זיין פרוי אויף אים אַוועקגעמאַכט מיט די הענט, — נעכטן האָט ער מיר אַריינגעבראַכט האַלב־פּאַרפרוירענע הינדעלעך, דאָס וואַסער איז אַריין אין שטייג, ווו זיי זענען געזעסן מיט זייערע קוואָטשקעס, אַ סך זענען אויסגעפּגרט און אַ ביסל האָב איך אָפּגעראַטעוועט, זיי דערוואַרעמט ביים פייער. — יאָ, — האָט זי אָפּגעזיפצט — דאָס זענען די גליקן פון קאָלאָני־זאַציע, איר זעט נישט, ווי אַזוי מען וווינט?

— איך פאַרשטיי טאַקע נישט, — האָט ליפסקער זיך אומגעקוקט איבערן באַראַק; צום שבת פון דער באַלעבאָסטע מוז מען צוגעבן, אַז דאָ זעט מען אַ בריהשע האַנט; אַלץ איז ריין און אויפן אָרט. דער טיש פאַר־שפּרייט מיט אַ טישטעך, די בעטן אָפּגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג, די בלעכענע ווענט זענען ווייס אָפּגעקאַלכט און די ציגל פון דיל געפאַרבט אויף רויט און פאַרשפּרייט מיט זעק.

— פאַר וואָס וווינען אַנדערע קאָלאָניסטן, ווי, צום ביישפּיל, חיים לאַנדער, אין שיינע געמויערטע דירות און איר נישט?

— דאָס האָבן זיי זיך אויפגעבויט פאַר זייער אייגן געלט, אָדער איבער־גענומען ווירטשאַפטן מיט פאַרטיקע הייזער פון אַוועקגעגאַנגענע קאָלאָניסטן. נאָר פאַר די אימיגראַנטן־קאָלאָניסטן האָט די איק״א אָנגעגרייט געמויערטע הייזער.

— און איר, ר׳ משה בער, זענט נישט קיין עמיגראַנט?

— יאָ אַן עמיגראַנט אָדער, בעסער געזאָגט, אַ גרינער, איך בין שוין דאָ, מיין ליבער פריינט, פון גאָר לאַנגע יאָרן! איר געדענקט דאָך מסתמא די פאָגראָמען אין פאָדאָליער גובערניע?

— ניין, איך געדענק נישט.

— וואָס הייסט איר געדענקט נישט? איר געדענקט נישט, ווען דער רוס האָט זיך געשלאָגן מיט יאַפּאַן?

— וואָס ווילסטו וואָס, — האָט זיך אַריינגעמישט זיין פרוי — דער לערער איז נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט נישט געווען.

— הם, יאָ — גיט משה בער אַ מרוקע אונטער דער נאָז — אַ יונגער־מאַן נאָך. וואָס זשע וויל איך אייך זאָגן, מיין ליבער פריינט, האָב איך דעמאָלט באַדאַרפט גיין דינען אויף דריי יאָר צו פאָניען, האָב איך געזען, אַז דאָס איז נישט קיין תכלית פאַר מיר. זאָגט מיר דער טאַטע עליו השלום:

— „מענטשן פאָרן קיין אַמעריקע, פאָר אויך". בין איך געפאָרן. און גלייבט מיר הייליק, צי איך האָב אַפילו געוווסט, צי עס איז דאָ אַן אַרגענטינע אויף דער וועלט. איך בין געפאָרן מיט אַ גרופּע גויים און ערשט, אַז מיר זענען אויסגעשטיגן, זאָגט מען אונדז, אַז מיר זענען אין אַרגענטינע. די ענגלישע געזעלשאַפט, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער, האָט אונדז גלייך אָפּגעשיקט אין דער פּראָווינץ „טשאַקאָ". מען האָט אונדז געבראַכט אין אַ וואַלד. איך בין נישט געווען געוווינט צו די היגע היצן און צו די מאָסקיטן, וואָס זענען אונדז דערגאַנגען די יאָרן. מען האָט אונדז געשטעלט צו דער אַרבעט צוזאַמען מיט נאַקעטע אינדיאַנער, מיר זאָלן אויסהאַקן דעם וואַלד. וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען אַ קאַשע, מיין ליבער פריינט, עס איז געווען שלעכט און די ענגלענדער האָבן אונדז צוגעזאָגט גילדענע בערג. ניין פּעזעס אַ טאָג וועלן זיי צאָלן.

— ניין פּעזעס? — האָט זיך געחידושט ליפּסקער — האָט איר דאָך געקאָנט אָפּשפּאָרן אַ פאַרמעגן!

— יאָ, ס'איז אָבער די זעלבע מעשה, ווי מיט דער איק"אַ, זיי זאָגן צו הרים וגבהות, מאַכט מען אָבער דעם חשבון, קומט נאָך זיי אַרויס, און דער קאָלאָניסט איז תמיד הינטערשטעליק מיט די צאָלונגען. אַזוי איז אויך געווען מיט די ענגלענדער. זיי האָבן אָפּגערעכנט דאָס עסן, די דירה, מ'שטיינס געזאָגט, זייערע קעסט און זייער דירה! דערצו איז געווען אַ שענק אין וואַלד, הערינג איז געשטאַנען אויף די טישן און מ'האָט געקאָנט עסן וויפל מ'האָט געוואָלט. כאַפּט זיך אַזאַ אייגער ווי איך צו צום הערינג, נו, נו, אויפן האַרצן ברענט עס נאָך דעם מיט אַ העליש פייער, און מען לעשט דעם דאָרשט מיט אַ פלעשל ווייַן און נאָך אַ פלעשל, דערנאָך וואַלגערט מען זיך אַ שיכורער אין וואַלד. זע איך אַז עס איז נישט קיין תכלית, צו אַרבעטן אויף די ענגלענדער און אַרומצודרייען זיך צווישן די, במחילה, נאַקעטע אינדיאַנער, נאָר מיט אַ פאַרטעכל, ווי אָדם הראשון אין

גן־עדן. האָב איך זיי אין אַ שיינעם טאָג פאַרלאָזט און בין אַזוי, וואַנדערנ־דיק, אָנגעקומען ביז קיין ענטרע ריאָס. דערנאָך האָב איך געהאַט, הערט איר, די בעסטע צייט פון מיין לעבן. איך בין געוואָרן אַ פאַסטעך ביי אַ קאָלאָניסט אין שטעטעלע קלאַראַ. קיין געלט האָט מיר דער קאָלאָניסט נישט געגעבן. ווו האָט עס אַ קאָלאָניסט געלט? איך האָב נאָר באַקומען צו עסן און דאָס אויך נישט צו דער זעט. נאָר איך זאָג אייך, מיין פריינט, ס'איז מיר געווען גוט! וואָס האָט מיר געפעלט, אַז איך האָב מיך אויפגעזעצט אויף אַ פערד און געטריבן מיין סטאַדע אין ווייטן פעלד. אַ מאָל, ווען עס האָט אויסגעפעלט פאַשע, האָבן מיר זיך צוזאַמענגענומען עטלעכע פאַס־טעכער און געטריבן אונדזערע סטאַדעס מיילנווייט. דו זיצסט דיר אויף אַ פערד, פאַרגייסט זיך אין אַ זמרל, פאַר די אויגן ציען זיך ברייטע, ווייטע פליינען און געדיכטע סטאַדעס. דאָס געזאַנג פון די גאַוטשאָס מישט זיך צוזאַמען מיט דעם בלעקן פון בהמות, דו ביסט אַ פרייער מענטש, קיינער טרייבט דיך נישט צו דער אַרבעט. גרויס און ווייט איז דער סטעפּ און ער געהערט צו דיר. דו ביסט דער הערשער איבער אָט דער גרויסער מחנה קי. וויל איינס אַרויסשפּרינגען פון דער ריי, דערפילט עס באַלד דיין רעבענקע. צו דיר געהערט דער גרויסער הימל, און די גרויסע ערד, אויף וועלכער דו טרעטסט. אויב דיינע הויזן זענען אויסגעריבן און פון די אַל־פּאַרגאַטן שטעקן אַרויס די פינגער! — וועמען גייט עס אָן? ווער דאַרף דען בעסערס? ווער איז געווען צו אונדז גלייך, — ווען מיר פלעגן זיך אויס־זעצן ביינאַכט אַרום דעם פייער, אויף וועלכן עס האָט זיך געבראָטן די געשמאַקע אָסאַדע און די מאַטע איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. ווער מיר „רוסאָ"? אָדער „קריאָזשאָ"? אַלע זענען מיר געווען גלייך און אַלע זענען מיר געווען צופרידן! — איר הערט, ליפּסקער, — איך וואָלט, איך ווייס אַליין נישט וואָס אַוועקגעגעבן, ווען איך זאָל קענען נאָך מיטמאַכן אַזאַ לעבן. נאָר לאַנג האָט נישט געדויערט מיין גליקלעכע צייט, און שולדיק אין דעם איז יענע, אָט זי — ווייזט ער אָן אויף זיין ווייב מלכה — זי האָט מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ, חתונה האָבן האָט זיך מיר פאַרגלוסט און אָט, קוקט אָן מיינע גליקן!

— אַזוי, עס קומט אים נאָך אַרויס? — האָט זיך געפילט געטראָפן

זיין פלוניתטע! — זעט נאָר, צו וואָס פאַר אַ גליקן ער האָט מיך געבראַכט! איר זעט נישט דעם ראָשטאָק, וואָס איך האָב ביי אים?

— וויבער! — האָט משה בער אויף איר אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — קיין מאָל זענען זיי נישט צופרידן. איך זאָג אייך, אַז היינט איז שוין ביי אונדז גאָלד! איר ווייסט ווי ס'איז געווען, ווען מיר האָבן נאָך געוווינט צוזאַמען מיט די שוואָבן?

— מיט וועמען? — האָט ליפסקער נישט פאַרשטאַנען.

— מיט דייטשע יידן, אַזוי רופן מיר די קאָלאָניסטן פון דייטשלאַנד. אין אַ שיינעם טאָג ברענגט אונדז די איק"אַ אַ דייטשע פאַמיליע, זי זאָל ביי אונדז וווינען, ביז זייער שטוב וועט ווערן אויסגעענדיקט. טענה איך צו זיי — וווהין זאָל איך זיי נעמען? מיר האָבן אַליין נישט ווו צו וווינען — זאָגן זיי, אַז אַ האַלבן באַראַק מוזן מיר זיי אָפּגעבן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, די „שוואָבן" האָבן זיך צו אונדז אַריינגעצויגן און זענען געוואָרן די גאַנצע באַלעבאַטים און מיר האָבן זיי נאָך באַדאַרפט באַדינען. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איז דאָס געווען אַ פּאָרל! ער איז נאָך געווען אַ מענטש, נאָר זי, זי איז געווען אַ ריינע דויטשקע. דאָס האָב איך באַלד געזען. און ס'איז טאַקע אַזוי געווען. אַ פּאָר טעג שפּעטער הענגט זי אויף אַ צלם איבער איר בעט. פרעג איך זי, סטייטש! אַ צלם אין אַ יידישע שטוב? — זאָגט זי מיר, אַז אַזוי איז זי געוווינט, אויב נישט, קען זי נישט שלאָפן ביינאַכט. פרעגן מיר אים, ווי קומט דער צלם אַהער? זאָגט ער: „יאָ, איך בין איין יודע, אָבער מיינע פרוי איזט איינע קריסטין". איר הערט, ליפסקער? און זיי זענען ביי דער איק"אַ די קעסט-קינדער און מיר די הינט!

ליפסקער האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט די פאַרשידענע טענות צו דער איק"אַ. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען צוריקקומען פון שטעטל דעם שפּאַנישן לערער. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער קאָלאָניסטן-פאַמיליע און אַוועק צום הויף פון דעם שפּאַנישן לערער.

דער רעגן האָט זיך איינגעשטילט. אַ קאַלטע, פאַררויטלטע זון האָט זיך באַוויזן דורך די כמאַרעס. אַ פאַרנאַכטיק קאַלט ווינטל האָט געבלאָזן פון מעריב-זייט, אָנזאָגנדיק אַ לויטער וועטער אויף מאָרגן. די זון איז געוואָרן קלענער, זיך געגרייט צום פאַרגיין.

דער שפּאַנישער לערער האָט געהאַלטן אין אויסשפּאַנען דאָס פערד. ליפּסקער האָט באַמערקט, אַז שולקין קוקט אים עפּעס נישט גלייך אין די אויגן. ער האָט אַראָפּגענומען דעם זאָטל און דעם זאַק מיטן פּראָוויאַנט און דערביי האַלב געענטפערט אויף ליפּסקערס פראַגן. ליפּסקערן האָט עס געוווּנדערט, ווייל געווייַנלעך, ווען ער קומט אַהיים פונעם שטעטל, האָט ער שטענדיק נייעס צו דערציילן, דאָ אַ רכילותל וועגן אַדמיניסטראַטאָר, דאָ אַ קריגערײַ צווישן די קאָלאָניסטן און דעם קאָאָפּעראַטיוו, און הייַנט איז ער פאַרכמורעט און שווייַגט.

— איז וואָס זשע הערט זיך עפּעס נייעס אינעם שטעטל? — האָט ליפּסקער נאָך אַ מאָל געפּרוּווט פאַרציען אַ שמועס.

— גאָרנישט, ס'רעגנט. אַ קאָלאָניסט איז אַרײַן מיטן וואָגן ביז איבער די רעדער אין דער בלאָטע, האָבן מיר אייַנגעשפּאַנט וויפל ס'איז נאָר געווען פערד, ביז מיר האָבן אים אַרויסגעשלעפּט.

— הם, אַז ס'רעגנט, זעען זיי שוין ווי ס'איז ביטער, ביי די אַ וועגן. ווען יעדער קאָלאָניסט וואָלט פאַר דעם, אין די זוניקע טעג, אַרויפגעוואָרפן אַ פּאָר שטיינער אויפן וואָגן און זיי פאַרלייגט אין די גריבער, וואָלטן זיי דאָך דערנאָך נישט פאַרזונקען געוואָרן אין די בלאָטעס.

שולקין האָט לייַכט געפּעטשלט דעם פערד, אַ סימן, אַז ער איז שוין באַפרייט פון שלעפּן און ער קען שוין גיין.

— מישט אייך נישט, סעניאָר ליפּסקער, צווישן זיי, זאָלן זיי זיך טאָן, וואָס זיי ווילן!

— סעניאָר שולקין, איר פאַרבאָרגט עפּעס פאַר מיר. זאָגט מיר, איך בעט אייך, די קאָלאָניסטן האָבן שוין אפשר אויך עפּעס קעגן מיר?

— קומט אַוועק, מייַן פרוי דאַרף עס נישט הערן!

ליפּסקער איז אים אַ דערשטוינטער נאָכגעגאַנגען:

— איך ווייס באמת נישט...

— איר ווייסט נישט? אין רעגנדיקע טעג האָבן זיי נישט וואָס צו טאָן, קומען זיי זיך צוזאַמען אין שטעטל, מען שפּילט אין קאָרטן און מען פּליאָטקעוועט.

— נו, יאָ, אָבער וואָס האָבן זיי צו מיר?

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איר זאָלט אייך היטן, ווייל מען קוקט אייך נאָך, יעדער טריט אייערער און קער איז זיי באַקאַנט.

ליפּסקער האָט זיך צעלאַכט:

— אין די פּאָר וואָכן וואָס איך בין דאָ, געדענק איך נישט עפּעס אַזעלכעס, איך זאָל האָבן באַגאַנגען אַ פעלער, מיט וועלכן איך זאָל מיר דאַרפן אויסהיטן.

— מען זאָגט, אַז איר גייט צו מאַריאַנען דער דייטשקע.

ליפּסקער איז רויט געוואָרן:

— דאָס איז דאָך אַן אַבסורד! איך בין נאָך אַפילו ביי איר אין שטוב נישט געווען!

שולקין האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ליפּסקערס אַקסלען:

— פריינט ליפּסקער! איך וויל אייך נישט פאָרשן און פאַרהערן, צי איר זענט ביי איר יאָ געווען אין שטוב אָדער נישט. נאָר נעמט אָן אַן עצה פון אַ גוטן פריינט, וועלכער לעבט שוין דאָ פופצן יאָר: זייט פאָרזיכטיק און גיט נישט די קאָלאָניסטן קיין מאָטיוון אייך צו באַרעדן!

ליפּסקער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר שולקין האָט אים נישט געלאָזט, ער האָט געגעבן אַ זאָג — אַנטשולדיקט, מיין פרוי וואַרט אויף מיר, אויף ווידערזען, און אים געלאָזט שטיין און איז אַריין אין הויז.

*

נאָך די רעגנס איז ווייך געוואָרן די ערד און ליפּסקער האָט זיך פלייסיק גענומען דורכאַקערן דאָס שטיקל באָדן פאַר דער שטוב, ער האָט געוואָלט פאַרפלאַנצן אַ ביסל גרינוואַרג. זייענדיק אַזוי פאַרטאָן אין דער אַרבעט, האָט ער אַפילו נישט באַמערקט, ווי עס דערנענטערן זיך צו אים געסט. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אַ געלעכטער. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען שטיין פאַר זיך אַן עלעגאַנט געקליידעטן מאַן און דעם אַדמיניסטראַטאָר.

— אָ, האָט ער איבעררעאַשט אויסגערופן: — ווי אַזוי קומט איר אַהער? ער האָט געוואָלט אָננעמען דעם מאַנס אויסגעשטרעקטע האַנט, אָבער זי האָט זיך צוריקגעצויגן, ווייל זיינע הענט זענען געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע. דער פרעמדער האָט זיך הויך צעלאַכט:

— ביסט, ליפּסקער, אַריינגעפּאַלן אין אַ רעכטער בלאָטע, האַ?

ליפּסקער האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט זיך געפילט קרעמפּירט אין זיין אַלטן אויסגעשמירטן אַנצוג, מיט זיין נישט ראַזירט פּנים און פאַר־בלאָטיקטע הענט. ער האָט בייז אַ וואָרף געטאָן דעם רידל אויף דער ערד:

— אין אַ בלאָטע זיצט איר דאָרט אַלע!

ער האָט זיי שטיין געלאָזט און אַן אַ גוטן טאָג אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

— אַ טשודאַק אייער לערער? — האָט דער מאַן געזאָגט צום אַדמי־ניסטראַטאָר.

— איך קען אים נאָך נישט אַזוי גוט, אָבער זעט אויס, אַז איר קענט אים גוט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק צום וועג. ליפּסקער האָט זיי געזען דורכן פענצטער איינשטייגן אין אויטאָ און ער האָט געטראַכט, אַז דער פרעמדער וועט דעם אַדמיניסטראַטאָר מער וויניקער אַזוי דערציילן: — ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אונדז אין דער צייטונג. ער וואָלט געוועז זיך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט, ווען ער וואָלט נישט געהאַט מיט אַלעמען איינ־געריסן. ער האָט נישט געוואָלט שרייבן דאָס, וואָס מען הייסט אים, וואָס מען דאַרף, נאָר דאָס, וואָס ער קלערט, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט פאַרלוירן די שטעלע... דערנאָך האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז יידישע קינדער זאָל מען לערנען לייענען יידיש. „אויב מיר פאַרלירן דעם יידישן לייענער, איז עס אונדזער שולד, ווייל מיר זאָרגן נישט פאַרן קינד. עס איז נישט גענוג עס צו פאַרזאָרגן מיט יידישע שולן, מען דאַרף עס אויך פאַרזאָרגן מיט זשורנאַלן, מיט קינדער־ליטעראַטור. די קינדער־שרייבער שרייבן נאָר פאַר ביבליאָטעקן, פאַר אַלטע לייט, פאַר דעם וואָס עס איז באַשטימט דאָס בוך, צום קינד, קומט עס נישט אָן. לכל הפחות, זאָל דאָס קינד, וויניקסטנס, איין מאָל אין דער וואָך באַקומען אַ זשורנאַל, מען דאַרף עס פאַראינטערעסירן, וועט עס דערנאָך שוין אַליין פאַרלאַנגען". ער האָט זיך מיט זיין פּלאַן געמאָלדן צו פאַרשידענע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן, נאָר באַקומען אומעטום אַן אָפּזאָג. ליפּסקער אָבער איז אַן איינגעשפּאַרטער, ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ די וויכטיקייט פון

אַזאַ אַרבעט און ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ שריפט אויף אייגענע הוצאות. ער האָט דעם קינדער־זשורנאַל אַזוי לאַנג אַרויסגעגעבן, ביז ער האָט געפּטרט זיין פאַרהאָרעוועט אָפּגעשפּאָרט ביסל געלט. דערנאָך איז ער אַוועק אין קאָלאָניע, געוואָרן אַ לערער...

פאַרנאַכט איז דער בוענאָס איירעסער שרייבער צוריקגעקומען. נישט געקוקט אויף ליפּסקערס פאַרכמורעט פּנים האָט ער זיך באַקוועם אויסגעצויגן אויפן בעטל און אָנגעשפּאַרט די פיס אינעם טיש. ליפּסקער איז געווען פאַרנומען מיטן אָנצינדן דעם פּרימוס און אויפקאָכן פאַרן גאַסט אַ גלעזל טיי.

— דו פרעגסט מיך גאָרנישט, וואָס עס טוען דיינע באַקאַנטע אין בוענאָס־איירעס ?

— ס׳אינטערעסירט מיך נישט צו וויסן.

— זעסטו, מיך אינטערעסירט יאָ צו וויסן, ווי אַזוי דו לעבסט דאָ.

— דאַרפסט עס נייטיק האָבן ? איך וועל ווערן אַ טעמע פאַר אַ רעפּאָרטאַזש ?

— פאַרוואָס ביסטו ברוגז ? נישט איך און נישט אַנדערע זענען שולדיק אין דיין דורכפאַל.

— דאָס ביסטו, הייסט עס, געקומען מיר זאָגן, אַז איך בין דורכגעפאַלן ?

— ליפּסקער, איך בעט דיך, רעד נישט צו מיר אין אַזאַ טאָן, זיכער האָסטו געלייענט אין דער צייטונג, אַז איך מאַך אַ טור איבער ענטרע־ריאָס, כדי צו שרייבן וועגן לעבן פון די קאָלאָניעס.

— האָסט געביטן דיינע טעמעס ? לויפסט שוין מער נישט אַרום איבער די באַנקעטן און אָוונטן ?

— איך זע, אַז דו ביסט היינט אין אַ שלעכטער שטימונג. גיב מיר בעסער אינפאָרמאַציע פון היגן קאָלאָניסטישן לעבן.

— דו ווילסט עס מאַכן אויף איין פוס ? צו באַשרייבן דאָס קאָלאָניסטישע לעבן, דאַרף מען מיט זיי לעבן, איינזאַפּן אין זיך זייערע פריידן און ליידן. ניין, איך קען דיר נישט העלפן מיט קיין אינפאָרמאַציעס.

דער שרייבער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען זיין הוט אין דער האַנט :

— ס׳איז היינט מיט דיר נישט צו רעדן. ווען דו וועסט קומען קיין

בוענאָס־איירעס, וועל איך דיך בעסער אויפנעמען. נו, פאַרבלייב מיר געזונט, — האָט ער אים געגעבן די האַנט — און דעם מאַטעריאַל וועל איך שוין ביי אַנדערע באַקומען.

ליפסקער האָט אים נישט צוריקגעהאַלטן, אַפילו נישט פאַרבעטן, אויסצוטרינקען אויף דער אויפגעקאָכטער טיי.

*

שבת האָט דער יידישער לערער פונעם שטעטעלע אַלקאַראַז, סטופּניצקי, געגעבן אַ פאָרשטעלונג אין דעם צענטער פון די קאָלאָניעס, דאָס הייסט, אין דעם זאַל נעבן ליפסקערס שול. פאַרנאַכט צו, נאָך איידער די קינדער און זייערע עלטערן זענען אָנגעקומען איז סטופּניצקי אַריין צו ליפסקערן.

— ליפסקער! — האָט ער אים אַרומגענומען — סטייטש, אַ קאָלעגע, אַ לערער, און העלפט מיר גאָרנישט, לייגט נישט צו אַ האַנט צו מיין פאָרשטעלונג!

— אדרבא! איך בין אייך גרייט צו העלפן, זאָגט וואָס זאָל איך טאָן?

— צו ערשט מאַכט מיר אַ שטאַרקע קאַווע.

— אפשר וועט איר עפּעס עסן?

— חלילה! פאַרן זינגען עס איך קיין מאָל נישט.

— וואָס הייסט, איר וועט זינגען, און נישט די קינדער?

— גייט אייך פאַרלאָזן אויף קינדער! וואָס איך וועל אַליין נישט אויסאַרבעטן, דאָס וועט נישט טויגן!

— עסט אָבער עפּעס, די פאָרשטעלונג וועט זיך ענדיקן ערשט נאָך האַלבער נאַכט!

— ניין, — מאַכט ער טעאַטראַליש מיט דער האַנט — איך עס נישט פאַר אַ פאָרשטעלונג, פונקט ווי איך עס אויך נישט פאַרן צוגיין דאַווענען פאַרן עמוד.

— אַזוי? איר זענט אַ חזן אויך?

— הם, צי איך בין אַ חזן? איר מעגט מיך הערן אין שבתדיקן אָדער יום־טובדיקן דאַווענען! אַז איך גיי צו ראָש השנה צום עמוד, צענעם איך דעם עולם, ביז געוויין. און איר זענט נישט קיין חזן?

— נייַן, איך בין נישט קיין חזן און דעם עולם צענעמען קען איך אויך נישט.

ער האָט געהאַלטן דעם זודיקן טשייניק מיט דער קאַווע אין די הענט גרייט אָנצוגיסן.

— מאַכט זי נאָר שטאַרק, גאָר שטאַרק!

ליפּסקער האָט אַרייַנגעשאָטן די גאַנצע קאַווע אין טעפּל און דערויף געגאָסן דאָס וואַסער.

— שטאַרקער קען זי שוין נישט זיין! — האָט ער געזאָגט און אַוועק־געשטעלט דאָס טעפּל מיט דער געדיכטער פליסיקייט פאַרן לערער־אַקטיאָר־חזן.

— היי, ליפּסקער, ליפּסקער, איר טויגט זיך טאַקע צו גאָרנישט אויס! אַפילו אַ טעפּל קאַווע קענט איר נישט צוגרייטן — האָט סטופּניצקי, דער גאַסט, אויסגערופן נאָכן פאַרזוכן פונעם טעפּל.

— טאַקע אַזוי, ער איז גערעכט, איך טויג זיך צו גאָרנישט אויס אין לעבן — האָט ליפּסקער אַ טראַכט געטאָן.

אָפּגעטרונקען די קאַווע זענען זיי געגאַנגען אין סאַלאָן זען ווי מען גרייט צו די בינע. עטלעכע קאָלאָניסטן האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אויפ־שטעלן די בינע.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצופאָרן די קאָלאָניסטן. דער לערער סטופּניצקי איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרשוויצטער, דאָ איז ער אַרונטער הינטער דער בינע צו גרימירן די קינדער, דאָ האָט ער באַגריסט געסט אָדער באַ־דאַנקט די ווייבער, וועלכע האָבן געבראַכט געבעקס צום בופעט.

יאַנקל, ליפּסקערס קאָמיסיע־מיטגליד, אָן וועמענס הילף מען קען זיך קיין מאָל נישט באַגיין, האָט אויך איצט געהאַט אַ וויכטיקע פונקציע; ער האָט געהאַלטן די שטריקלעך פונעם פאָרהאַנג.

— געדענק זשע — האָט אין אים אַרייַנגעטייטשט סטופּניצקי — גיסטו דאָס שטריקעלע אַ צי, פאַרציט זיך דער פאָרהאַנג, און גיסטו אַ צי דאָס אַנדערע שטריקל, מאַכט זיך אויף דער פאָרהאַנג.

— גוט, גוט, איך געדענק. אין דער רעכטער האַנט וועל איך האַלטן דאָס שטריקעלע צום אויפמאַכן און אין דער לינקער צום פאַרציען.

— יאָ, ביים דריטן קלונג וועסטו געבן אַ פּאַרצי דעם פּאָרהאַנג און למן השם! האָסט דאָך אַ פּאָר שטאַרקע ידים! געדענק זשע, צי ניִשט צו שטאַרק, ווייל וועסט מיטשלעפּן די בינע!

— האָב נישט קיין מורא.

די שטימונג איז געוואָרן געשפּאַנט, מען האָט זיך אָנגעהויבן איילן. אין זאַל איז דאָס פּובליקום געוואָרן אומגעדולדיק, די יוגנט האָט געוואָלט וואָס גיכער אָפּפּטרן די פאָרשטעלונג. זיי האָבן געדאַרפט דעם זאַל פאַר זייער פאַרוויילונג. סטופּניצקי איז געווען נערוועז, ער האָט אַלעמען אַראָפּגעטריבן פון דער בינע. עס האָט זיך דערהערט דער דריטער קלונג...

אויף דער בינע זענען געזעסן די קינדער אַרום אַ טיש. ס'איז אַריינ־געקומען אליהו הנביא — אַ מיידעלע, אין אַ לאַנגן ווייסן כאַלאַט און אַ צוגעטשעפּעטע ציגן־בערדל, מיט אַ שטעקן און אַ טאָרבע. פאַר וואָס ער האָט פונקט זי אויסגעקליבן פאַר אליהו הנביא און די גרעסערע יינגלעך אויסגעזעצט אַרום טיש אַלס קינדער, איז סטופּניצקיס קינסטלערישער סוד. דערווייל שטייט ער אין דער זייט מיט אַ העפט אין דער האַנט און קאָמאַנדעוועט:

— נו, הייב דיך אויף אַרנאָלדאַ!

אַרנאָלדאַ איז ווי צוגעקלעפּט צום בענקל, קוים וואָס ער רייסט זיך אָפּ, ער הייבט זיך לאַנגזאַם אויף. אַרנאָלדאַ איז אַ הויכער יונגאַטש, מיט אַ קאָפּ העכער פון סטופּניצקין.

— נו, גיי אַרנאָלדאַ, גיב די האַנט מירעלען, דאָס הייסט אליהו הנביאן. אַרנאָלדאַ פאָלגט.

— זאָג, — וואָס האָסטו אונדז געבראַכט, אליהו הנביא? — זאָגט פאַר סטופּניצקי.

—וואָאָס האָאָסטו אור־נו געגעבראַכט אלוקי הנביא? — שטאַמלט אַר־נאָלדאַ אַ טויט־בלאַסער.

— נו, ענטפער, מירעלע: „מאַנדעלעך מיט ניסעלעך, פאַר אַלע פולע שיסעלעך!"

— ס'איז מיין אייגענע פאַרפאַסונג! — שטעלט ער זיך פאַר מיט אַ

פאַרנויג פאַרן עולם. נאָר עולם לאַכט. אַנשטאָט צו אַפּלאָדירן, לאַכן זיי! וואָס פאַרשטייען קאָלאָניסטן אין קונסט!

מירעלע זאָגט נאָך אויף איר קוויטשעדיק קולכל:

— מאַנדעלעך מיט ניסעלעך, פאַר אַלע פולע שיסעלעך! — זי וויל שוין אַרויסנעמען פון דער טאָרבע די זאַכן און טיילן, נאָר סטופּניצקי לאָזט נישט:

— נאָך נישט מירעלע, דער טאַטע דאַרף אַריינקומען!

און ס׳קומט אַריין דער טאַטע, אַ קליין יינגעלע אין לאַנגע הויזן אין וועלכע ער פּלאָנטערט זיך.

— אַנו, קינדערלעך, שטעלט אייך אַלע אויף און זינגט „אליהו הנביא״.

ער אַליין זינגט הויך און די קינדער קומען קוים נאָך, דערוויל מאַכט ער מיט דער האַנט צו מירעלען, זי זאָל פאַרשווינדן, מיינט יאַנקל אַז ס׳איז אַ צייכן פאַר אים, און ער פאַרציט דעם פאָרהאַנג. שרייט סטופּניצקי צו אים: „נאָך נישט, נאָך נישט״. ציט ער צוריק. און דער עולם לאַכט. סטופּניצקי ווערט אויפגערעגט. ער הערט אויף צו זינגען מיט די קינדער און שרייט צום „טאַטן״ — נעם צו די טאָרבע פון מירעלען! דאָס יינגעלע, וואָס האַלט אונטער מיט די הענט די לאַנגע הויזן, פאַרגעסט זיך, ער כאַפּט די טאָרבע און עס פאַלן אים אַראָפּ די הויזן.

די מענטשן האָבן שטאַרק געלאַכט. די קינדער זענען געוואָרן צע־טומלט. סטופּניצקי ווינקט צו יאַנקלען, ער זאָל פאַרציען דעם פאָרהאַנג, אָבער ער זעט עס נישט, ער קוקט אויך אויף דעם יינגעלע מיט די אַראָפּ־געלאָזענע הויזן און כאָכאָטשעט. סטופּניצקי וויל לינדערן די אומאַנגענעמ־לעכקייט, ער שטעלט זיך פאַרן עולם און רופט אויס:

— נו, גענוג מיט די קינדער. איצט וועל איך אייך זינגען אַ שיין לי־דעלע!

ער פאַרנעמט זיך שוין צו זינגען, אָבער דאָ גיט אַ שפּרונג אַרויף אויף דער בינע דער טאַטע פון דעם יינגעלע דעם „טאַטן״ און שרייט, מאַכנדיק מיט די פויסטן צו סטופּניצקין.

— חוזק וועט איר מאַכן פון מיין קינד? — און ער כאַפּט אים אָן ביים האַלדז. דער עולם האָט נישט געוווּסט, צי דאָס ווערט געשפּילט, צי

ס׳איז אויף אַן אמת, יעדנפֿאַלס, איז זיי דער ספּעקטאַקל שטאַרק געפֿעלן און זיי האָבן אַפּלאָדירט.

יאַנקל האָט דערזען אַז עס איז נישט אויף קיין קאַטאָוועס, מען גיט פּעטש, האָט ער שנעל אָנגעהויבן צו ציען די שטריקלעך, ער האָט אָבער פֿאַרפּלאָנטערט די שטריקלעך און עס איז נישט געגאַנגען, האָט ער געגעבן אַ שטאַרקן שלעפּ און ס׳איז געשען דאָס, וואָס ליפּסקער האָט פּאַרויס־געזען נאָך פֿאַרן שפּילן. די ווענטלעך זענען געפֿאַלן אויפֿן פּובליקום און די בינע האָט זיך איינגעבראָכן.

צום גליק האָט עס קיינעם נישט געשאַדט, מען האָט צוריק איינגעשטעלט אָרדענונג. אָבער מיט דער פֿאָרשטעלונג האָט מען פֿאַרענדיקט. מען האָט צעשטעלט די בענקלעך ביי די ווענט, דער אָרקעסטער, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון דייטשע קאָלאָניסטן, האָט אָנגעהויבן צו שפּילן, און פּאָרלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו שאַרן אין טאַקט איבערן זאַל. אַנדערע האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישלעך, געטרונקען און צוגעביסן. סטופּ־ניצקי איז געווען דער העלד פֿונעם אָוונט. מען האָט אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע און געלויבט פֿאַר זיין גלענצנדיק דורגעפֿירטן ספּעקטאַקל. אַז איינער האָט פֿאַרלוירן די הויזן, און די בינע איז איינגעפֿאַלן, דאָס זענען טעכנישע קלייניקייטן אין וועלכע ער איז נישט שולדיק.

— אָ, ליפּסקער! — האָט בעטי אויסגערופֿן — קוים אייך אָפּגעזוכט! — זי האָט חבריש אַריינגעשטעקט איר האַנט אין זיין אָרעם — איך האָב אייך אַרומגעזוכט אַ גאַנצן אָוונט!

— איך בין געווען הינטער דער בינע.

די מוזיק האָט אָנגעהויבן צו שפּילן.

— איר טאַנצט נישט?

— ב־ניין... אַנטשולדיקט. איך בין זייער אַ שלעכטער טענצער. צו וואָס אייך צעשטערן אַ טאַנץ?

אַ יונגער בחור איז צוגעקומען און אים געבעטן, צי ער דערלויבט אים צו טאַנצן מיט זיין באַגלייטערן.

—אָ, מיט פֿאַרגעניגן — האָט ליפּסקער אים אָפּגעטראָטן זיין באַגליי־טערין.

דער אַדמיניסטראַטאָר האָט אים צוגערופן, אָנגעוויזן אויף אַ ליידיקן שטול לעבן זיך. ליפּסקערן האָט נישט געפּאַסט אָפּצוזאָגן, איז ער צוגעגאַנגען, כאָטש ער איז נישט געווען צופרידן פון דער געזעלשאַפט. דער אַדמיניסטראַטאָר איז געזעסן אין קרייז פון זיינע לייט, די קאָמיסיע־מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו. זיי האָבן געקוקט מיט שפּאָטישע בליקן אויף די קאָלאָניסטן און געלאַכט פון דעם ספּעקטאַקל.

סטופּניצקי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ חתן צווישן די געסט, ס׳איז געווען זיין יום־טוב. יעדער האָט אים גראַטולירט צו דעם גרויסאַרטיקן דערפאָלג. ער איז צוגעקומען צו דעם אַדמיניסטראַטאָרס טיש, אויך דאָ האָט מען אים באַגריסט.

— איך האָב נאָך אין מיין לעבן אַזוי פיל נישט געלאַכט — האָט געזאָגט דער אַדמיניסטראַטאָר.

— מע, ס׳איז גאָרנישט נאָך, — האָט געענטפערט באַשיידן סטופּניצקי

— מען האָט דען מיך געלאָזט אויסשפּילן? איך האָב געהאַט צוגעגרייט אַ פּרעכטיקן פּראָגראַם!

— ס׳איז געווען גענוג, גענוג, סטופּניצקי!..

ליפּסקער האָט זיך פּלוצעם באַגעגנט מיט אַ פּאָר טונקעלע אויגן, אויגן, וועלכע גיבן אים נישט קיין רו שוין אַ לענגערע צייט. זי איז געשטאַנען איינע אַליין אין דער זייט און אָפּגעמאָסטן מיט שטאָלצע בליקן דעם פון איר וויכנדיקן עולם. באַגעגענענדיק זיך מיט זיינע בליקן — האָט זי שנעל און ברוגז אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט ענטפערנדיק אויף זיין באַגריסונג. זי האָט אויסגעזען וווּנדערלעך שיין. דער שוואַרצער קאָסטיום האָט נאָך בולטער געמאַכט איר שלאַנקייט און גראַציעזקייט. זי איז געקומען שפּעט און אַריין זייטיק, ווי נאָר אַריין אויף אַ וויַל.

יעדער האָט זי אויסגעמיטן, און האָט זי עמעצן באַגריסט, האָט יענער איר קוים געענטפערט און זיך פון איר אַוועקגעדרייט. זי איז צוגעגאַנגען צו איר שכנס טאָכטער, בעטי, וועלכע האָט זיך נאָר וואָס אַוועקגעזעצט נאָכן טאַנצן. בעטי האָט זי אָנגעקוקט בייז. די מוזיק האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ טאַנגאָ. ליפּסקער האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרקנעפּלט דאָס רעקל און צוגעגאַנגען צו דיביידע פרויען. בעטי איז אַ דערפרייטע אויפגע־

שפרונגען. ער האָט אָבער געגעבן אַ מאַך מיטן קאָפּ אויף ניין און זיך פאַרנייגט פאַר מאַריאַנען.

מאַריאַנע האָט אים איבערראַשט אָנגעקוקט. אַ רגע איבערלייגט, אָבער ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט זיינע בעטנדיקע בליקן, האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן און אָנגענומען זיין איינלאַדונג. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעפירט צו די טאַנצנדיקע.

זייערע טריט האָבן זיך ווונדערבאַר צונויפגעפּאַסט. יעדער בויג, יעדער ריר זיינער האָט האַרמאָניזירט מיט אירן. ער האָט פעסטער איר אַרומגענומען און זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געהאַט דעם אים אַזוי גוט באַקאַנטן, פאַרפירערישן, פאַרשלייערטן גלאַנץ. ווי לאַנג האָבן זיי זיך אָנגעקוקט? אַ רגע, אָבער אָט די רגע האָט זיי ביידן באַווירקט. זי האָט אַ טרויעריקן שמייכל געטאָן און אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ. ער האָט איר שטיל געשעפּטשעט אין אויער:

— מאַריאַנע, איך האָב דיך ליב!

— די ווערטער ווערן צו פיל גענוצט און האָבן פאַרלוירן זייער ווירקונג.

— מיט דעם קלאַנג פון דער מטבע דערקענט מען, צי זי איז עכט, און אַזוי איז אויך מיט דעם קלאַנג פון ווערטער.

זי האָט געשוויגן.

— מאַריאַנע, ביסט נאָך אויף מיר ברוגז?

זי האָט שטאָלץ פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין דער הויך:

— אויב מיטן טאַנץ מיינט איר מיך איבערצובעטן, איז געווען אומזיסט אייער טרחה.

ער האָט נישט געוואָלט פאַרשטערן די ליכטיקע מינוטן און וויי־טער שוין געשוויגן. אין איר נאָכגיביקן קערפּער, אין איר פאַרחלומטן שמייכל, האָט ער געפילט אַ נאָענטקייט. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און זיי האָבן געשוועבט אין טאַנץ.

נאָכן טאַנצן האָט זי זיך אויסגעמישט מיטן עולם און ער איז צוריק־געגאַנגען צו זיין פריערדיקן פּלאַץ. מען האָט אים אויפגענומען מיט קאַלט־קייט. זיין שכן, דער שפּאַנישער לערער, האָט זיך געצופּט די וואָנסעס, אַ סימן, אַז ער איז אומצופרידן. נאָר סטופּניצקי איז געווען דער זעלבער.

ער האָט אין זיך געגאָסן איין כוסה נאָך דער אַנדערער, סיי ווי האָט ער דערפאַר נישט באַצאָלט. ווען ליפּסקער איז צוגעקומען, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זיך דערשוויצט ביים טאַנצן? האַ, ווי אַזוי האָט געזאָגט די קאָלאָ־ניסטקע מלכּה אויף איר ראַסיטאַן, — ס׳אַרט איר נישט אַזוי דער שוויצן ביים טאַנצן, ווי דערנאָך דאָס גיין אין דרויסן זיך אָפּקילן. אָט פאַר דעם שרעק איך זיך...

ליפּסקער האָט אַ לאַך געטאָן, זיך אַוועקגעזעצט און באַטראַכט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. אָט טאַנצט אַ יונגער בחור אין אַ שמאָלן, פאַרקירצטן אַנצוג, פון וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן, אויף די פּיס אַלפּאַרגאַטן. ער מאַכט זיך אָבער גאָרנישט דערפון, ער האָפּקעט פריילעך מיט די פיס און שאָקלט צו מיט די עלנבויגנס. דער פּאָסט־באַאַמטער, אַ שיינער הויכער שגץ, טאַנצט מיט אַ יידיש מיידל, ער האַלט זי צוגעדריקט צו זיך, רעדט אין איר אויער אַריין, און זי מאַכט מיטן קאָפּ אויף ניין, אָבער מען זעט, אַז עס געפעלן איר זיינע רייד. זיי טאַנצן פּאַוואָליע, פאַרחלומט.

— זיי זענען אויף דער לבנה, — ווייזט אָן סטופּניצקי מיטן גראָבן פינגער צו זיי.

אַן אַנדער פּאָרל איז נישט צופרידן מיט דער מוזיק. זיי רעדן צום אָרקעסטער, אַז זיי זאָלן שפּילן לאַנגזאַמער. די מוזיקאַנטן פאַרשטייען אָבער נישט קיין שפּאַניש, זיי מיינען גאָר, אַז מען וויל זיי זאָלן זינגען. גייט איינער אַרויס, דיריגירט מיטן סמיטשיק און זינגט:

„ראָזאַלינדע, טאַנץ געשווינדע,
מאָרגען זאָל די האָכצייט זיין"

אָבער דאָס פּאָרל דרייט נאָך אַלץ מיטן קאָפּ, — זינגען זיי עפּעס אַנדערש:

„אַך, דו ליבער אויגוסטין, אויגוסטין,
אַלעס איזט הין. אַך דו ליבער"...

ווערט דאָס פּאָרל בייז, עס געפעלט זיי נישט דאָס ליד, זיי גיבן צו פאַרשטיין מיט די הענט, אַז מען זאָל נישט זינגען נאָר לאַנגזאַמער, לאַנג־זאַמער שפּילן!

ליפסקער האָט געזוכט מאַריאַנען מיט די אויגן און זי נישט געפונען, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. ס'איז געווען שטאָק־פינצטער. מען האָט געקאָנט אָנטאַפּן די פינצטערניש. נעבן אים, אויף דער שוועל, איז געשטאַנען אַ פרוי און גערופן:

— אָלגאַ, אָלגאַ, גאַלדענע, ווו ביסטו?

פון דער וואַנט האָבן זיך אָפּגעטיילט דער פּאָסט־מייסטער און דאָס מיידל:

— וואָס שרייסטו וואָס, מאַמע, אָט־אָ דאָ בין איך!

— זע נאָר! געשטאַנען נעבן מיר און איך האָב דיך נישט געזען!

מאַריאַנע איז אין דרויסן אויך נישט געווען. ליפסקער האָט זיך אומגעקערט אין סאַלאָן. בעטי איז פאַרבייגעגאַנגען און זיך אָפּגערופן מיט פאָרוואורף:

— אַבי איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר קענט נישט טאַנצן! — און זיך אַוועקגעדרייט.

— ליפסקער, ליפסקער! קומט נאָר אַהער, וועלן מיר אויסטרינקען לחיים! — האָט אים גערופן סטופּניצקי, אַליין שוין שטאַרק אונטערן גלעזל.

ליפסקער איז געווען אומרויק. ער האָט גענישטערט מיט די אויגן איבערן זאַל. זאָל זיין, אַז זי איז שוין טאַקע אַהיימגעפאָרן? ער האָט זיך שטיל אַרויסגעשלייכט.

אין זיין אומצופרידנקייט האָט אָבער אויך געהויערט אַ וואַרעם געפיל: אפשר איז זי אויך נאָר געקומען זיך זען מיט אים און נאָכן טאַנץ, אַ צופרידענע, איז זי אַהיימגעפאָרן מיט אָט דעם גוטן געפיל?..

שוין ליגנדיק אין בעט און צוהערנדיק זיך צו דער מוזיק אין סאַלאָן, האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט דעם טאַנץ מיט איר. זיינע ליפּן האָבן געקושט אירע כוואַליקע האָר, אירע פרישע באַקן, פאַרמאַכט מיט זיינע קושן אירע אויגן... מאַריאַנע... האָט ער פאַרבענקט געשעפּטשעט.

דעם אַנדערן טאָג, פאַרנאַכט, איז ער געגאַנגען שפּאַצירן איבער זיין פעלד. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו מאַריאַנעס שטיק באָדן, איז עס שוין געווען כמעט אין גאַנצן צעאַקערט. פאַנטשאָ האָט געהאַלטן אין פאַר־

ענדיקן אַ שמאָלן פּאַס ערד. ווען ער איז צוגעקומען מיט די פערד נאָענט צו ליפּסקערן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מע וואָ פּערדאָנאַר (איר וועט מיר אַנטשולדיקן), סעניאָר, די סעניאָראַ האָט געהייסן אויסאַקערן דאָס שטיקל פעלד, אַזוי אַרום, אַז איר וועט דאָ מער נישט קענען דורכגיין!

— אָ, אָ, — האָט אויסגערופן איבערראַשט ליפּסקער — איך האָב אפילו נישט געקלערט דאָ אַדורכצוגיין. איך האָב נאָר געוואָלט טאַקע מיט אייך אַליין רעדן, צי ווייסט איר נישט פון אַ גוט פערד צו קויפן?

— די סעניאָראַ האָט מיר שוין אויך געזאָגט. איך זוך פאַר אייערט וועגן. איר פאַרשטייט, איר דאַרפט האָבן אַ שטיל פערד, ס׳זאָל האָבן אַ לאַנגן טראָט, נישט ווערן מיד אין וועג. אַזוי אַ טשיטשעלע, אַ רייטפערדל און אויך טויגן אין סולקע. איך האָב שוין אין אויסזיכט אַזאַ פערד, צוזאַמען מיט אַ סולקע.

ליפּסקער האָט אים באַדאַנקט און זיך אומגעקערט אַהיים.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז פאַנטשאָ טאַקע געקומען צו אים אין איינעם מיט אַ קאָלאָניסט. דער קאָלאָניסט האָט געהאַט צו פאַרקויפן אַ פערד מיט אַ סולקע.

ליפּסקער האָט באַטראַכט דאָס פערדל, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער אונטערשטער ליפּ, און האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, די נאָז־פליגלען האָבן אים נערוועז געציטערט, דערפילנדיק די פרעמדע סביבה. ליפּסקער האָט באַטראַכט דאָס פערד און אַרויסגעזאָגט זיין מבינות, אַז דאָס פערד האָט צו קורצע פיס און דער בויך ביי אים איז נאָכגעלאָזט.

— איך וויל אַ שיין, ראַסאָווע פערד, ווי דער אַדמיניסטראַטאָר האָט!

— יאָ, אָבער צי וועט איר קענען אַזאַ פערד איינהאַלטן? — האָט געענטפערט דער קאָלאָניסט. — דאָס פערדל איז פונקט פאַר אייך, אַ שטילס. ביי מיר האָט עס געפירט די קינדער אין שול אַריין און עס טויג אויך אין דער סולקע.

ליפּסקער האָט צוגערופן זיין פריינט, דעם שפּאַנישן לערער.

ער האָט באַטראַכט דאָס פערד, געקוקט אים אין די ציין און געזאָגט:

— ער איז נישט שלעכט, מיינס איז אַפילו שענער און גרעסער, אָבער...

— אָבער פאַר אַ יידישן לערער איז עס גאַנץ גוט. — האָט ליפּסקער געשמייכלט.

— הע, דער פריערדיקער לערער האָט געוואָלט דווקא האָבן דאָס בעסטע פערד. ער פלעגט נעמען אַ מעטער־מאָס און אויסמעסטן גענוי די גרויס פונעם פערד און אויב דאָס פערד איז געווען קלענער פון מיינעם, האָט ער עס נישט געקויפט.

ליפּסקערן האָט אָנגעהויבן צו געפעלן דאָס פערד. גראָד זיין „אונטער־טעניק" האַלטן זיך, איז אים געפעלן:

— נו, טאָ ווי הייסט דאָס פערד?

— פאַרדאָ!

מען איז גיך דורכגעקומען מיטן פרייז און ליפּסקער האָט געקויפט דאָס פערד פאַר דריי הונדערט פּעזעס צוזאַמען מיט דער סולקע און זאַטל.

שולקין, דער שפּאַנישער לערער, האָט געלערנט ליפּסקערן ווי אַזוי מען שפּאַנט איין אַ פערד. צו ערשט לייגט מען אַרויף דעם כאָמעט אויפן האַלדז און מען באַפעסטיקט דעם פּאַס אונטערן בויך. דערנאָך פאַרלייגט מען אויפן קאָפּ דעם ציימל און מען ציט אַריין די דישלעס אין די לעדערנע פּאַסן און מען טשעפּעט צו די האַקנס צו די וואַרעס פון דער סולקע. ליפּסקער האָט אַזוי געטאָן. אָבער דערווייל איז זיך דאָס פערד אַרויסגע־גאַנגען פון צווישן די דישלעס.

— ס'טויג נישט — האָט ער געזאָגט צו שולקינען — דאָס פערד וועט גיין פאָרויס און איך וועל אים נאָכשלעפּן די סולקע?

— אַוודאי טויג נישט. צו ערשט מוזט איר פאַרלייגן דאָס ציימל און אים אַריינלייגן דאָס אייזן אין מויל, דערנאָך וועט איר צוטשעפּן די וואַרעס!

— אַהאַ! — האָט ליפּסקער זיך געכאַפּט, און ס'איז אים טאַקע געלונגען איינצושפּאַנען פאַרדאָן.

זונטיק פאַר מיטאָג האָט ליפּסקער זיך געגרייט אַרויסצופאָרן. ער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שויבן פון זיין טיר און פעסטגעשטעלט, אַז עס פּאַסן אים גאַנץ גוט די ברייטע באָמבאַטשן מיט די שטיוול און לעדערנע באַטלטרעס. ער האָט געגעבן אַ וואָרף דעם קאָפּ צו זיין אָפּבילד אין דער

שויב און געזאָגט צו זיך: — נו, וועלן מיר זען, צי ליפּסקער קען זיך פאַרגלייכן מיטן אַדמיניסטראַטאָר אָדער אַנדערע יונגע־לייט?

ער איז אַרויסגעריטן.

דער זוניקער האַרבסט־טאָג, דאָס צוויטשערן פון די פייגל, די אויס־געשפּרייטע פעלדער, האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט לאַנגזאַם געריטן און זיך צוגעפּייפט אַ לידל.

האַרבסט־טעג האָבן אין זיך אַ באַזונדערע שיינקייט. עס שפּרייט פאַר־בענקטן אומעט. דאָס זענען די לעצטע אַקאָרדן פון אָפּגייענדיקן זומער. לאַנגזאַם פאַלן די פאַרגאָלדעטע בלעטער פון דיביימער און ליגן זיך ווי אַ ווייכער טעפּעך אונטער די פיס.

נישט געוווינט צו רייטן, האָבן אים באַלד אָנגעהויבן צו ברעכן די פיס. פּלוצעם האָט ער דערזען, אַז ער געפינט זיך לעבן מאַריאַנעס הויז. פאַר איר הויף האָט ער געטראָפן אָנגעבונדן די פערד פונעם אַדמיניסטראַטאָר און פונעם סעקרעטאַר פון קאָאָפּעראַטיוו. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד און עס צוגעבונדן לעבן יענע פערד. זיך ענערגיש אַ צי געגעבן די שפּיצן פון באַטלטרעס און געפּאַטשט אין די הענט.

אויף זיין פּאַטשן איז אַרויסגעקומען פּאַנטשאָ פון זיין קעמערל.

— פּאַסע סעניאָר!

ליפּסקער איז אַריינגעגאַנגען אין הויף. פּאַנטשאָ האָט פאַר אים אויפגע־מאַכט די טיר פונעם הויז.

דער אַדמיניסטראַטאָר און יוסטמאַן זענען געזעסן ביים טיש און גע־טרונקען. אין דער זייט איז געזעסן מאַריאַנע און אויסגענייט אַ טישטעך. זיין בליק איז געבליבן הענגען אויף איר: אירע שוואַרצע האָר זענען געווען אַרומגעבונדן מיט אַ רויטער באַנד. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט קליידל מיט אַ טיפן אויסשניט. מאַריאַנע האָט ביי זיין אַריינקומען, אַן איבערראַשטע, אויפגעהויבן אויף אים די אויגן. זעענדיק ווי דורכדרינגלעך ער קוקט אויף איר, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איך בין דאָ פאַרבייגעריטן, איז מיר איינגעפאַלן, אַריינצוגיין צו

באַדאַנקען אײַך, סעניאָראַ, פֿאַר דעם, וואָס איר האָט געשיקט פֿאַנטשאָן מיר אויסצוזוכן אַ פֿערד.

— אַ, ס׳מאַכט נישט אויס, — האָט זי געזאָגט, שטעכנדיק מיט איר נאָדל אין טישטעך, — זענט איר צופֿרידן פֿונעם פֿערד?

— יאָ, סעניאָראַ! אַ דאַנק אײַך!

— זעצט אײַך, סעניאָר ליפּסקער!

ער האָט צוגערוקט אַ שטול לעבן איר.

— אָ, ליפּסקער! קומט נאָר אַהער! רוקט אײַך צו נענטער צום טיש! — האָט געזאָגט יוסטמאַן. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל:

— טרינקט מיט אונדז לחיים!

ליפּסקער האָט קעגן זײַן ווילן זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש און מיט זיי געטרונקען. זיי האָבן אײַן זיך געגאָסן איין גלעזל נאָכן אַנדערן, זיך קאָנקורירט און דערציילט פּיקאַנטע וויצן, און געלאַכט אָן אויפֿהער. מיט יעדן גלעזל זענען די וויצן געוואָרן פֿעפֿערדיקער. ליפּסקער האָט נאָך די פֿאַר גלעזלעך דערפֿילט אַ לײַכטן רויש. ער איז אַרײַן אין שטימונג. ער האָט ווי געשוועבט און זיך געוויגט פֿון אַן אינערלעכן ריטעם. ער האָט שוין מער די רייד פֿון די בײַזיצער נישט געהערט. ער האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אויף מאַריאַנען. און מערקווירדיק, וויפֿל מען קען זיך זאָגן, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. זי האָט יעדעס מאָל אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון איר אַרבעט און אים געענטפֿערט מיט אַ שמייכל. מיט אַ מאָל האָט זי אַוועק־געלייגט דעם טישטעך און אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפֿאָן. איבער דער שטוב האָבן זיך צעקלונגען די טענער פֿון אַ טאַנגאָ. דער זעלבער טאַנגאָ, וועלכן ער האָט נישט לאַנג געטאַנצט מיט איר אויף סטופּניצקיס פֿאַרשטעלונג. ליפּסקער האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך פֿאַרנייגט פֿאַר איר. זי האָט מיט אַ שמייכל אַרויפֿגעלייגט אירע הענט אויף זײַנע אַקסלען. זיי האָבן גע־טאַנצט און ווי פֿאַרגעסן די וועלט אַרום זיך.

— מאַריאַנע — האָט ער איר געשעפּטשעט אין אויער — צי בענקסטו אַזוי נאָך מיר, ווי איך נאָך דיר?

זי האָט אים נישט געענטפֿערט, נאָר אויפֿגעהויבן די אויגן צו אים.

זיי זענען געווען פאַרטרערט און פול מיט טרויער. ער האָט זי צו זיך געדריקט, צוגעפּירט אירע פינגער צו זיינע ליפּן, זיי געקושט. זיינע ליפּן האָבן באַרירט איר אויער, אירע האָר.

— העי, ליפּסקער, אפשר וואָלסטו אונדז אויך אַ ביסל צוגעלאָזט צו טאַנצן? מען נעמט נישט דאָס גאַנצע פאַר זיך. מען לאָזט אויך אַ ביסל פאַר די חברים — האָט אויסגערופן יוסטמאַן.

ליפּסקער האָט חשק געהאַט אים אַראָפּצולאָזן אַ פּאַטש.

מאַריאַנע האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, זיך אַ דריי געטאָן און זיך הויך צעלאַכט:

— אוודאי וועל איך אויך מיט אייך טאַנצן!

זי האָט אָנגעשטעלט אַ פלאַטע מיט אַ פריילעכן, ריטמיש צעהייטערטן פאָקסטראָט.

יוסטמאַן האָט זי פאַרשייט געהאַלטן. די באַוועגונגען זיינע, דאָס בויגן זיך און דאָס דריקן זי זענען געווען איבער דער מאָס. ליפּסקערן האָט אָנגעהויבן צו בויערן אין קאָפּ, עס האָט אין אים געברענט דער כעס. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט עס באַמערקט. ער האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל און געזאָגט:

— טרינק, ליפּסקער! אייפערזוכט איז נישט געזונט!

ליפּסקער האָט מיט איין צי אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע גלעזל. יוסט־מאַן האָט אַצינד געפּרוווט אַ קוש טאָן מאַריאַנען. זי האָט אים געגעבן אַ פּאַטש, אויפגעהערט צו טאַנצן און אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

— רעכט אַזוי! מאַריאַנע! — האָט געזאָגט הערשקאָוויטש. — קום אַהער, יוסטמאַן, טרינק! קושן זאָלסטו דיין אייגן ווייב!

זיי האָבן ווייטער געטרונקען.

מאַריאַנע, קום טרינק מיט אונדז! — האָט זי יוסטמאַן געבעטן.

זי האָט נישט געוואָלט. ווי נישט וויסנדיק, וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, גענומען צוריק דאָס געניי און באַלד עס צוריק אַוועקגעלייגט. זיך געפּאָרעט ביי דעם פּאַטעפאָן, געזוכט, וואָס צו שפּילן.

— זינג אונדז עפּעס מאַריאַנע, האָט זי הערשקאָוויטש געבעטן.

זי האָט אויסגעזוכט אַ פּלאַטע און אונטערגעהאַלטן די מעלאָדיע. עס איז געווען היינריך היינעס „לאָרעליי".

„איך ווייס ניכט וואָס דאָס צו בעדויטן, דאָס איך זאָ טרויריג בין, איין מערכען פאָן אַלטע צייטן קאָמט מיר ניכט אַוס דעם זין"...

ליפּסקער האָט חשק געהאַט זיך אָוועקזעצן ביי אירע פיס, לייגן דעם קאָפּ אויף איר שויס, זי זאָל גלעטן מיט אירע הענט זיינע האָר און זי זאָל זינגען, זינגען... נאָר פאַר אים אַליין... ערגעץ האָט ער געלייענט, אַז ווען אין אורוואַלד האָט די פרוי צום ערשטן מאָל געזונגען פאַרן מאַן, איז דעמאָלט אַנטשטאַנען דער ערשטער כישוף אויף דער וועלט... און אָט דער כישוף באַהערשט די וועלט ביז היינטיקן טאָג...

זי האָט אויפגעהערט צו זינגען. די מענער זענען שוין געווען שטאַרק באַטרונקען. דעם אַדמיניסטראַטאָרס פּנים רויט, מיט אַ פאַרשלייערטן גלאַנץ אין די אויגן. ער האָט געגעבן אַ שלעפּ מאַריאַנען צו זיך און זי אַרויפגעזעצט אויף זיינע קני:

— ביי מיר וועסטו זיצן, דו ווילדע קאַץ!

ליפּסקער האָט זיך אויפגעהויבן, ער האָט דערפילט אַ שווערקייט אין די פיס און זיך געוואַקלט. ער איז צו צו מאַריאַנען און זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, זי אַוועקגעריסן פונעם אַדמיניסטראַטאָר. יוסטמאַן האָט אים צוריקגעשטויסן, ער איז אומגעפאַלן.

— פאַנטשאָ, פאַנטשאָ! — האָט מאַריאַנע גערופן.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן פאַנטשאָ, אַ רויקער און ניכטערער.

*

ערגעץ האָט אַ בהמה אויסגעצויגן געמעקעט, אַ האָן האָט נאָענט לעבן ליפּסקערן עטלעכע מאָל אויסגעקרייעט, ווי ער וואָלט אים באַגריסט. עס האָבן אים וויי געטאָן אַלע גלידער. אין קאָפּ האָט געדריקט אַ שווערקייט און נישט געלאָזט עפענען די אויגן. מיט מי האָט ער זיי אויפגעמאַכט. איבער זיך האָט ער געזען אַ בלויען הימל. ער איז געלעגן אין דרויסן, אויפן גראָז. לעבן אים איז געשטאַנען זיין פערד און רויק געוואַרט. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ווי אין אַ נעבל האָט

ער עס געזען. מאַריאַנען ביים אַדמיניסטראַטאָר אויפן שויס. יאָ, דערנאָך האָט אים פאַנטשאָ אַרויסגעשלעפּט פון שטוב און אים אַ שליידער געטאָן. וואָס עס איז ווייטער געשען, ווייס ער נישט. אַצינד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שווערן קאָפּ, ווי בליי. ער האָט זיך אומגעקוקט, די פערד זענען מער נישט געווען. מסתמא זענען יענע שוין אַהיימגעפאָרן. די זון איז געהאָנגען נידעריק אויפן הימל, עס איז שוין געווען פאַרנאַכט צו. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד און אַוועקגעריטן אַהיים. ער האָט זיך געגעבן אַ וואָרט מער נישט צו זען מאַריאַנען, נישט איבערטרעטן די שוועל פון איר שטוב.

*

פּאַרדאָ, ליפּסקערס פערד, איז עפּעס נישט געווען מיט אַלעמען. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אונטערגעבראָכענע קני. דאָס שעפּל מיט מאַיס, וואָס ליפּסקער האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט ער נאָר באַשמעקט, זיך נישט צוגערירט צום עסן. ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן לעבן די פערד, מיט וועלכע די תלמידים זענען געקומען צו רייטן, די נאָז־הייטלעך האָבן ביי אים געציטערט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, און פאַרגאַנגען זיך אין אַ פאַרבענקט הירזשען. די פערד האָבן אים געענטפערט מיט אַ הירזשען. ער האָט מיטן פּיסק באַשמעקט די פערד און אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף אַ פערדס האַלדז. אַזוי איז ער אָפּגעשטאַנען שעהען לאַנג. ליפּסקער האָט געהייסן די קינדער פאַרטרייבן זיין פערד. זאָל ער זיך גיין פּאַשען, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט. דאָס פערד איז איינגעפאַלן, געוואָרן מאָגערער און אומעטיקער.

שולקין, מיט וועלכן ליפּסקער האָט זיך געעצהט, האָט געזאָגט אַז דעם פערד איז גאָרנישט, ער בענקט בלויז צוריק נאָך זיין הויף, נאָך יענער סטאַדע פערד, מיט וועלכע ער האָט זיך אויפגעכאָוועט. ער האָט אים געטרייסט, אַז עס וועט אַריבערגיין, זאָל נאָר ליפּסקער זען, אַז דער פלויט זאָל זיין גאַנץ אַרום דעם פעלד און דער טויער שטענדיק פאַרמאַכט, ווייל ער קען אַרויס און דערנאָך — „אַ גוטן טאָג”, ער וועט אַהיימלויפן צוריק צו זיין באַלעבאָס. שולקין האָט אַ מאָל געקויפט אַ פערד פון אַ צווייטער קאָלאָניע, אַ פופציק קילאָמעטער ווייט פון דאַנען, איז דאָס פערד אַוועק

און ער האָט עס אַרומגעזוכט אַ צוויי טעג, ביז דער פריערדיקער באַלעבאָס האָט אים צוריקגעבראַכט.

ליפסקער האָט געפאָלגט זיין עצה, ער האָט נאָכגעקוקט און פאַרפּעס־טיקט די דראָטן פונעם צוים און פאַרמאַכט דעם טויער. די קינדער האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן גוט פאַרמאַכן דאָס טירל ווען זיי גייען אַרויס. זיך אַזוי באַוואָרנט, האָט ער געטראַכט, אַז ער איז שוין איצט זיכער מיטן פערד. אָפט פלעגט ער צו אים צוגיין, גלעטן זיין האַלדז און רעדן צו אים:

— פאַרדאָ, צי קאָנען מיר נישט ווערן גוטע פריינט? זע, אויך איך בענק, בין פאַרמאַכט און פאַרצוימט... געהאַט אויך אַ מאָל אַ פאַמיליע, אַ היים, טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער... באַדאַרפט מיט זיי בלייבן, מיט זיי ליידן, אַצינד בין איך אַליין, אַליין...

פאַרדאָ איז געשטאַנען רויק, זיך געלאָזט גלעטן. ער איז פאַר דער לעצטער צייט געוואָרן נאָענטער צו אים, געקומען צו לויפן אויף זיין רוף און ליפסקערן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך שוין צוגעוווינט, ער וועט פון אים נישט אַנטלויפן.

אין איינעם אַ טאָג, נאָכן לערנען, האָט ער גענומען, ווי שטענדיק, אַ שעפּל מאַיס און גערופן דאָס פערד, אָבער דאָס פערד איז נישט געקומען. ער האָט אים אַרומגעזוכט און נישט געפונען, דאָס פערד איז נישטאָ!

נישט לאַנג, געדענקט ער, האָט ער אים געזען שטיין לעבן די פערד פון די תלמידים. ער איז צוגעגאַנגען צום וועג און דערזען, אַז די קינדער האָבן אָפן געלאָזט דאָס טירל.

— אַהאַ, תכשיט מיינער! ביסט אַנטלאָפן!

איר האָט נישט געזען אַ ברוין פערד? — האָט ער געפרעגט אַ דורכ־פאָרנדיקן קאָלאָניסט.

— אַ ברוין פערד? דאַכט זיך, ביים עק פונעם וואַלד האָב איך אים געזען. האָב געקלערט, אַז איר האָט עס אַרויסגעלאָזט פאַשען — האָט געענטפערט פריינטלעך דער קאָלאָניסט.

נאָך דער טשאַקרע פונעם שפּאַנישן לערער האָט זיך געצויגן אַ גע־דיכטער וואַלד. אַהין האָט ליפסקער זיך געלאָזט גיין, זוכן זיין פערד. אַ קילע טונקלקייט האָט געהערשט אין וואַלד. די ערד איז געווען געדיכט

באַדעקט מיט בלעטער. אַ העזל האָט זיך אויפגעהויבן אויף זיינע פאָדערשטע פיסלעך און אים דערשטוינט אָנגעקוקט, נישט איילנדיק זיך צו אַנטלויפן. אַ וועווערקע, מיטן געדיכטן בושיקן עק, גרעסער פון איר רירעוודיקן קערפּערל, האָט אַ שפרונג געטאָן פאַר אים, אַרויף אויף אַ בוים און אַראָפּגעקוקט צו אים. פייגעלעך האָבן פריילעך געטרעלערט איבער זיין קאָפּ. אַ קליין פייגעלע, אַ פּיקהאָלץ, מיט אַ לאַנגן, שאַרפן שנאָבל, איז געשטאַנען איינגעקלאַמערט מיט די פיס אין אַ שטאַם פון אַ בוים און מיטן שנאָבל געקלאַפּט אין דער קאָרע, ווי מיט אַ העמערל: פּוק, פּוק, פּוק. אָבער פונעם פערד איז נישט געווען קיין שפּור. עס איז פינצטער געוואָרן. די נאַכט איז צוגעפאַלן. אומזיסט האָט ער גערופן:

— הוא, האַ, פאַרדאָ, פאַרדאָ! — קיינער האָט נישט געענטפערט און שפּאָטיש האָט אים צוריקגעהילכט זיין עכאָ: — הוא, האַ, פאַרדאָ, פאַרדאָ!

דאַכט זיך, פאַרבלאָנדזשעט! ער האָט געזוכט אַ סטעזשקע, אַ וועג, אַרויסצוקומען פונעם וואַלד, אָבער אומזיסט. אַרום און אַרום שוואַרצע ביימער, אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, וואָס שלאָגן אים אין פּנים. דער וואַלד האָט אים געפאַנגען און חוזק געמאַכט פון אים: — אוהו, אוהו — האָט צו אים אַראָפּגעשריען אַ סאָווע, מיט לייכטנדיקע אויגן... טשירי, טשירי... האָט ערגעץ אַ פויגל אַרויסגעטרילערט פאַרשלאָפן און אַ באַהאַלטענע גריל האָט שאַרף און איינטאָניק געגרילט. ער האָט זיך איינגעהערט, צי הערט מען נישט קיין הונט, א בהמה? אַ צייכן פון אַ יישוב? אָבער ניין, ער הערט גאָרנישט, נאָר דאָס שטאַרקע פייפן פון אַן אָנקומענדיקן ווינט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו רייסן די צווייגן. ער האָט זיך דערמאָנט די געשיכטע פון דעם ייִנגל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד און איז מער נישט צוריקגעקומען. ער האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט די אומהיימלעכע געדאַנקען און איז ווייטער געגאַנגען. אין דער פינצטער האָבן די ביימער אָנגענומען דראָענדיקע און אומהיימלעכע געשטאַלטן, מוראדיקע, פאַנטאַסטישע ריזן רוקן זיך אויף אים, ווילן אים דערשטיקן מיט זייערע טויזנטער אָרעמס.

„נאַרישקייטן!״ — ער איז שטיין געבליבן און זיך אָפּגעווישט דעם שוויס פונעם שטערן — צו וואָס זיך דראַפּען ווייטער? סיי ווי זעט ער נישט קיין אויסוועג. שוואַרצע כמאַרעס האָבן פאַרדעקט דאָס לעצטע שטע־

רנדל אויפן הימל. דער ווינט האָט געריסן די צווייגן, אַראָפּגעטרייסלט די לעצטע בלעטער פון דיביימער. געזשומעט מיט ליאַרעם. ליפּסקער האָט זיך פאַרקנעפּלט דאָס רעקל, אויפגעשטעלט דעם קראַגן — אַצינד פּעלט נאָך אַ גוטער רעגן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — און דער רעגן האָט טאַקע נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך. — וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט ער דאָ אויסשטיין? — האָט ער געקלערט און זיך געלאָזט ווייטער גיין, זוכנדיק אַ וועג. פּלוצעם האָט ער דערזען אַ טונקעלדיקן פייערל. אַ שוואַכע ליכט האָט זיך באַוויזן און באַלד ווידער פאַרשוווּנדן, ווי זיך גערייצט מיט אים. ער האָט עס שוין נישט אַרויסגעלאָזט פון די אויגן און געצויגן צו אים. ער איז מיד געוואָרן און זיך אָפּגעשטעלט. — אַ ליכט — האָט ער געצווייפלט, — קען מען אָנזען פון מיילן ווייט. ווער ווייס, פון וואַנען דאָס ליכט קומט? אָבער, דאָך, אַ האָפענונג האָט עס אים אַריינגעגעבן און ער האָט ווייטער געצויגן אין יענער ריכטונג. באַלד האָט ער דערהערט אַ האַווקען פון אַ הונט, ער האָט זיך דערפרייט. ער איז אַרויסגעקומען אויף אַ גלאַט, אויסגעהאַקט שטיקל פּלאַץ אָן ביימער און דערזען אַ ראַנטשאָ, פון וואַנען עס האָט געלויכטן דאָס ליכט. די ראַנטשאָ איז געווען פאַרצוימט מיט אַ דראָט, וועלכע אַ פרעמדער טאָר אָן דער דערלויבעניש פון די באַלע־באַטים נישט איבערטרעטן.

אויפן האַווקען פונעם הונט איז אַרויסגעקומען אַ פרוי. דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין גיסן.

— איך האָב דאָ פאַרבלאָנדזשעט, זוכנדיק מיין פערד — האָט געזאָגט ליפּסקער. זי האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט פון יענער זייט צוים און געענט־פערט מיט גרויס העפלעכקייט:

— מיין מאַן וועט באַלד קומען, וועט ער אייך אַרויספירן. בוענאָס נאָטשעס סעניאָר! — זי האָט זיך ווידער פאַרנייגט, אים געלאָזט שטיין אויפן רעגן און צוריק אַריינגעגאַנגען. אַזוי איז דער מינהג: אַ מאַן טאָר נישט אַריבערשפּרייזן יענעמס אייגנטום און אַ פרוי טאָר נישט אַריינלאָזן אַ פרעמדן מאַן.

באַלד איז אָנגעקומען דער מאַן, ליפּסקער האָט אים געוואָלט דערקלערן, וואָס ער טוט דאָ, אָבער דער קריאָזשע האָט אים נישט געלאָזט רעדן,

ער האָט אים פריינטלעך אַרומגענומען ביי דער פלייצע און געזאָגט:

— פּאַסע, קומט צו ערשט אַריין! איר וועט אויסטרינקען אַ מאַטע מיט אונדז!

ליפּסקער איז אַריינגעגאַנגען. די ראַנטשאָ איז באַשטאַנען פון דריי ווענטלעך אויפגעשטעלט פון ליים, אָן פענצטער, מיט אַ האַלבער טיר, אויבן אָפן, אויף אַרויסצולאָזן דעם רויך און אַריינלאָזן פרישע לופט. אין אַ ווינקל אויף זעק און צוגעדעקט מיט זעק זענען געלעגן עטלעכע קינדער. אויף אַ בראַסערע — מיט ברענענדיקע קוילן, איז געשטאַנען דער טשאַיניק, גרייט אויף צו סערווירן תמיד אַ מאַטע. ביי די אָרטיקע איינוווינער גייט קיין מאָל נישט אויס דאָס פייער און וואַרעם וואַסער פאַר אַ מאַטע, וועלכע מען טרינקט צו יעדער צייט, צי מען איז הונגעריק אָדער זאַט. האָט מען דערצו אַ שטיקל צוקער און אַ פּלעצל איז אוודאי גוט, ווען נישט, טרינקט מען אַ ביטערע מאַטע און מען לינדערט אַ ביסל דעם הונגער.

ליפּסקערן האָט געחידושט די אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון די מענטשן. אָבער אַז די יידישע קאָלאָניסטן וווינען אין נישט קיין סך בעסערע באַדינגונגען, ווי אַזוי זשע זאָלן וווינען זייערע אַרבעטער?

דער מאַן איז געווען אַ צאַרטער, מיט פיינע געזיכטס־שטריכן, אַ טונקעלע הויט און שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן. אַזוינע טרויעריקע אויגן האָבן אויך געהאַט די פרוי און די קינדער, וועלכע קוקן אַרויס פון די שמאַטעס מיט אַזוי פיל נייגער און אונטערטעניקייט.

דער באַלעבאָס האָט אים אונטערגעטראָגן דאָס איינציקע פון שטרוי געפלאָכטענע בענקל, ער זאָל זיך אַוועקזעצן ביים פייער.

ליפּסקער האָט אַ ביסל אָפּגעאָטעמט, זיך אָפּגעווישט דאָס נאַסע פּנים. ער האָט געזען ווי די פרוי גרייט צו אַ מאַטע, האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבן און געבעטן דעם מאַן, ער זאָל אים אַרויספירן פונעם וואַלד.

— איר ווילט נישט קודם אויסטרינקען אַ מאַטע?

— ניין, אַ דאַנק. איך אײַל זיך זייער.

דער גאַוטשאָ האָט אים געפירט דורכן וואַלד. ליפּסקער האָט זיך באַמיט נישט אָפּצושטיין פונעם קריאָזשע, וועלכער האָט זיך פלינק געדרייט און געבויגן צווישן די פאַרוואַקסענע צווייגן און קוסטעס.

— איך ווייס, ווּ אייער פערד דאַרף זיך געפינען — האָט ער געזאָגט — און האָט אים אַרויסגעפירט פונעם וואַלד און צוגעפירט צו אַ פריי פעלד, ווּ עס האָט זיך געפּאַשעט אַ סטאַדע פערד.

פּאַרדאָ איז געשטאַנען צווישן זיי. דער קריאָזשע האָט אים פאַרוואָרפן אַ לאַנגען צוים אויפן האַלדז, אים צוגעצויגן און דעם עק פונעם שטריק איבערגעגעבן אין ליפּסקערס הענט. ער האָט אים צוגעפירט צום טראַקט:

— אָט אַזוי, גלייך גייענדיק, וועט איר אָנקומען צו אייער שול.

ליפּסקער האָט אים שטאַרק באַדאַנקט.

קאַפּיטל פינף

## מען שפּילט טעאַטער

דאָס איז געווען אויף דער לעקציע פון היסטאָריע. ליפּסקער האָט צוגערופן בערקאָוויטשעס טעכטערל, אַ מיידעלע פון אַ צוועלף יאָר, מיט שיינע שוואַרצע אויגן, זי האָט גאָרנישט געוווּסט פון יידישקייט, טראָץ דעם, וואָס אירע עלטערן רעדן צווישן זיך יידיש און שטאַמען פון רוסלאַנד.

עס האָט זיך אים זייער געוואָלט, אַז דאָס מיידעלע, אַן אור־אור אייניקל פון דורות האָרציקע יידישע מאַמעס, זאָל זיך דערוויסן פון אונדזער פאַר־גאַנגענהייט. זאָל ליב באַקומען איר פאָלק, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל און פריינטלעך צו איר גערעדט:

— דאַרפסט מער לייענען, מיידעלע, לערן זיך גוט אויס די היסטאָריע, וועסטו זיך דערוויסן, אַז מיר האָבן אַ שענערע און גלאָררייכערע געשיכטע, ווי אַנדערע פעלקער. דעמאָלט, ווען אין אייראָפּע איז נאָך געווען אורוואַלד, און די דאָרטיקע מענטשן האָבן געלעבט ווי ווילדע, אין די וועלדער, האָבן מיר שוין געהאַט אַ הויכע קולטור און געלעבט אַ ציוויליזירט, שטאַטלעך לעבן.

— הם, האָט עמעצער אָפּגעהוסט ביי דער טיר.

ליפּסקער האָט אָפּגעלאָזט דאָס מיידעלע און זיך אויסגעדרייט צו דער טיר. דאָרט איז געשטאַנען משה, דער קאָלאָניסט.

— אָ, שלום עליכם אייך, ר׳ משה, — האָט ליפּסקער אויסגערופן און אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— עליכם שלום, — געווען אַזוי פאַרטאָן אין לערנען, אַז איר האָט מיך גאָרנישט באַמערקט? איך שטיי שוין דאָ אַ היפּשע ווײַלע.

— באמת? ניין, טאַקע אייך נישט באַמערקט. וואָס זשע וועט איר עפּעס זאָגן, ר׳ משה?

— איך בין אייך געקומען זאָגן דעם באַשלוס פון דער קאָמיסיע, אַז

מען האָט באַשלאָסן אייך אויסצוצאָלן וואָס עס קומט אייך, איך מיין, דעם הינטערשטעליקן געהאַלט אייערן.

— טאַקע? — האָט זיך ליפּסקער דערפרייט — שוין די העכסטע צייט. ווייל ווי לאַנג נאָך וועל איך נעמען אויף באָרג אין קאָאָפּעראַטיוו? האָט איר מיר, הייסט עס, אפשר געבראַכט אַ פּאָר פּעזעס?

— כאַפּט נישט! אַזוי שנעל ציילט מען געלט? צו ערשט מוז מען מאַכן דאָס געלט!

— איך פאַרשטיי נישט.

— די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן צו שפּילן טעאַטער און די אייבקונפט וועט זיין פאַר אייך.

— וואָס פאַר אַ טעאַטער וועט איר גיין שפּילן? איר וועט מאַכן אַ חוזק, ווי סטופּניצקי האָט געטאָן?

— ס'וועט נישט זיין קיין חוזק! דער עולם האָט ליב יידיש טעאַטער, מען דאַרף עס נאָר גוט אויסאַרבעטן. איר זוכט נאָר אויס עפּעס אַ גוטע שטיק און נעמט אייך צו דער אַרבעט.

— איך בעט אייך, מיך נעמט נישט אין חשבון, איך בין נישט קיין אַקטיאָר!

— ליפּסקער, אַ לערער דאַרף אַלץ זיין, אַן אַקטיאָר, אַ זינגער, ער דאַרף קענען מאַכן אַ פאַרשטעלונג, אַלצדינג דאַרף ער קענען. שבת וועלן מיר קומען צו אייך און אַלץ אַרומרעדן.

נאָכן לערנען האָט ליפּסקער איינגעשפּאַנט דאָס פערד און געריטן אין שטעטל צום לערער סטופּניצקי, זיך באַראַטן. ער איז דאָך דאָ לענגער, וויל ער הערן זיין מיינונג, וואָס ער האָט צו טאָן.

סטופּניצקי האָט געלערנט אין אַ בלעכענעם שייער וואָס די איק"אַ האָט אָפּגעטרעטן פאַר אַ שול. אין איין זייט זענען געשטאַנען עטלעכע שול-בענקלעך און אַ שוואַרצער טאָוול אויף דער וואַנט. אין דער אַנדערער זייט, אַ בראָסערע מיט אַ פאַררייכערטן טשייניק און אַן אייזערן בעטל. קאָנטיק, דער לערער וווינט דאָ.

— אוי, אַ גאַסט! — איז סטופּניצקי אַנטקעגנגעגאַנגען ליפּסקערן מיט דער מאַטע אין האַנט.

— אָט דאָ וווינט איר? — האָט ליפּסקער זיך פאַרוואונדערט, — זענען דאָך געקרעכט די קאָלאָניסטן, אַז איך וווין אין אַ פּאַלאַץ!

— צי איר וווינט אין אַ פּאַלאַץ? אייער שול איז דאָך די קרוין־שול אין דער גאַנצער געגנט!

— שוין איין מאָל אַ קרוין־שול, — האָט ליפּסקער אָפּגעזיפצט. ער האָט אים דערציילט די סיבה פון זיין באַזוך.

— ס׳איז דאָך גלענצנד — האָט אויסגערופן סטופּניצקי, — לאָזט נאָר מיך, איך וועל אייך צוזאַמענשטעלן אַ טעאַטער, וואָס אַזוינס איז נאָך נישט געווען אין קאָלאָניע!

— נאָר נישט אַזאַ, ווי די לעצטע פאָרשטעלונג אייערע!

— ווער דאַרף האָבן קינדער! מיט גרויסע וועלן מיר שפּילן! איר וועט שוין זען, וואָס סטופּניצקי קען!

ליפּסקער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מאַטע און אויך נישט געוואָלט זיצן אין דעם פאַרשטויבטן שייער, האָט ער געבעטן סטופּניצקין, ער זאָל אים באַגלייטן.

אַ מאָגער שקאַפּקעלע האָט זיך געדרייט לעבן דעם שייער, געזוכט אַ שאָלעכץ פון אַ פּרוכט, אַ פאַרפוילט קרויטל, אַ גרעזל. סטופּניצקי האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן אַ שאָפּענע פעל און אַ זאַק, וואָס האָט באַדאַרפט דינען פאַר אַ זאָטל.

— קיין בעסער פערדל איז שוין נישט געווען פאַר אייך? — האָט אים ליפּסקער געפרעגט.

— דאָס געלט, וואָס עס קאָסט מיך, איז ער ווערט.

— וואָס זשע קאָסט עס אייך? — האָט ליפּסקער געפרעגט.

— גאָרנישט. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט עס מיר געשענקט. און איר ווייסט דאָך — אַ געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציין. — איר מיינט, איך קען מיר פאַרגינען אַזוי ווי איר?

— פאַר וואָס נישט, איר זענט אַ לערער גלייך מיט מיר.

— יאָ, אָבער איך האָב אַ ווייב מיט קינדער, ווען איך שיק אַוועק דאָס גאַנצע געלט.

— איר זייט גערעכט!

זיי זענען אַ ווײַלע געריטן, פֿאַרדאַן איז, ווײַזט אויס, נישט אַנגעשטאַנען צו גיין לעבן דעם נעבעכדיקן שקאַפּקעלע, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פֿאָרויס און דאָס שקאַפּקעלע האָט אים נאָכגעהאָפּסקעט.

— מיר זעען דאָך אויס ווי דאָן קיכאָט מיט סאַנטשאָ פּאַנטשאָ — האָט געזאָגט סטופּניצקי.

— יאָ, נאָר קיין דולסינאַ, פֿאַר וועלכער מען זאָל מלחמה האַלטן, איז נישטאָ!

— זי איז דאָ, ליפּסקער! זי איז דאָ! — האָט סטופּניצקי צוגעווינקען מיט אַן אויג.

ליפּסקער איז רויט געוואָרן, זיך פֿאַרלוירן, און עפּעס אַ מורמל געטאָן. זיי זענען אַרויסגעקומען הינטערן שטעטל. סטופּניצקי האָט אײַנגעהאַלטן דאָס שקאַפּקעלע, אָנגענומען פֿאַרדאָס ציימל, און זיך פֿאַרטרוילעך צוגע־בויגן צו ליפּסקערן:

— הערט מיך אויס, פֿרײַנט ליפּסקער! לאָזט אײַך אָפּ פֿון דער דייטש־קע! זי איז נישט פֿאַר אײַך, און איר וועט אײַך נאָר אָנמאַכן שונאים...

ליפּסקער איז בייז געוואָרן און אים געוואָלט איבעררהאַקן, נאָר סטופּ־ניצקי האָט אים אָפּגעווערט מיט דער האַנט!

— איר דאַרפֿט זיך נישט פֿאַרטיידיקן. מען ווייסט אַלץ. מען ווייסט אויך, אַז איר זענט געווען זונטיק אויף דער הוליאַנקע ביי איר, צוזאַמען מיטן אַדמיניסטראַטאָר און די אַנדערע. הערט אויס אַן עצה — לאָזט עס אָפּ, און וואָס פֿריער, איז בעסער.

עס איז שוין גאַנץ טונקל געווען, ווען סטופּניצקי האָט אײַנגעהאַלטן זײַן פֿערד פֿאַר אַ נידעריקער, ברייטער ראַנטשאָ מיט אַ הויכן שטרויענעם דאַך. די ווענט, געבויט פֿון פֿאַרטריקנטער בלאָטע, זענען געווען באַקלאַפּט מיט אַלטע בלעכן פֿון קאָנסערוון. אַ ראַנטשאָ, וועלכע מען טרעפֿט אויף שריט און טריט און אין וועלכע עס ווינען די אָרטיקע.

— וואָס קריכסטו אַהער, סטופּניצקי? ווילסט קריגן אָנגעבראָכן דיביינער פֿון אַ גאַוטשאָ?

— האָב נישט קאָ׳מוראַ.

פֿאַר דער ראַנטשאָ, ביים וועג, איז געשטאַנען אַ דיקער מאַן. אָנשטאָט

אַ גאַרטל, איז זיין בויך און די לענדן געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שוואַרצן טוך. דערזעענדיק די צוויי רייטער, איז ער זיי פריינטלעך אַנטקעגנגעגאַנגען, ברייט פאַר זיי געעפנט דאָס טירל: — פאַסע סעניאָרעס, פאַסע!

סטופניצקי איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערדל און זיך אַרומגענומען מיטן דיקן מאַן:

— וואָס זשע מאַכט עפּעס דיין ליבע טשיניטאַ?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! זי דערוואַרט דאָך איך, אַזוי לאַנג נישט געווען!

ליפּסקער איז געזעסן אַן אָנגעכמורעטער אויפן פערד, נישט רירנדיק זיך. כדי צו פאַרשטאַרקן די איינלאַדונג און צוגעבן חשק אַריינצוגיין, איז אַרויסגעקומען די טשיניטא אַליין — אַ דיקע טונקלהויטיקע פרוי. איר גאַנצער גוף איז געווען צעוירן און אָפּגעלאָזט.

סטופניצקי האָט זיך אָנגעהויבן אַרום איר צו דרייען, ווי אַ האָן אַרום אַ הון, פאַרכלינענדיק זיך פון באַוווּנדערונג. זי האָט צו אים געשמייכלט מיט אַליידיקן מויל, אָן ציין.

ליפּסקער האָט געגעבן אַ זעץ אַריין די שפּאָרן אין פאַרדאָס ווייכן בויך, דאָס פערד איז אַזש אויפגעשפּרונגען, און ווי אַ פייל אויסן בויגן איז ער אַוועקגעריטן, איבערלאָזנדיק אַן אַ זיי געזונט סטופניצקין מיט זיין „טשיניטאַ".

*

שבת איז זיך צוזאַמענגעקומען ביי ליפּסקערן אין שטוב די גאַנצע קאָמיסיאָן דירעקטיוואַ פון דער שול מיט זייערע ווייבער און קינדער. דער פּרעזידענט, שלמה יאַנקל, איז געזעסן אויבן־אָן און צוגעטיילט אַ יעדן דאָס וואָרט. האָט עמעצער פאַרכאַפּט און גערעדט אָן זיין דערלויבעניש, האָט ער געקלונגען מיטן גלעקל און גערופן צו אָרדענונג.

— הער פּרעזידענט! — האָט זיך אָנגערופן סטופניצקי — איך בעט דאָס וואָרט!

דער פּרעזידענט האָט אויף אים געטייטלט מיטן בליישטיפט:

— איך טייל אייך צו דאָס וואָרט!

— צו דער פּיעסע, וואָס איך האָב צוגעגרייט, זענען נייטיק פינף

מענער און דריי פרויען, שלאָג איך פאָר, אַז מען זאָל אײַנלאַדן דריי מיידלעך, זיי זאָלן שפּילן די פרויען־ראָלן.

די פרויען האָבן פּראָטעסטירט:

— פאַר וואָס עפּעס מיידלעך? און מיר קענען נישט שפּילן?

ס׳איז געוואָרן אַ רעש און דער פּרעזידענט האָט זיך צעקלונגען מיטן גלעקל. אַ קאָלאָניסט האָט פּראָטעסטירט:

— וואָס הייסט, איך וועל גיין לאָזן שפּילן מיין פרוי אויף דער בינע מיט אַ פרעמדן מאַנסביל?

סטופּניצקי האָט געפונען צו דעם אַן אויסוועג: דעם אַרטיסטס פּאַרט־נעריין זאָל טאַקע זיין זיין אייגן ווייב. מען איז מסכים געווען און סטופּניצקי איז צוגעטרעטן אויסצוקלייבן די אַרטיסטן.

ליפּסקער האָט באַדאַרפט זיין דער סופלער, אָבער זיין פּאָרלייענען איז נישט געפעלן, ער לייענט צו שטיל, מיט אַ פאַרשלאָסן מויל, און אפשר האָט מען אויף אים שוין סתם געזוכט חסרונות. סטופּניצקי האָט אַוועק־געזעצט יאַנקלען פאָרלייענען, אָבער דער האָט הויך אויף אַ קול געלייענט, באַטאָנענדיק און אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, אַזוי, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט אויפגעטראָטן אויף דער בינע.

— ס׳טויג נישט! — אים וועט מען בעסער הערן ווי די אַרטיסטן!

סטופּניצקי האָט אויסגעפּרוּווט יעדנס אַרטיסטישע פעיקייטן. ער האָט געגעבן יאַנקלען אַ זאַק אויף די פּלייצעס און געהייסן אים אַריינקומען ווי אַן אַלטער ייד.

יאַנקל האָט זיך געגעבן אַ הויקער איין, געטאַפּט מיטן שטעקן:

— אַ גוטן אָוונט אייך! הא, אַ פראָסט איז דאָס אין דרויסן! אַז עס קנאַקט! — האָט ער אַליין אימפּראָוויזירט די ווערטער.

— נישט דאָס האָסטו באַדאַרפט זאָגן! דאַרפסט נאָכזאָגן, וואָס דער סופלער וועט דיר הייסן! — איז סטופּניצקי בייז געוואָרן. אָבער, יעדנפאַלס, די פּראָבע איז גוט אַדורך און מיט איין אַרטיסט איז מען שוין געווען פאַרזאָרגט. אַצינד איז געקומען די ריי, אויסצופּרוּוון די יאַנקעליכע. אָבער זי האָט נישט געטויגט. סטופּניצקי האָט מיט איר געפּרוּווט אַהין און אַהער, און ס׳איז נישט געגאַנגען. די יאַנקעליכע האָט זיך געפילט באַליידיקט:

— אויב איך טויג נישט, טויג אויך מיין מאַן נישט! קום יאַנקל אַהיים!
— האָט זי באַפעלעריש אויסגערופן.

יאַנקל, אַזוי אַ גאַנצער קנאַקער, האָט זיך אויפגעהויבן און איז געווען גרייט אַוועקצופאָרן. — זיין ווייב איז פאָרט שטאַרקער פון אים. מען האָט געזוכט איבערצובעטן די יאַנקעליכע. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס איריקע, אויב זי טויג נישט, טויג אויך איר מאַן נישט! זי איז נאָך באַשטאַנען, אַז ליפסקער זאָל זי אויספרווון, פאַר וואָס טאַקע זאָל נישט ליפסקער אויך מיטשפילן?

ליפסקער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון מיטשפילן.

די ראָלע פונעם ליבהאָבער, דאָס הייסט די שענסטע ראָל, האָט מען צוגעטיילט דעם פּרעזידענט, שלמה יאַנקלען. די סצענע האָט באַדאַרפט פאָרשטעלן, אַז יאַנקלס פרוי האָט אַ ליבהאָבער, אַזוי ווי ליפסקער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיטשפילן, איז געבליבן, אַז שלמה יאַנקל וועט זיין דער ליבהאָבער, און די יאַנקעליכע, אויב זי וועט זיך טאַקע איינשפאַרן, וועט באַקומען די ראָל פון יאַנקלס פרוי.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן נאָך צוצוגעבן צו דער פּיעסע אייניקע נומערן פון געזאַנג און דעקלאַמאַציעס. אַזוי ווי בעטי לאַנדער האָט אַ שיינע שטימע האָט מען באַשלאָסן, אַז ליפסקער זאָל מיט איר איינשטודירן אַ ליד.

*

יעדן פאַרנאַכט איז ער געפאָרן צו בעטי לאַנדער. זי איז געווען אַ שלעכטע שילערין און שווער איבערגענומען אַ ליד.

בעטיס שכנה, מאַריאַנע, האָט ער געזוכט אויסצומיידן, אָבער איין מאָל, רייטנדיק מיטן וועג, האָט ער דערהערט הינטער זיך אַ גאַלאָפּירן און באַלד האָט אויף אַ שוימענדיק פערד אים אָנגעיאָגט מאַריאַנע.

— זע נאָר זע, ווי ער איילט זיך דאָס אַ ביסל צו בעטין! קום אים דעריאָגט! — האָט זי געזאָגט, זיך לייכט וויגנדיק אויפן פערד. ער האָט זיך פאַרכמורעט און געשוויגן. דאָך איינגעהאַלטן דאָס פערד און לאַנגזאַמער געריטן לעבן איר.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זי זיך הויך צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר? — האָט ער זי דערשטוינט געפרעגט.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זי נאָך מער געלאַכט און זיך אַזש איבערגע־בויגן איבערן פערד — איך האָב מיך דערמאָנט, ווי פּאַנטשאָ האָט אייך אַרויסגעשלעפּט, כאַ, כאַ!

— עס איז אַ צו גרויזאַם שפּיל, מאַריאַנע, זיך צו שפּילן מיט ליידנ־שאַפטן פון מענער!

זי האָט אויפגעהערט צו לאַכן.

— פאַרגיבט אונדז דאָס שפּיל, ליפּסקער, ווייל סיי ווי סיי זענען מיר די, וועלכע פאַרשפּילן.

ער האָט איינגעהאַלטן זיין פערד, און אָנגענומען אירע לייצעס. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. זי האָט באַמערקט די טונקעלע שאָטנס אַרום זיינע אויגן:

— איר ליידט, ליפּסקער!?

זי האָט צאַרט געגלעט זיין האַנט, וואָס האָט געהאַלטן אירע לייצעס:

— מיין איינזאַם און עלנט ייִנגעלע!

— זאָג עס נאָך אַ מאָל מאַריאַנע!

— מיין ייִנגל! — און ווי צו פאַרענטפערן איר צערטלעכקייט, האָט זי צוגעגעבן:

— אַ מאַן נייטיקט זיך מער אין אַ מאַמע, ווי אין אַ געליבטער!

— אַ מאַן נייטיקט זיך אין דער פרוי, וועלכע ער ליבט!

— זייער זעלטן קריגט מען די, וועלכע מען ליבט!

ער האָט געשוויגן און באַמערקט, אַז זי טראָגט דעם זעלבן רייטאַנצוג אין וועלכן ער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל, די שמאָלע הויזן און ווייסע בלוזע, וועלכע פּאַסן איר אַזוי גוט און אין וועלכע זי געפעלט אים אַזוי שטאַרק.

— מאַריאַנע, איך צווינג זיך אַליין דיך אויסצומיידן, אָבער איך קען נישט מער, איך וועל זוכן זיך מיט דיר צו באַגעגענען.

זי האָט זיך דערשראָקן:

— ליפּסקער! טוט עס נישט. עס וועט זיין אַן אומגליק פאַר אונדז ביידן!

— אַט וואָלט איך דיך אַרויפגעזעצט אויף מיין פערד און אַוועקגעריטן מיט דיר ווייט, ווייט!

זי האָט זיך צעלאַכט און געגעבן אַ טרייב איר פערד:

— איך פיל מיך גאַנץ גוט אויף מיין פערד!

כאָטש די ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַן אָפזאָג, האָט ער געפילט אין לאַכן, אַז זי איז צופרידן פון זיינע רייד. ער האָט זי ווידער אָנגענומען ביי דער האַנט און, זיך האַלטנדיק ביי די הענט, זענען זיי ווייטער געריטן. זיי האָבן זיך ערשט אויפגעכאַפּט, ווען זיי זענען אָנגעקומען צו לאַנדערס הויז. מאַריאַנע האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעריטן אַהיים און ליפּסקער איז אַריין אין הויז.

היינט האָט ער נאָך ווייניקער געדולד געהאַט צו בעטין.

— זאָגט מיר, סעניאָריטאַ, איר רעדט דאָך אַזאַ גלאַטן יידיש, פאַר וואָס זינגט איר מיט אַזאַ פרעמדן, האַרטן אַקצענט, ווי איר וואָלט נישט געקאָנט קיין יידיש וואָרט?

— וואָס ווילט איר? — האָט זי פאַרצויגן די ליפּעלעך — מען זאָל אין מיין זינגען דערקענען, אַז איך רעד יידיש?

ליפּסקער האָט זיך בייז און אומגעדולדיק געדרייט אויף זיין שטול. גאָט! ווי אַזוי איבערצייגט מען די מענטשן, זיי זאָלן זיך נישט שעמען מיט זייער שפּראַך? זי האָט באַמערקט זיין אומגעדולד און פוצנדיק אירע לאַנגע שפּיציקע נעגל, האָט זי געזאָגט:

— איר זענט היינט אין אַ נישט־גוטער שטימונג? אויך איך האָב היינט נישט קיין געדולד צום זינגען. אפשר וואָלטן מיר זיך אַ ביסל דורכגעגאַנגען?

פרוי לאַנדער האָט אַריינגעבראַכט טיי מיט צובייסעכץ. הערנדיק בעטיס לעצטע ווערטער, האָט זי געזאָגט:

— צו ערשט, ליפּסקער, וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי.

ער האָט געקלערט, וואָס אויסצוקלייבן, — גיין שפּאַצירן מיט בעטין אָדער טרינקען אַ גלעזל טיי, און ער האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע. די באַלעבאָסטע האָט אים דערלאַנגט אַ טעצעלע איינגעמאַכטס און דערביי זיך באַקלאָגט:

— עס איז היינט גאָרנישט צו באַקומען קיין אַרבעטער. מען דאַרף אַראָפּנעמען דעם מאַיס פון די פעלדער און עס איז נישטאָ מיט וועמען.

— קאָלאָניסטן דאַרפן נישט קיין אַרבעטער, מען אַרבעט אַליין. מען גייט אַליין אַרויס צוזאַמען מיט דער משפחה און מען שניידט אָפּ דעם מאַיס. באַראָן הירש האָט געוואָלט מאַכן דאָס יידישע פאָלק פאַר לאַנדווירטן, וואָס זאָלן אַליין אַרבעטן.

— אוי, אַ וויטיק, מיין בעטילע זאָל גיין שניידן דעם מאַיס? דאָס געפעס לאָז איך זי נישט וואַשן, עס זאָל זיך איר חלילה נישט פאַררייסן אַ נאָגל!

בעטי האָט געקוקט אויף אירע לאַנגע געפלעגטע נעגל און מיט שטאָלץ זי אים אַנטקעגנגעשטרעקט.

— אַזוינע הענט זענען פאַר פעלד־אַרבעט?

ער האָט זיך געגעבן אַ צי צוריק, ווי מורא האָבנדיק, זי זאָל אים מיט אירע שאַרפע נעגל נישט צעדראַפּען דאָס פנים. פרוי לאַנדער האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן פון ליפּסקערס זאָג, ער האָט געזען, אַז זיי פילן זיך געטראָפן.

— איך זאָג שוין נישט אויף מיין זון, ער אַרבעט גענוג, אויך מיין מאַן איז פאַרשוואַרצט אַ גאַנצן טאָג אין פעלד, אָבער בעטילע וועט נישט אַרבעטן, אויסער דעם, — עס לוינט זיך דען? דער פונדיק באַקומט פאַרן אויסרייסן דעם מאַיס דעם צענטן זאַק און אַז דער אייבערשטער גיט אַ גערעטעניש, איז דאָ פאַרן באַלעבאָס און אויך פאַרן אַרבעטער.

ליפּסקער האָט געוואָלט פאַרווישן דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף זיינע גאַסטגעבער, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מען זעט טאַקע, אַז אייער מאַן איז אַ באַלעבאָס. קומט צו אַנדערע קאָלאָניסטן, לעבן זיי נאָך אין די בלעכענע באַראַקן. זיי באַקלאָגן זיך אַז זיי האָבן אַפילו נישט אויף ברויט מיט אַ מאַטע. און איר וווינט זיך אין אַ שיין הויז און איר לעבט זיך גאַנץ פיין.

— צו קאָלאָניזאַציע דאַרף מען האָבן מזל, פונקט ווי צו יעדער אַנדערער אונטערנעמונג. אָבער ווען מען היט עס אָפּ, מען פאַראַקערט און פאַרזייט צו דער צייט, מען גייט אַרום די בהמות, ווי ס'באַדאַרף

צו זיין, קען מען גאַנץ שיין לעבן, און אַנדערע מאַכן אפילו געלט. און וואָס מיינט מיר? די וועלכע גייען אַוועק פון דער קאָלאָניע גייען אַוועק מיט ליידיקע הענט?

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, אַז צו קאָלאָניזאַציע דאַרף מען האָבן מזל? וועלכער קאָלאָניסט וויל עס נישט מאַכן קיין געלט און לעבן שיין?

— פאַר וואָס פאַרשטייט איר נישט? אָט האָבן מיר פאַרזייט 30 העקטאַר מאַיס, מיר וועלן זיי אַראָפּנעמען און דער פּרייז איז דאָס יאָר פאַר מאַיס אַ גוטער און מיר וועלן אָפּשפּאָרן אַ פאַר שיינע הונדערטער. אַנדערע האָבן געזאָגט: — ווער מיר מאַיס? צו וואָס מאַיס? אַרויסגע־לאָזט די סטאַדע אויפן פעלד און מען דאַרף נישט אַקערן און זייען. איצט זאָגן זיי שוין, אַז לאַנדער האָט געהאַט מזל, ער האָט געזייט מאַיס!

בעטי האָט אַריינגעבראַכט דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ.

— נו, האָט ליפסקער געזאָגט: — צייט אַהיימצופאָרן! יאָ, איר האָט דאָך, סעניאָריטאַ, געוואָלט גיין שפּאַצירן, צי וואָלט איר נישט אָנגע־זאָטלט אַ פערד און מיט מיר אַרויסגעריטן?

— צו מיינע שונאימס קעפּ! בעטילע וועט רייטן! דערוואַקסענע מיידלעך רייטן נישט אויף פערד ביי אונדז, דאָס טוט נאָר יענע — האָט זי געוויזן מיטן קאָפּ אין מאַריאַנעס זייט — זי, די דייטשקע האָט איינ־געפירט שיינע מאָדעס ביי אונדז!

— נו, אויב אַזוי, צו גיין שפּאַצירן, מיין איך, איז שוין אַ ביסל צו שפּעט.

ליפסקער האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעריטן.

*

ס'איז געקומען דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג. אַ פאָר שעה נאָך פאַר דער פאָרשטעלונג זענען אָנגעקומען די אַקטיאָרן, ס'הייסט די קאָ־מיסיע־מיטגלידער.

— אַ, — האָט אויסגערופן ליפסקער אַן איבערראַשטער: — זע נאָר, ווי איר האָט זיך אויסגעפּוצט, איך האָב אייך דאָך גאָרנישט דערקאַנט!

— וואָס דען? — נעמט זיך בעת מעשה משה אַראָפּ אַ שטויבעלע פון זיין שוואַרצן, שוין פאַרפעצטן און אָפּגעריבענעם אַנצוג — געמיינט אַז מיר פאַרמאָגן שוין נישט אַ מלבוש אָנצוטאָן? דער טאַטע האָט מיר געמאַכט דעם אַנצוג צו דער חתונה, האָב איך אים נאָך! — וואָס דען מיינט איר? פון די איק"א־פעלדער וועלן מיר האָבן אויף צו מאַכן זיך מלבושים?

פאַר דער טיר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן ברייטן טיש. דאָ וועט זיין דער בופעט, צו וועלכן קאָלאָניסטקעס האָבן געבראַכט צו טראָגן געבעקס און געבראָטענע הינער. יעדע האָט עס צוגעטראָגן מיט אַזוי פיל אָפּגעהיטנקייט און איבערגעבנקייט, אַז ליפּסקערן האָט עס גערירט. יידן פאַרהאָרעוועטע, וואָס לעבן אַליין אין דחקות, זאָרגן אַזוי פאַר דער שול, ווילן אַז קינדער זאָלן לערנען. פאַרן אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג איז דער זאַל שוין געווען פול. די בינע איז געשטאַנען אַ פאַרטיקע, גרייט דעם פאָרהאַנג צו פאַרציען, נאָר די וועגטלעך האָבן זיך געשאָקלט און ליפּסקער האָט זיך געשראָקן, עס זאָל ווידער נישט איינפאַלן די בינע.

דער ערשטער נומער איז געווען אַ כאָר־געזאַנג, וואָס סטופּניצקי האָט איינגעשטודירט מיט אַ גרופּע מיידלעך. ער האָט דיריזשירט מיט אַ שטעקעלע און זיי האָבן געזונגען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דרך ארץ אַוועקצושטעלן זיך מיט דער פּלייצע צום פּובליקום? — מאַכט איינער צו דעם דיריזשירנדן סטופּניצקי.

— צו וואָס שטייט ער דאָרטן? מיר זאָלן זען זיינע גלאַנציקע, אויסגעריבענע הויזן? זאָל ער זיך, זייט מוחל, אַוועקרוקן, וועלן מיר קענען באַטראַכטן בעסער די מיידלעך!

סטופּניצקי האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָבער דער עולם האָט אָנגעהויבן צו פייפן און טופּען מיט די פיס.

— טוט זיי צוליב, סטופּניצקי, — האָט געזאָגט ליפּסקער, שטעלט אייך אין דער זייט.

סטופּניצקי האָט זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ:

— אָבער די גרעסטע אָרקעסטערס דיריזשירט מען דאָך אַזוי! — ער האָט אָבער געמוזט נאָכגעבן און זיך געשטעלט ביי דער זייט.

דערנאָך האָט באַדאַרפט זינגען בעטי. זי איז בלאַס געוואָרן.

— ליפּסקער! — האָט זי זיך געקלאַמערט אין זיין אָרעם — איך האָב מורא!

סטופּניצקי האָט זיך געבייזערט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קונצן, בעטי? שוין אַרויף אויף דער בינע! — און ער האָט זי געגעבן אַ שטופּ אַרויף.

זי איז געבליבן שטיין ביי דער וואַנט און זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט ביים טישל און מיט דער צווייטער זיך געכאַפּט ביים האַרצן. זי האָט געהאַט נאָר צום זינגען אַ קליין קורץ לידל „די זון פאַרגייט אין פלאַמען". זי האָט געזונגען נישט מיט איר קול, און ביי די לעצטע סטראָפן איז עס איר אין גאַנצן אויסגעגאַנגען. זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און מענטשן האָבן געשריען:

— אוי, גוואַלט! זי חלשט דאַרטן!

מען האָט געוואַלט אַרויפלויפן אויף דער בינע, נאָר סטופּניצקי האָט נישט געלאָזט:

— ס'איז גאָרנישט! — און ער האָט זי אַראָפּגעשטופּט פון דער בינע.

דער ספּאָרט־קלוב פון די דייטש־יידישע קאָלאָניסטן האָט אויסגעפירט פאַרשידענע גימנאַסטיק־נומערן. אָט שטעלט זיך איינער אַרויף אויף די אַקסלען פון צוויי יוגנטלעכע, עס קומען צו אַנדערע, עס וויקלען זיך אויס הענט און פיס, עס וואַקסט אויס אַ פּיראַמידע... דאָס האָט אָבער נישט אויסגענומען ביי די קאָלאָניסטן:

— זע נאָר זע, אַ בושה פאַר די מיידלעך, נאָר, במחילה, אין הייזלעך באַווייזט מען זיך פאַר מענטשן. כ'לעבן, פּע! — האָט געזאָגט מלכה און מיט דער דלאָניע זיך אָפּגעווישט די נאָז.

דערנאָך איז געקומען דאָס סאַמע וויכטיקסטע: די סצענקע: מען האָט נישט אַזוי הנאה געהאַט פון דעם שפּילן, ווי דאָס, וואָס מען האָט באַלד דערקענט די אַקטיאָרן. — זעט נאָר, זעט יאַנקלען מיט דער לאַנגער באָרד, און ווען ער טוט זיך אָן הונדערט בערד, דערקען איך דען נישט באַלד יאַנקלען?

און דעם ליבהאָבער שלמה יאַנקלען האָט מען אויך באַלד דערקענט. אָבער אַממייניסטן נחת האָט מען געהאַט פון יאַנקלס פרוי. זיך גאָרנישט געריכט, זי זאָל אַזוי גוט שפּילן. זי האָט פאַרלייגט די הענט פּאַדבאָקאָם און קאָמאַנדעוועט מיט יאַנקלען, ווי ביי זיך אין דער היים.

נאָר דאָס שענסטע איז געווען ווי שלמה יאַנקלען, דעם ליבהאָבער, האָט זי באַהאַלטן אונטערן טיש, ווען איר מאַן יאַנקל איז אָנגעקומען, זיצט זיך שלמה יאַנקל, דער פּרעזידענט פון דער קרוינשול, אונטערן טיש און לאָזט זיך קאָפּען פון יאַנקלען, יאַנקל מיינט, אַז עס איז דער הונט, גיט ער אים אַלע מאָל אַ קאָפּע און דער עולם קען עס נישט ליידן, פע, אַזוי צו באַהאַנדלען אַ פּרעזידענט! און אָנשטאָט צו לאַכן, האָט מען גאָר אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן. סטופּניצקי רייסט זיך אויס די לעצטע האָר פון קאָפּ, אַז זיי פאַרשטייען נישט קיין טעאַטער! דאָרט ווו מען דאַרף לאַכן, זיפצן זיי, דאָרט ווו מען דאַרף וויינען, לאַכן זיי! ס׳איז דען שלמה יאַנקל דער פּרעזידענט? ס׳איז אַן אַרטיסט, דער ליבהאָבער, נאָר גיי דערצייל זיי מעשיות, אַז זיי האָבן אים פאָרט דערקענט. סטופּניצקי האָט אים אַפילו פאַרשמירט דאָס פּנים מיט אַ בלוי־שוואַרצער פאַרב, און אים צוגעקלעבט לאַנגע, שפּיציקע וואָנסעס, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, מען האָט אים באַלד דערקענט אין דער איינגעהויקערטער פּלייצע און קרום־געבויגענעם קאָפּ. אויך די ראָלן פון די ייִנגערע שפּילער האָבן נישט אויסגענומען. סטופּניצקי האָט אויס מאַנגל אין מענער איבער־געטאָן סאָניען, בערקאָוויטשעס טאָכטער, פאַר אַ ייִנגל. האָט מען נישט געוווּסט, — איז זי אַ מיידל — צו וואָס טראָגט זי הויזן און אַ קראַוואַט? איז זי אַ ייִנגל — פאַר וואָס שטעקן איר אַרויס די האָר פונעם קאַשקעט? זאָל זי זיין וואָס זי וויל, ס׳איז פאָרט נאָר סאָניע בערקאָוויטש.

מען האָט געענדיקט שפּילן און ליפּסקער האָט פריי אָפּגעזיפצט — גאָט צו דאַנקען! אָבער ער האָט זיך צו פרי געפרייט.

— ליפּסקער! ליפּסקער! ווו איז ער ערגעץ דער לערער? זאָל ער אַרויפגיין אויף דער בינע און באַדאַנקען דעם פּובליקום און די שפּילער.

— איך קען נישט! — האָט זיך ליפּסקער געוועהרט. — איר זעט נישט? איך מוז צוהאַלטן די בינע, זי זאָל נישט איינפאַלן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ האַלטן די בינע, — האָט אויסגערופן סטופּניצקי, — גייט אַרויף און פאַרגעסט נישט אויך מיר צו באַדאַנקען, דעם רעזשיסער.

— האַלט זשע איר צו די ווענטלעך, וויל זיי שאָקלען זיך.

— גייט גייט, איך וועל שוין צוהאַלטן!

ליפּסקער איז אַרויפגעגאַנגען. ער האָט אַ בליק געגעבן איבער די קעפּ פון די מענטשן און זיך פאַרלעגן געבראָכן די הענט, — וואָס זאָל ער זיי זאָגן?

אַ ווייבל האַלט אין איין קנאַקן דיניע־קערעלעך, זי זאָגט צו איר שכנה: — „אַ גאַנץ שיינער בחור אונדזער לערער, לאָמיר אים אַפּלאָ־דירן”. — ס׳איז געוואָרן אַ פּאַטשעריי. סטופּניצקי זעט, אַז מען אַפּלאָ־דירט גאָר ליפּסקערן און נישט אים, לאָזט ער איבער די ברעטלעך און שפּאַנט אַרויף אויף דער בינע. ער פאַרנייגט זיך מיט צעשפּרייטע הענט טיף, טיף, ביז צו דער ערד. דער עולם לאַכט... און אָט האָט זיך עפּעס צעוויגט, סטופּניצקי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן ליפּסקערן, און ביידע זענען אַריינגעפאַלן, ווי אין אַ גרוב. ס׳איז געשען דאָס, פאַר וואָס ליפּסקער האָט זיך געשראָקן דעם גאַנצן אָוונט, די בינע האָט זיך איינגעבראָכן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל, די מענטשן זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, מ׳האָט זיך נישט געכאַפּט צו ערשט, וואָס עס איז געשען. גאָט צו דאַנקען, מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

*

ליפּסקער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן מאַריאַנען, און ווען ער האָט געזען דעם אַדמיניסטראַטאָר און אַנדערע יונגע־לייט רייטן אין אַ זונטיק אין דער פרי אויף דעם וועג צו איר, האָט ער אויך אָנגעזאָטלט זיין פערד און איז צו איר אַוועקגעריטן.

געטראָפן האָט ער זי אין איר געבלימטן „דירנדל־קליידל” מיט דער ברייטער, ווייסער אויסגעשטריקטער בלוזע און סאַמעטענעם, שוואַרצן, געפּאַסטן קאָרסעט. זי האָט אַרומגעשמאַיעט אַרום עטלעכע מענער, וועלכע זענען געזעסן ביים טיש און געשפּילט אין קאָרטן. זי האָט פאַרנומען די ראָל

פון דער באַלעבאָסטע און יעדן אָנגעגאָסן אַ פריש גלעזל, אויב יענער האָט עס שוין געהאַט אויסגעליידיקט.

אויף ליפסקערן האָט זי געוואָרפן אַ זייטיקן בליק און זיך פון אים אָפּגעווענדט. זי איז צוגעגאַנגען צום אַדמיניסטראַטאָר, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל און זיך צו אים אָנגערופן מיט אַן אויסגעצויגענעם דייטשן אַקצענט:

— אַך, מיין ליבער! האָסט דאָך נאָך שטיין דיין פאָלעס גלאָז!

ער האָט מיט אַ שמייכל אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אין איר וואַרעמער האַנט און געגעבן אַ וואָרף אַ קאָרט אויפן טיש, די שפּיל טאָר מען נישט איבעררייסן.

זי האָט גענומען זיין גלאָז און עס אים צוגעטראָגן צו די ליפּן. ער האָט איינגעשלאָסן איר האַנט צוזאַמען מיטן גלאָז אין זיין האַנט און קוקנדיק איר אין די אויגן געטרונקען. זי האָט געשמייכלט.

אין ליפסקערן האָט עס אויפגעקאָכט! צי טוט זי עס אויס געוווינהייט, אָדער וויל זי אים אויפרעגן, מאַכן אייפערזיכטיק?

— מאַריאַנע, — האָט ער זיך אָנגערופן, — אייער ראָל וואָלט זיך בעסער געפּאַסט אין אַ קאַבאַרעט, איידער אויף די איק״אַ־פעלדער!

— און אייער מוסר זאָגן וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אייערע תלמידים, און נישט פאַר מיר!

— קריגט זיך נישט, ווייל מען וועט זאָגן אַז איר ליבט אייך — האָט געזאָגט דער אַדמיניסטראַטאָר, טאַשנדיק די קאָרטן.

— קומט בעסער אַהער, ליפסקער, ס׳פעלט אונדז טאַקע אויס אַ האַנט.

— איך שפּיל נישט אין קאָרטן!

— נאַ, נעם אַ ציגאַר! — האָט יוסטמאַן אים געקוקט, פאַרשנדיק, אין די אויגן און אים צוגעשאַרט זיין ציגאַרעטן־פּושקע.

— אַ דאַנק! — האָט ליפסקער זי צוריקגערוקט, — איך רויכער נישט!

— אָט דער מענטש איז אַרויס פון אַ מאָנאַסטיר — האָט זיך אָנגערופן מאַריאַנע, — ער טרינקט נישט, רויכערט נישט און שפּילט נישט אין קאָרטן!

זי האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר פון יוסטמאַנס שאַכטל און אים פאַר־רויכערט אין זיינעם.

— מאַריאַנע! — האָט זי ליפּסקער אָנגעכאַפּט נערוועז ביים אָרעם, אַזש זי האָט זיך פאַרקרימט פאַר ווייטיק, — איך מוז מיט דיר רעדן, — האָט ער איר אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער. — הערסט? מאָרגן זאָלסטו זיין זעקס אַ זייגער נאָך מיטאָג ביים צוים פון דיין טשאַקרע, נעבן בוים, הערסט?

זי האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט, געוואָלט צו ערשט אָפּזאָגן, נאָר דערנאָך אַ שמייכל געטאָן, און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ...

ליפּסקער האָט שווער אָפּגעאָטעמט. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיט איין בליק דעם גאַנצן טיש און גענומען זיין הוט:

— נו, האָט מיר אַ גוטן טאָג!

— ליפּסקער, איר אַנטלויפט שוין?

— אָ, איך וויל נישט וואַרטן, ביז פּאַנטשאָ וועט מיך אַרויסוואַרפן.

מאַריאַנע איז צו אים צו:

— איר ווילט נישט הערן אַ ביסל מוזיק?

— ניין!

— אויך נישט טאַנצן אַ טאַנגאָ? — האָט זי אים פון דער זייט אָנגעקוקט.

— נ...ניין, אויך נישט טאַנצן אַ טאַנגאָ!

ער האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט די אויגן, און זי האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, דאָס הייסט, זי וועט מאָרגן קומען...

ער איז שנעל אַרויס.

*

ער האָט זיך קוים דערוואַרט. שוין פאַר זעקס איז ער געווען ביים בוים, לעבן פלויט. זי איז נישט געקומען. אומגעדולדיק האָט ער זיך געדרייט אַרום צוים. נאָר אָט זעט ער פּאַנטשאָן. דער גאַוטשאָ האָט זיך גענומען אַרבעטן ביי די דראָטן.

— בוענאָס טאַרדעס, סעניאָר! — האָט ער באַגריסט ליפּסקערן — מיין סעניאָראַ האָט מיר געהייסן מאַרריכטן דעם צוים, די בהמות זאָלן נישט אַריבערקריכן אין אייער טשאַקרע.

צי רייצט זי זיך מיט אים?

— איך ווייס נישט צו וואָס אייער סעניאָראַ האָט אייך באַמיט? איך האָב נישט לאַנג פאַרצויגן שטאַרקער די דראָטן אַרום מיין פעלד.

— קאַפּריטשאָ דיע מוכער! (אַ קאַפּריז פון דער פרוי) נאַ, נעמט דאָס פּעקעלע ציגאַרעטן, זי האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל אייך זען, זאָל איך אייך געבן די ציגאַרעטן.

ליפסקער האָט גענומען דעם „געשאַנק״ און פאַררויכערט. דאָס רייכערן האָט אים אַ ביסל באַרויקט.

— איז, ווי אַזוי זשע קומט איר אויס מיט אייערע באַלעבאַטים?

— מואי ביען! (זייער גוט) אַז דער סעניאָר איז אַוועק, האָט ער מיר איבערגעגעבן צו היטן זיין טשאַקרע...

— און אויך זיין פרוי?

— דער טייוול ווייסט עס! איר קענט איינהאַלטן דעם ווינט? אַזוי וועט איר איינהאַלטן אַ פרוי!

— זי איז זייער אַ סימפּאַטישע פרוי.

— ווען זי וואָלט געווען ווייניקער סימפּאַטיש, וואָלט בעסער געווען.

— איר זענט גערעכט.

און אָט איז זי אָנגעקומען. לייכט און שפּילעוודיק איז זי געשפּרונגען איבער די גרודעס פונעם פעלד, די האָר צעלאָזט אויפן ווינט, אויפן פּנים אַ פריילעכער שמייכל.

— איז, ווי אַזוי גייט די אַרבעט, מיין גאַוטשאָ?

— מואי ביען, סעניאָראַ! — ער האָט פאַרדרייט דעם אַפּאַראַט אויף איינצוציען די דראָטן: — אַן אומזיסטע אַרבעט, די דראָטן זענען געשפּאַנט.

— נאַ, עס מאַכט נישט אויס, קענסט זיי נאָך אַ מאָל איבערקוקן.

— אַ, סעניאָר ליפסקער! וואָס פאַר אַ צופאַל! ווי גייט עס אייך?

ער האָט קראַמפּהאַפּט געגעבן אַ דריק איר אויסגעשטרעקט הענטל, זי האָט עס שטרענג צוריקגעצויגן און אַרויסרופעריש אַ בליק געטאָן אויף אים.

— מען קען וויסן, נאָך וואָס איר האָט מיך אַהער באַשטעלט?

— מאַריאַנע! — ער האָט איר געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן, אָבער באַ־

טראַכטנדיק זי מיטן גאוטשאָ אין דער זייט, האָט ער נישט געפונען קיין ווערטער: — איר האָט זיך געבראַכט אַ היטער, אַ וועכטער צו באַשיצן אייך? איר האָט פאַר מיר מורא?

זי איז בייז געוואָרן:

— ווער האָט פאַר אייך מורא? פאַנטשאָ, אַז איר געפינט דעם דראָט אָנגעצויגן, קענט איר אים איבערלאָזן.

פאַנטשאָ האָט זיי ביידע אָפּגעמאָסטן: — מיר וועלן זען. דאַכט זיך, אַז דאָ איז דער דראָט לויז.

לאַנגזאַם איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט. אַ שלווהדיקע בלויע רויקייט האָט זיך געלייגט אויף די פעלדער.

— אַ שיינער פאַרנאַכט, — האָט געזאָגט מאַריאַנע, קוקנדיק פאַרקלערט אין די ווייטקייטן.

— יאָ, האָט באַשטעטיקט ליפסקער. — אין אַזוינע פאַרנאַכטן פילט זיך דער מענטש גאַנץ אַנדערש, דערהויבענער און איינזאַמער.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין שפּאַצירן אויף דער שמאָלער, נישט געאַקערטער סטעזשקע צווישן ביידע טשאַקרעס.

— מאַריאַנע, דערציילט מיר עפּעס פון זיך — האָט ליפסקער איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— צי זענט איר שוין לאַנג אין לאַנד, צי האָט איר דאָ געהייראַט אָדער נאָך אין דער אַלטער היים?

— איך בין דאָ אין לאַנד פיר יאָר און האָב נאָך אין דער היים חתונה געהאַט — האָט זי אים קורץ געענטפערט. מ׳האָט געפילט איר טיפע אַריינגעטועכקייט אין זיך.

— מאַריאַנע, צי וואָלטן מיר נישט געקאָנט ווערן גוטע פריינט?

— אַ פריינט זוך איך שוין לאַנג, אָבער איז מעגלעך אַ פריינטשאַפט צווישן אַ מאַן און אַ פרוי?

— איך קלער, אַז יאָ, מאַריאַנע, ווייל מען קען נישט זיין אַ פריינד, אויב מען ליבט נישט. פריינדשאַפט באַזירט זיך אויף ליבשאַפט, געטריישאַפט, איבערגעבנקייט, און אויב מען פילט עס נישט צום צווייטן, קען מען דאָך אים נישט זיין קיין פריינד.

— איר זענט גערעכט. איך האָב נאָר געקלערט, אַז מענער זוכן אין דער פרוי נאָר די פרוי, איר געמיט און נשמה אינטערעסירט זיי נישט.

— איר מוזט געדענקען, מאַריאַנע, אַז צוויי געשלעכטער ציען זיך צו. דער מענטש דאַרף זיך אָבער שטעלן אויף אַ העכערער מדרגה. מער ווי ליבן, דאַרף ער שעצן זיין פריינד.

זי האָט אים געגעבן די האַנט: — איך נעם אָן אייער פריינד־שאַפט!

דערנאָך האָט זי זיך אַנגעבויגן, אָפּגעריסן אַ בלוי בלימל און עס אים אַריינגעשטעקט אינעם לאַץ פון רעקל: — אַלס צייכן פון אונדזער פריינד־שאַפט.

אַ ווײַלע זענען זיי שווייגנדיק ווייטער געגאַנגען.

— איך האָב אַ מאָל געהאַט אַ יוגנט־פריינד, איר דערמאָנט מיך שטאַרק אין אים. ער האָט אויך געהאַט, ווי איר, דאָס נישט זיכערקייט אין זיך, דאָס שטענדיק ווערלן עפּעס אַנדערש, שטענדיק געווען אומרויק, זענען מיר גע־גאַנגען שפּאַצירן צום טייך, האָט ער געוואָלט זיין אויף די בערג, זענען מיר געווען אויף אַ באַרג, האָט ער געוואָלט זיין צווישן מענטשן אין אַ רוישיקער שטאָט.

— איר זענט געווען אין אים פאַרליבט?

— אפשר יאָ... אָבער מיידלעך גייען מיט יינגלעך אויף צו געפינען אַ חתן, און יינגלעך גייען מיט מיידלעך אויף צו פאַרברענגען. און איך בין נישט געווען זיכער מיט מיין חבר. האָב איך מיר געזוכט אַ רעזערוו — זי האָט רעזיגנירט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט — און מיטן „רעזערוו" האָב איך חתונה געהאַט... מיין חבר האָט זיך געכאַפּט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. מען האָט שוין געהאַט באַשטימט דעם טאָג פון אונדזער חתונה. איך האָב נישט געוואָלט גיין אויף צוריק. און ווער ווייס, צי מיין חבר וואָלט נישט געווען חרטה געקראָגן?

— און איר זענט דערנאָך געווען גליקלעך מיט אייער מאַן?

— יאָ, איין טאָג, ווען מיין חבר איז אַרויסגעקומען צו אונדז אויף דאַטשע, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אונדזער האָניק־חודש, און מיר זענען אַרויסגעפאָרן זאַלבע־דריט מיט אַ לאָדקע זיך שיפן.

— און? — האָט ליפסקער געוואָלט עפּעס פרעגן, אָבער אָפּגעהאַקט.

— און דערנאָך בין איך געווען אייפערזיכטיק.

— אויף וועמען? אויף אייער מאַן?

— ניין! — האָט זי אומגעדולדיק זיך אַ צאַפּל געטאָן — איך בין געווען אייפערזיכטיק אויף מיין חבר. אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט און טאַקע מיט מיינער אַ פריינדין. זי האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז איר מאַן האָט זי שטערבלעך ליב. ער קושט זי אויס פון די שפּיץ פינגער, ביז צום שפּיץ קאָפּ. איר הערט, ליפסקער? מיין מאַן טוט עס קיין מאָל נישט, און וואָלט ער עס געוואָלט טאָן, וואָלט איך אים אָפּגע־שטויסן! איר מוזט מיך פאַרשטיין, ליפסקער, עס האָט מיך נישט געאַרט, וואָס ער האָט חתונה געהאַט, נאָר דאָס, וואָס זיי ליבן זיך... אירע הענט האָבן זיך געביילט אין פויסטן, אירע אויגן פאַרשפּיצט, און זי האָט גערעדט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, געסיקעט ווי אַ שלאַנג:

— זייט דעמאָלט האָב איך פיינט די גליקלעכע, צופרידענע מענער, וועלכע ליבן זייערע פרויען. איך זוך זיי אָפּצולענקען, זיי זאָלן קלערן און בענקען נאָך מיר, ווען זיי נעמען אַרום זייערע פרויען, זייער גענוס זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין פּיין, אַזוי ווי איך פייניק זיך!

— איך פאַרשטיי דיך נישט, מאַריאַנע.

— עס איז שווער צו פאַרשטיין, אָבער אַזוי איז עס!

— דו האָסט נישט ליב דיין מאַן?

— מען קען נישט זאָגן, אַז איך האָב אים נישט ליב. איך זאָרג פאַר אים, איך בין אים געטריי, איך פאַרראַט אים נישט. גלויבט מיר!

ער האָט איר געגעבן אַ דריק די האַנט:

— איך ווייס עס, מאַריאַנע!

זי האָט פאַרגעזעצט:

— אפשר האָב איך יאָ ליב מיין מאַן, אָבער איך קען נישט, איך קען אים נישט זיין אַ ווייב!

— צי וואָלסטו צו אַן אַנדערן מאַן אויך אַזוי געווען?

— איך ווייס עס נישט! מענער זענען זייער ברוטאַל, זיי קענען נאָר זיך און זייערע ליידנשאַפטן. אַפילו אויף אַן אייגן ווייב דאַרף מען זיך נישט

זביטקעווען! ליפסקער! — האָט זי זיך פּלוצעם אַ פּעטשל געטאָן איבער די ליפּן: זי איז רויט געוואָרן ווי אַ מאַנבלום:

— וואָס רעד איך דאָ פּאַר אַ נאַרישקייטן! גלייבט מיר נישט קיין וואָרט!

זיי זענען צוריק אַרויסגעקומען נעבן פאַנטשאָן.

— סעניאָראַ, — האָט ער פאַרזיכטיק געזאָגט: — צי מיינט איר נישט, אַז עס איז שוין צייט צו לאָזן די קעלבלעך?

— קלאַראָ קע סי! (אוודאי אַז יאָ) — האָט זי באַשטעטיקט: — מיר גייען שוין אַהיים! — זי האָט ליפּסקערן געגעבן די האַנט. קענטיק — חרטה געהאַט אויף דעם געזאָגטן:

— פאַרגעסט, ליפּסקער, וואָס איך האָב אייך דערציילט!

— זייט רויק, מיין פריינדין. ווען טרעפן מיר זיך, מאָרגן?

— שוין מאָרגן? מיר וועלן גיין אַ מאָל כאַפּן פיש.

— איז אפשר איבערמאָרגן, זונטיק?

— זונטיק נישט.

— פאַר וואָס? ווייל איר דַערוואַרט געסט? — איז ער בייז געוואָרן.

— ליפּסקער! איר ווערט איפּערזיכטיק?

— ניין... ווען גייען מיר פאַנגען פיש?

— מאָנטיק. מאָנטיק אַרום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט וואַרט דאָ אויף מיר!

*

מאָנטיק פאַרנאַכט האָט ער זי אָפּגעוואַרט ביים בוים. זי איז אָנגעקומען אַ הייטערע מיט איר לייכטן גאַנג. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ רויט געבלימט טיכל, פון פאָרנט האָבן אַרויסגעקוואָלן די שוואַרצע האָר. אויפן געפּאַסטן זומער־קליידל האָט זי געהאַט פאַרוואָרפן אַ סוועטער און אין דער האַנט אַ ווענטקע.

זי האָט אים מיט אַ שמייכל באַגריסט.

— אָבער ווו האָט איר דאָ אַ טייך? — האָט ער זי געפרעגט.

— קומט. איך וועל אייך שוין פירן. הינטער בערקאָוויטשס טשאַקרע איז דאָ אַ טייכל.

זי איז געגאַנגען פאָרויס אויף דער שמאָלער סטעזשקע, צווישן די קוסטעס, און ער איז איר נאָכגעגאַנגען. די לופט איז דאָ געווען פייכטלעך און דער באָדן ווייך, זומפיק. באַלד זענען זיי אָנגעקומען צום טייכל, וואָס איז געפלאָסן שמאָל און רויק צווישן צוויי הויכע ברעגן.

— און אין אָט דעם וואַסערל קלערסטו וועט זיין פיש?

— פאַנטשאָ ברענגט מיר פון דאַנען יעדן זונטיק פיש. ער קריכט אַריין אין דעם וואַסער און געפינט זיי. ער ווייס שוין זייערע נעסטן, ווו זיי פאַר־קריכן אין די זומפן, צו לייגן אייער.

— דו וועסט דאָך נישט פאַרלאַנגען פון מיר, איך זאָל אַריינקריכן אין וואַסער?

— אָך ניין, קומט, — זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם — מיר וועלן אַראָפּגיין און פאַרוואַרפן די ווענטקע.

מאַריאַנע האָט צוגעטשעפּעט אַ ווערעמל צום האָקן און ליפּסקער האָט פאַרוואָרפן די ווענטקע. אויפן שטילן וואַסער איז געוואָרן אַ גרויסער ראָד, וועלכער איז אַלץ קלענער געוואָרן, ביז ער איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, און דער טייך איז צוריק שטיל געוואָרן. ליפּסקער האָט רויק געוואַרט, ביז אַ פישל וועט אָנפּיקן. מאַריאַנע האָט פאַרלוירן דאָס געדולד, זי איז אויפגעשפּרונגען, געוואָלט אָנרייסן בלומען, וואָס זענען דאָ געוואַקסן אין פאַרשידענע קאָלירן — ווייסע, געלע און בלויע.

— שטילער! — האָט ליפּסקער געוואָרנט — וועסט פאַרטרייבן די פיש!

— ווען עס וועט אויפכאַפּן אַ פיש, וועסטו מיך רופן! — האָט זי געזאָגט, זוכנדיק ווייטער די בלומען.

ליפּסקער האָט ווידער אַ מאָל דערפילט אַ צי אינעם שטריקל און שנעל אַרויסגעשלעפּט: עס איז געווען אַ קליין פישעלע, גרויס ווי אַ פינגער, אָבער די פרייד ביי זייביידן איז געווען גרויס.

— בוענאָס טאַרדעס! — האָבן זיי פּלוצעם דערהערט פון יענער זייט ברעג טייך.

— בוענאָס! — סעניאָר בערקאָוויטש! איר וועט אונדז דערלויבן צו כאַפּן פיש אין אייער טייך? — האָט ליפּסקער געפרעגט.

— כאַפּט, כאַפּט, ווער פאַרוועֶרט אייך דען? — האָט ער געענטפערט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך.

ליפּסקערן האָט פאַרווונדערט דער קאַלטער ענטפער און מאַריאַנע האָט זיך שפּאָטיש צעלאַכט.

*

אַ פּאָר וואָכן זענען אַוועק. עס איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט רעגנס און קעלטן. קיין שום שלעכט וועטער האָט נישט אָפּגעהאַלטן די קינדער פון קומען אין שול. אין קאַלטע פרימאָרגנס, ווען דער טוי ליגט נאָך אַ פאַרפרוירענער אויף די פעלדער, קומען זיי צו רייטן.

— ס'איז דיר נישט קאַלט, איידעלע? — פרעגט ליפּסקער אַ זיבן־יאָריק מיידעלע. אירע נאַקעטע פיסעלעך דערגרייכן אַפילו נישט די זייטן פונעם פערד.

— ניין, לערער, — קוקט זי פאַרלעגן און גיט זיך אַ וויש מיטן אַרבל אונטערן נעזל. און אָט קומען צו רייטן משהס דריי בנים. אַלע דריי זיצן אויף אַ גרויסן, ווייסן פערד.

— זיך ווידער אַרומגעקריגט? — האָט ליפּסקער דערקענט אין זייערע אויפגערעגטע פּנימער.

— אַז איך דאַרף שטענדיק זיצן פון הינטן! — האָט זיך באַקלאָגט דער קלענסטער. — היינט האָבן זיי מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל טרייבן דאָס פערד און צו לעצט מיך נישט געלאָזט!

— מען קען אים נישט געבן די לייצעס, ער טרייבט צו שנעל, — האָט געזאָגט דער עלטסטער, דער ניין־יאָריקער ברודער.

אין מיטן לערנען האָט זיך פּלוצעם אַריינגעריסן אין קלאַס יאַנקל דער קאָמיסיע־מיטגליד, מיט אַ צייטונג אין דער האַנט:

— לערער! איר האָט געלייענט דאָס נעכטיקע בלאַט?

— יאָ, וואָס איז?

— איר האָט געלייענט די נייעס?

— יאָ, די רוסן שלאָגן זיך העלדיש!

— נישט דאָס מיין איך, האָט איר געלייענט דעם אַרטיקל?

— דעם אַרטיקל? יאָ, איך האָב געלייענט די קאָמענטאַרן און אויך דעם לייט־אַרטיקל.

יאַנקל האָט אומגעדולדיק געענטפערט:

— לאָזט אייך אָפּ מיט דער פּאָליטיק! אָט אָ דאָס האָט איר געלייענט? ער האָט אים אונטערגעטראָגן אונטער דער נאָז די צייטונג און ליפּסקער האָט געלייענט אין אַ קליינער נאָטיץ:

„...די קאָלאָניע סטרע... וואָס טיילט זיך אין דריי גרופּן און באַשטייט פון איינגעוואַנדערטע פּליטים פון דייטשלאַנד, קאָלאָניסטישע זין און אַנדערע, האָט אין איר קורצער עקזיסטענץ צו פאַרצייכענען אַ גרויסן פּראָגרעס. די דייטשע יידן מיט זייער איינגעבוירענער אָרדענונג און סיסטעמאַטישקייט, האָבן דערצו אַ סך בייגעטראָגן. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ מילךפאַבריק, ווו די קאָלאָניסטן האָבן ווו אָפּצוזעצן דאָס מילך. צום פּראָגרעס טראָגט אויך אַ סך ביי דער קאָאָפּעראַטיוו, אין וועלכן דער קאָלאָניסט געפינט די אַלע אַרטיקלען, אין וועלכע ער נייטיקט זיך, צו ביליקע פּרייזן און ער קען אויך דאָ איבערגעבן זיינע פּראָדוקטן, ווי אייער, הינער א.א.וו. דער קאָאָפּעראַטיוו, אונטער דער לייטונג פון הער וועקסלער און יוסטמאַן (פּרעזידענט און סעקרעטאַר רעספּעקטיוו), וועלכער האָט געציילט ביי זיין גרינדונג נאָר עטלעכע צענדליק מיטגלידער און איז געווען אַ קליין קלייטל, איז אַצינד אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, וועלכע באַדינט דעם קאָלאָניסט אין אַלע הינזיכטן. ער קען דאָ באַקומען לאַנגטערמיניקע קרעדיטן. צוזאַמענאַרבעטנדיק מיט דער מילך־פאַבריק און מיט דער איק"אַ־אַדמיניסטראַציע, באַקומט דער קאָלאָניסט קרעדיט אויף מעל און פּראָדוקטן, וועלכע ער קען דעקן ערשט נאָכן שניט. עס וואָלט באמת געווען צו פאַרצייכענען אַ שפּרודלדיק לעבן, אין דער בערך נאָך יונגער קאָלאָניע, ווען עס וואָלטן זיך נישט געפונען אַ פּאָר אומפאַראַנטוואָרטלעכע קאָלאָניסטן, וועלכע טראָגן זייערע פּראָדוקטן פאַרקויפן אין אַנדערע געשעפטן און קומען באָרגן אַ זעקל מעל אין קאָאָפּעראַטיוו. און ווייל דער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיי אָפּגעזאָגט, בונטעווען זיי קעגן דעם קאָאָפּעראַטיוו, בתוך אויך קעגן דעם אַדמיניסטראַטאָר, וועלכער איז אַ ליבנסווירדיקער מענטש און איז פאַראינטערעסירט אין דעם וווילזיין פון זיין קאָלאָניע..."

ליפּסקער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צייטונג:

— נו, גאַנץ גוט באַשריבן.

— וואָס גוט? מען האָט אונדז נישט געוואָלט באַרגן קיין זעקל מעל, דורך דעם זענען מיר געוואָרן קעגנער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו? מיר זענען קעגנער, ווייל מיר ווילן אַן אַנדער פאַרוואַלטונג!

ליפּסקער איז אומגעדולדיק געוואָרן:

— מאַכט אייך אַן אַנדער פאַרוואַלטונג, ווער פאַרווערט אייך?

יאַנקל איז אים געשפּרונגען אין די אויגן און געטייטלט מיטן פינגער אים אין דער נאָז:

— ליפּסקער! איר ווייסט אַ סך און מאַכט אייך נישט וויסנדיק! זאָגט מיר, ווער האָט געשריבן דעם אַרטיקל?

— איר זעט דאָך, ווער עס שטייט אונטערגעשריבן. עס איז דער שרייבער, וועלכער איז געווען ביי אונדז אין קאָלאָניע מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק.

— יאָ, אָבער עמעצער האָט אים באַדאַרפט געבן די נאָטיצן.

— אָ, דאָס ווייס איך נישט!

— מיר וועלן שוין געוואָר ווערן!

ער איז אַרויסגעלאָפן אַן אַ זייגעזונט, פאָכנדיק מיט דער צייטונג, ווי מיט אַ פאָן.

דער באַזוך האָט צעשטערט ליפּסקערס שטימונג. אַפילו מאַריאַנע, מיט וועלכער ער האָט פאַרבראַכט פאַרנאַכט, האָט אים נישט צוריקגעבראַכט זיין פריערדיקע רויקייט. ער האָט מיט מאַריאַנען אָפּגעשטימט אַרויסצורייטן. איצט, רייטנדיק ביי זיין זייט, האָט זי באַמערקט זיין נערוועזקייט. זי האָט איינגעהאַלטן איר פערד און אים אויך געצוווּנגען צו פאַרלאַנגזאַמערן, זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פערדס האַלדז און אים אַריינגעקוקט אין פּנים:

— וואָס איז אייך, ליפּסקער?

— אַך, גאָרנישט, נישט ווערט צו רעדן וועגן דעם.

— דערציילט מיר, וועלן מיר זען, צי ס׳איז ווערט צו רעדן אָדער נישט.

ער האָט איר דערציילט פון דעם צייטונגס־אַרטיקל. זי האָט געשמייכלט פאַר זיך:

— איר האָט מורא פאַר די קאָלאָניסטן ?

— מורא ? ניין !

— און עס אַרט אייך נישט, וואָס זיי רעדן ?

— זיכער נישט !

— נו, איז נישט כדאי זיך צו פאַראומערן אין אָט דעם שיינעם פאַר־נאַכט !

זי האָט געגעבן אַ טרייב דאָס פערד און אַוועקגעגאַלאָפּירט, און ער האָט איר נאָכגעיאָגט.

אויף דער נאַכט איז ער געזעסן ביים שפּאַנישן לערער אויף דער טעראַסע. שולקין האָט זיך, ווי זיין טבע איז, מיט צוויי פינגער געווישט די קורץ געשוירענע וואָנסעלעך און געשמייכלט.

— איך זאָג אייך, אַז נישט איך האָב געגעבן דעם שרייבער די אינ־פאָרמאַציע — האָט זיך נאָך אַ מאָל ליפּסקער פאַרענטפערט.

— עס קומט אויס אויף דעם זעלבן, צי איר האָט יאָ געגעבן די נאָטיצן אָדער נישט, געננוג, אַז מען האָט אים געזען צוויי מאָל ביי אייך.

— אָבער ווי קומט דאָס צו דעם און ווער האָט עס געקאָנט אַרויסלאָזן דעם קלאַנג ?

— מעגלעך, אַז די זעלבע, וואָס האָבן געגעבן דעם שרייבער די נאָטיצן.

ליפּסקער האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין : — איך לאָז מיך פון זיי אויס !

שולקין האָט אים אַרויסבאַגלייט : — לעת־עתה זענט איר פון זיי אָפּ־העגניק.

— איך בין אָפּהענגיק פון מיין אַרבעט ! — האָט ער אים שטאָלץ גע־ענטפערט.

אין קאָלאָניע האָט זיך געררעשט. ווידער איז געקומען דער איק״אַ־דירעקטאָר און מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען און פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, געשפּאַנט איבערן צימער. געקומען איז ער צוליב די אומצאָליקע בריוו, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן געשריבן אין דער הויפּט־ביוראָ קיין בוענאָס־איירעס, געחתמעט פון צענדליקער קאָלאָניסטן. די בריוו־שרייבער האָבן אָנגעקלאָגט די לייטונג פון קאָאָפּעראַטיוו אין דיסקרימינאַציע און

אויך אַריינגעמישט דעם אַדמיניסטראַטאָר, אַלע בריוו האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער ווענדונג, מען זאָל בייטן דעם אַדמיניסטראַטאָר און ווילן אַ נייע פאַרוואַלטונג.

ליפסקער האָט געטראָפן דאָס שטעטל פול מיט מענטשן, ווי אין דער היים אין אַ יאַריד־טאָג. קאָלאָניסטן זענען אַרומגעלאָפן פאַרשמייעטע, פאַר דער אַדמיניסטראַציע זענען געשטאַנען אין רייען קאָלאָניסטן. אויך ליפסקער איז געשטאַנען פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו צוזאַמען מיט עטלעכע קאָלאָניסטן. עס איז צו אים צוגעקומען מאַריאַנע.

— ליפסקער! — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד — דער דירעקטאָר האָט מיר באַשטעטיקט נאָך צוואַנציק העקטאַר באָדן! — אירע אויגן האָבן דערביי געלויכטן און די באַקן געפלאַמט. — וואַרט, האָט זי ווייטער געזאָגט, — איך גיי נאָר אַריין עפּעס איינקויפן, איך קום באַלד אַרויס!

זי איז אַריינגעגאַנגען, און יאַנקל, וועלכער האָט געהערט אירע רייד, האָט געגעבן אַ ווינק אין איר זייט:

— אָט אַזעלכע פועלן עס אויס ביי זיי!

— וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט ליפסקער געפרעגט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן.

יאַנקל האָט נישט באַמערקט זיין כעס און פאַרגעזעצט.

— איך בין אַ מבין אויף פרויען, איך ווייס, ווען ביי זיי פלאַמען די באַקן... דער אַדמיניסטראַטאָר, ווי ער האָט זי נאָר דערזען, האָט ער זי באַלד אַרויסגערופן פון דער ריי און זי אַריינגעלאָזט צום דירעקטאָר!

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָבן זיך צעלאַכט די קאָלאָניסטן. ליפסקער איז רויט געוואָרן, זיך דורכגעריסן צווישן די אַרומשטייענדיקע צו יאַנקלען, און אים אַראָפּגעלאָזט אַ הילכיקן פּאַטש!

די קאָלאָניסטן זענען געבליבן דערשטוינט. יאַנקל האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער באַק. אַ רגע האָט ליפסקער חרטה געקראָגן — איז דאָך געווען יאַנקל דער, וועלכער האָט אים אָפּגעוואָרט ביי דער באַן!

— ביסט משוגע געוואָרן, ליפסקער, נעמסט דיך אָן פאַר אַ... — האָט יאַנקל זי אָנגערופן מיט אַ מיאוסן נאָמען — וואַרט, איך וועל דיר ווייזן אַ שלאָגן! — האָט ער אים געגעבן מיט דער פויסט אַ שטויס אין דער

ברוסט. ליפסקער איז נישט אָפּגעטרעטן, גרייט מיט אים זיך צו פּאַרמעסטן. די קאָלאָניסטן האָבן זיך אַריינגעמישט און זיי צענומען. ליפסקער האָט שוין נישט אָפּגעוואַרט מאַריאַנען, נאָר זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד און איז אַהיימגעריטן. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און בייז אויף די קאָלאָניסטן, און אויך אויף מאַריאַנען, פאַר וואָס זי גיט מענטשן אַ געלעגנהייט זי צו באַרעדן.

### קאַפּיטל זעקס

## מען נעמט אָפּ די קינדער פון שול

עס האָבן אָנגעהויבן פעלן קינדער אין שול. יעדן טאָג האָט ליפּסקער איבערגעציילט וויפיקער קינדער. צו ערשט האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז צוליב די קעלטן, אָבער שפּעטער האָט ער שוין איינגעזען, אַז די סיבה איז אַן אַנדערע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער קאַמף צווישן דעם לערער און די עלטערן. געזיגט האָבן די עלטערן. אַפילו די אָנהענגער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, אויס מורא פאַר די אַנדערע, האָבן אויך אָפּגענומען די קינדער.

ליפּסקער האָט איצטער מער צייט געהאַט צו פאַרברענגען אין שטאָט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די פורלעך, זוכנדיק די עלטערן, זיי צו איבערצייגן, זיי זאָלן שיקן די קינדער אין שול. געטראָפן האָט ער חיים לאַנדערן, צוגרייטנדיק דאָס פערד, אויף אַהיים צו פאָרן. כאָטש יענער האָט זיך געמאַכט אים נישט זעענדיק, איז ליפּסקער צו אים צוגעגאַנגען. פאַרט אַ לאַנדסמאַן, און ער האָט אים אין אָנפאַנג אַזוי פאַטערלעך מקרב געווען.

— בוענאָס טאַרדעס, סעניאָר לאַנדער!

— בוענאָס טאַרדעס! — האָט יענער קאַלט געענטפערט, נישט קוקנ־דיק אין זיין זייט.

— וואָס זאָגט איר, סעניאָר לאַנדער, צו דעם, וואָס מען שיקט נישט די קינדער צו מיר אין שול — האָט ליפּסקער נישט דרייסט געפרעגט.

— ווען איך וואָלט געהאַט קינדער צו לערנען, וואָלט איך זיי אויך צו אייך נישט געשיקט!

— פאַר וואָס, סעניאָר לאַנדער?

— ווייל איר גייט צו דער דייטשקע!

— ווייל איך גיי צו מאַריאַנען? — האָט ליפּסקער איבערגעפּרעגט מיט כעס. ווען איך וואָלט געגאַנגען צו מאַריאַנען, אַזוי ווי איר מיינט, וואָלט איך שוין געפונען אַ וועג, אַז איר און נאָך אַזוינע ווי איר, וואָלטן זיך נישט דערוווּסט!

ליפּסקער איז אַוועק אַ ברוגזער, אָן אַ זיי געזונט. ער איז געגאַנגען צו דעם לערער סטופּניצקי זיך באַראַטן. אָבער דער האָט געהאַט אַנדערע צרות אויף זיין קאָפּ. עס איז צו אים געקומען זיין ווייב.

אין איין זייט פונעם הויז זענען געשטאַנען די שולבענק, אויף וועלכע עס זענען געזעסן עטלעכע קינדער. אין דער אַנדערער זייט, אין ווינקל, נעבן בעט, איז געשטאַנען אַ בראַסערנע מיט קוילן אויף וועלכער עס האָט זיך געפּאַרעט אַ טאָפּ. סטופּניצקיס פרוי, אַ דיקלעכע און צעשויבערטע, איז געשטאַנען אויף אַ שטול, פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, און געווישט דעם שפּינוועבס פון די ווענט.

— העניעלע, איך וועל דיר פאָרשטעלן אַ קאָלעגע, דעם לערער ליפּס־קער — האָט סטופּניצקי ווייך צו איר גערעדט.

— גאָטעניו! — האָט די פרוי צענומען בײדע הענט — ווי אַזוי לעבט מען דאָס אין אַזאַ שמוץ?

— נשמהלע! נעם עס דיר נישט צום האַרצן, ס׳איז פאַר דיינע כוחות ריין צו מאַכן דעם גאַלפּאָן?

זי איז קרעכצנדיק אַראָפּגעקראָכן:

— איך קען נישט! איך קען נישט מער! — האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ און צוגעגאַנגען פאַרזוכן פונעם געקעכטס.

סטופּניצקי האָט איבערגעריסן דאָס לערנען, פריי געלאָזט די קינדער און געגעבן אַ ווינק ליפּסקערן ער זאָל מיט אים אַרויסגיין. ליפּסקער האָט זיך געקווענקלט. געוואָלט אָנהייבן רעדן, דערציילן.

— איך ווייס אַלץ, און אפשר נאָך מער פון אייך! — האָט ער אים נישט געלאָזט רעדן.

— וואָס זשע טוט מען?

— הערט אייך איין: אין פּאַראַנאַ וווינט דער פּרעזידענט פון דער שול־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ ייד וואָס האָט אַ שיינע און בכבודיקע

פרנסה, ער איז אַ דאָקטאָר מעדיצין. ער וואָלט זיך געקאָנט לעבן גליקלעך אויף דער וועלט, האָט ער זיך אָבער אַריינגענומען אין קאָפּ אַ מאַנקאָליע אַזאַ, אַז עס מוזן עקזיסטירן יידישע שולן אין ענטרע ריאָס. אין פאַר־וואָרפנסטן ווינקל עפנט ער אַ שול, זעצט אַריין אַ לערער און הייסט אים קנעלן מיט די קינדער! דער לערער וויל נישט לערנען, די באַלעבאַטים ווילן נישט צאָלן און אַלץ גייט אויס צו זיין קאָפּ. אָבער ער ווערט נישט מיד, ער קומט און רעדט, פאַרריכט און פאַרגלעט, כדי ס׳זאָל ווייטער עקזיסטירן אַ יידישע שול. יאָ, צו וואָס זאָג איך אייך דאָס אַלץ? נעמט און שרייבט צו אים אַ בריוול, וועט ער באַלד קומען.

ליפּסקער האָט זיך אָבער געשעמט צו שרייבן. ער וועט נאָך אָפּוואַרטן. ער איז אַהיימגעריטן. געטראָפן האָט ער זיינע קינדער ביי דער שפּאַנישער שול זיצן אויף די שטיינער פון דער טעראַסע. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען און זיך צווישן זיי אַוועקגעזעצט.

— פאַר וואָס קומט איר נישט, קינדער, אין דער יידישער שול?

— ווייל דער טאַטע הייסט נישט. — האָט יאָסעלע זיך פון אים אָפּ־גערוקט.

עס זענען אָנגעקומען משהס דריי זינדלעך.

— זעט, לערער, — האָט דער ייִנגסטער אויסגערופן מיט שטאָלץ — איך טרייב היינט דאָס פערד, אָבער זאָגט זיי — ווייזט ער אויף די צוויי הינטער אים — זיי זאָלן נישט צמאַטשקען צום פערד. אַז איך האַלט די לייצעס, טאָרן זיי עס נישט אָנטרייבן. נאָר איך אַליין!

— ער טוט אָבער דאָס זעלבע, ווען מיר טרייבן דאָס פערד, — האָבן זיך די ברידערלעך פאַרענטפערט.

— גוט, גוט. קריגט אייך נישט, קינדערלעך. זאָגט מיר בעסער, פאַר וואָס קומט איר אַזוי שפּעט? פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען אין דער פרי אין דער יידישער שול?

— ווייל דער טאַטע... — האָט דער ייִנגסטער געשטאַמלט, אָבער דער עלטערער האָט אים געגעבן אַ שלעפּ און שנעל געזאָגט: — די מאַמע האָט היינט געבאַקן ברויט האָבן מיר געמוזט וואַרטן ביז דאָס ברויט וועט פאַרטיק ווערן.

— אייער מאַמע באַקט דאָך נישט יעדן טאָג קיין ברויט?

— ניין, לערער.

— נו, קינדערלעך, געדענקט זשע מאָרגן צו קומען.

אָבער די קינדער זענען נישט געקומען נישט מאָרגן און נישט איבער־מאָרגן. עס איז געווען דאָס ערגסטע, וואָס זיי האָבן אים געקאָנט אָפּטאָן. עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס מען איז אים געבליבן הינטערשטעליק מיטן געהאַלט, עס האָט אים אַפילו נישט געאַרט דאָס, וואָס זיי האָבן אים אַזוי ביטער באַליידיקט. — נאָר פאַר וואָס האָבן זיי ביי אים צוגענומען די קינדער? דאָס לערנען איז געווען ביי אים דער תוכן פון זיין לעבן. ער האָט ליב באַקומען אָט די גוטע און שטילע דאָרפס־קינדער, אין זייער אָרעמען הולך, קיין מאָל נישט קיין זאַטע, קיין מאָל נישט קיין אויסגערוטע. דורך זייערע אָפענע אייגעלעך האָט ער אַריינגעקוקט אין זייערע נשמות. ווי אין אַ וויכן וואַקס האָט ער אַריינגעדריקט אין זייערע מוחות וויסן און יידישקייט. יידישע קינדער... אומעטום די זעלבע, צי אין ענטרע ריאָס, צי אין פוילישן שטעטל. מען דאַרף זיי נאָר גוט דערציען, וועלן מיר האָבן אַ גוטן יידישן דור. זייער יידיש רעדן איז זאַפטיק, נישט פאַרקריפּלט, ווי ביי די שטאָטישע קינדער. ליפּסקערס געדאַנקען האָבן ווידער אַוועקגעשוועבט צו זיין לעבנס־חלום: — איינצוהאַלטן די יידישע שפּראַך, וועלכע ווערט אַצינד פאַרברענט אין די גאַז־קאַמערן... אַך, ווען ער וואָלט געהאַט געלט! מען דאַרף דערצו נישט זיין קיין מיליאָנער, נישט זיין קיין גרויסער פילאַנטראָפּ, נאָר האָבן אַ ביסל פאַרשטענדעניש און ליבע פאַר קינדער און פאַר זייער מוטער־שפּראַך: יידיש! ער וואָלט אין יעדנס קינדס הענטעלע אַריינגע־דריקט אַ קינדער־זשורנאַל, מיט אַ סך בילדער, מיט גרויסע שריפט, און נישט איין מאָל אין אַ יובל זאָל דער זשורנאַל דערשיינען, נאָר יעדע וואָך, און דאָס קינד וואָלט שוין דערפילט אַ באַדערפעניש צו לייענען יידיש. און ווען זיי וואָלטן גרויס געוואָרן, וואָלטן זיי געלייענט יידישע צייטונגען, יידישע ביכער, און אונדזער שפּראַך וואָלט געהאַט אַ קיום.

ער האָט געפאָלגט סטופּניצקין און אָנגעשריבן אַ בריוו קיין פּאַראַנאַ, צו דעם פּרעזידענט פון דער שול־אָרגאַניזאַציע. אויך די שול־קאָמיסיע האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו אים און עס איז באַלד אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע

אַז ער קומט אין די נאָענטסטע טעג. מען האָט זיך געגרייט צו דעם באַזוך, ווי צו אַ גרויסער שלאַכט. ליפּסקער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די אים ליב־געוואָרענע דאָרפס־קליידער, די לעדערנע קורטקע מיט די רייט־הויזן און אָנגעטאָן זיין שטאָטישן אַנצוג, אַ העמד מיט אַ שטייפן קראַגן.

עס איז אָנגעקומען סטופּניצקי מיט זיין ווייב. זי האָט געשפּאַנט פאָרויס און ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט אַן עפן געטאָן די טיר.

— וואָס? ער איז נאָך נישטאָ!

— ווער ער? ניין, ער איז נאָך נישטאָ!

— איך מוז מיט אים רעדן! וואָס הייסט ער איז נישטאָ?

— העניעלע, באַרויק זיך, ער וועט באַלד קומען! — האָט איר מאַן זי געוואָלט איינגעמען.

— ווו האָט מען דאָס געהערט? נישט קיין שול, נישט קיין שטוב, ווי אַזוי לעבט מען דאָס?

— שאַ, שאַ, העניעלע. וועסט אים דאָס אַלץ דערציילן. דערווייל זעץ זיך אַוועק, רו זיך אָפּ!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַטראַכט ליפּסקערן, וואָס האָט זיך אַ נערוועזער אַרומגעדרייט איבער דער שטוב.

— און דער יונגער־מאַן? וואָס דרייט ער זיך אַרום, ווי אַ נישט דאָ׳יקער?

ליפּסקער האָט איר נישט געענטפערט.

— נישט דיין עסק, העניעלע, — האָט סטופּניצקי פאַר אים געענטפערט — דו האָב דיר אין זינען דיינע זאַכן!

— דאָס קען מען נאָר אַזוי מיט אייך אָפּלערנען! הע, ווען איך וואָלט געווען אַ לערער! איר לאָזט אייך טרעטן מיט די פיס, מיט די פיס טרעט מען אייך!

— שאַ, שאַ, העניעלע, זאָלן שוין דיינע שונאים פאַר דיר רעדן! — האָט סטופּניצקי זיך געבעטן ביי איר.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ קאָלאָניסטקע, מיט אַ פּאַטשיילע פאַרבונדן דעם קאָפּ, אַ מאַמע פון צוויי קינדער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און גלייך אָנגעהויבן צו וויינען:

— פאַר וואָס זאָלן מיינע קינדער אַרומגיין בטול? נישט גענוג מען איז אַזוי פאַרשוואַרצט און מען קומט אָפּ די יאָרן אין דעם העק, זאָלן נאָך קינדער נישט קענען אַ יידיש וואָרט? זי וויל אים נאָר איין זאַך פרעגן, פאַר וואָס? פאַר וואָס זאָלן קינדער נישט לערנען?

ליפּסקער האָט איר געוואָלט ענטפערן, נאָר סטופּניצקי האָט אים געגעבן אַ ווונק ער זאָל שווייגן, מען וועט זיך שוין אויסטענהן, אַז יענער וועט קומען.

— ווו איז ער אָט יענער, דער פאַרנאַרער, איך ברויך אים נישט אָנרופן ביים נאָמען, איר קענט אים אַלע זייער גוט! — מיט די ווערטער איז אַריין, אַ צעוויגטער, קלאַפּנדיק מיט זיינע שטיוול, „יאַנקל דער געפּאַטשטער”, אַזוי רופט מען אים זייט ליפּסקער האָט אים אויסגעפּאַטשט. ער וויל נאָר וויסן איין זאַך, ווי קומט עס, אַז אין זייער „קרווינשול” זאָל מען שיקן אַזאַ „מין לערער”. סטופּניצקי האָט באַמערקט ווי ביי ליפּסקערן צינדט זיך אָן דאָס פּנים, האָט ער מורא ס׳וועט אַרויס אַ ניי געשלעג, רופט ער זיך אָן צו יאַנקלען:

— צו וואָס אַרויסוואַרפן אַצינד אומזיסטע רייד? איר גיט בעסער איבער אייער רעדע, וואָס איר דאַרפט פאַר יענעם האַלטן!

יאַנקל האָט געזען, אַז סטופּניצקי איז גערעכט. ער האָט אַרויסגענומען באַשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר און זיי גענומען פאַרלייענען מיט אַ ניגון.

— וואָס גרייט ער דאָרטן צו? אַ באַשולדיקונגס־אַקט? — האָט ליפּסקער געפרעגט?

— אַזוי זעט עס אויס. און איר האָט צוגעגרייט אייער פאַרטיידיקונגס־רעדע?

ניין, ליפּסקער האָט גאָרנישט צוגעגרייט.

עס זענען אָנגעקומען אַלץ מער קאָלאָניסטן, אָבער יענער איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

— איך האָב מורא, אַז ער וועט שוין נישט קומען! — האָט זיך אָנגערופן אַ קאָלאָניסט.

— ער וועט נישט קומען? — האָט אים איבערגעפרעגט אַן אַנדערער, וועלכער איז גאָרנישט געווען באַגייסטערט פון די מעשיות מיט דער שול.

ער אַליין האָט נישט קיין קינדער. אָבער מוז צאָלן פֿאַר דער יידישער שול גלייך מיט אַלע אַנדערע קאָלאָניסטן.

— דאָ אַנומלט איז דער פֿאַראַנער געפֿאָרן אין אַ שטאַרקן רעגן, איז ער אַריין מיט זיין אויטאָ אין אַ קאַלוזשע בלאָטע און נישט געקאָנט אַרויס. ער איז דאָרט שטעקן געבליבן ביז נאָך האַלבער נאַכט. און ווען ס׳פֿאָרט נישט צופֿעליק פֿאַרביי אַ פּונדיק און שלעפּט אים נישט אַרויס, שטעקט ער נאָך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג. האָבן מיר געמיינט שוין געפּטרט! ער וועט שוין פֿאַרזאָגן קינדס קינדער צו פֿאָרן פֿאַרזאָרגן קאָלאָניעס מיט יידישע שולן. הייבט זיך גאָרנישט אָן! אויפֿן אַנדערן זונטיק, ס׳קאָצל קומט! ער איז דאָ! — אַזוי, אַז איר מעגט זיין זיכער, אַז ער שיקט אַ טעלעגראַמע אַז ער קומט, קומט ער!

— אַוודאי קומט ער! אָט בין איך דאָ! — אין טיר האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ הויכער, ברייטפּלייציקער יונגער־מאַן פֿון אַ יאָר 40, מיט אַ צעשמייכלט פּנים. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ יונגער־מאַן, וועלכער האָט געטראָגן אַ לעדערנע טעקע אונטערן אָרעם. מען האָט אים אַרומגעשטעלט פֿון אַלע זייטן און באַשאָטן מיט רייד:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר. איר מוזט מיך אויסהערן!

סטופּניצקיס ווייב האָט מיט אירע שטאַרקע אָרעמס אַוועקגעשטופּט אַלע אַנדערע און געזאָגט:

— מיך וועט ער אויסהערן צום אַלעם ערשט!

— איך וועל אייך אַלע אויסהערן, נאָר צו ערשט וועל איך האָבן אַ זיצונג מיט דער שול־קאָמיסיע!

מען האָט געהייסן אַלע אַרויסגיין און ער איז געבליבן נאָר מיט דער שול־קאָמיסיע. נאָך דער זיצונג וועט זיין אַ פֿאַרזאַמלונג מיט אַלע קאָלאָניסטן. ס׳איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם. ליפּסקערן האָבן געשטאָכן די בייזע, ברוגזע בליקן. וואָס האָט ער געזינדיקט קעגן זיי? די מענטשן זענען געוואָרן אומגעדולדיק:

— וואָס האָבן זיי זיך דאָרטן מיט אים פֿאַרמאַכט? מיר ווילן אויך הערן אַ וואָרט, אַ נישט וועלן מיר באַלד אַוועקפֿאָרן.

ליפּסקער האָט פֿאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— מען האָט מיך געשיקט אייך זאָגן, אַז זיי וועלן נישט וואַרטן. זיי ווילן איר זאָלט אַרויסקומען.

— וואָס האָבן זיי קיין צייט נישט? זיי מעגן וואַרטן! — האָט געזאָגט איינער פון דער קאָמיסיע.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך צעפאָרן.

— זייט רויק, זיי וועלן זיך נישט צעפאָרן.

די סטופּניצקיכע האָט אָוועקגעשטופּט ליפּסקערן פון דער טיר און זיך אַריינגעריסן, נאָך איר סטופּניצקי, וואָס האָט געפּרוווט זי צוריקצו־האַלטן.

— הער דאָקטאָר, איר מוזט מיך אויסהערן!

דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט די אויפגערעגטע, צעפּלאָשעטע פרוי מיט אַ שמייכל.

— נו רעדט, רעדט. איך בין אייך גרייט אויסצוהערן! — האָט ער געזאָגט.

ווי דאָס וואַסער פון אַן אויפגעהויבענער דאַמבע, האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ שטראָם רייד:

— מיין מאַן איז אַ לערער, ווייסט איר דאָך, און נישט פון היינט איז ער אַ לערער, ווייסט איר דאָך אַוודאי, פון די ערשטע לערערס אין ענטרע ריאָס איז ער. וואָס דער אמת איז, דערנאָך האָט ער אַוועקגעוואָרפן דאָס לערעריי און געזוכט בעסערע פרנסות, געווען אַ בעקער, געהאַלטן אַ רעס־טאָראַן, הם, איך מיין רעסטאָראַציע האָט איר געמעגט עסן אַ מיטאָג! די פינגער וואָלט איר געווען געלעקט! האָב איך דאָך אָבער אַ מאַן אַ מלמד! האָט ער געלאָזט אַנטלויפן די געסט, נישט באַצאָלנדיק פאַרן עסן!

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן!

— וואַרפט אַריין סטופּניצקי.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס ווילט איר? — פרעגט זיי דער דאָקטאָר.

— הערט זשע! — זעצט פאָר די סטופּניצקיכע — זע איך, אַז איך ווער בדלות, איז ער געוואָרן אַ סטאָליער, האָט ער אויך צו סטאָלעריי געטויגט אויף כפּרות, איז ער געוואָרן אַ קלאַפּער, דאָס הייסט אַ פּעדלער, דערנאָך

געהאַנדלט מיט שמאַטעס. אַנדערע ווערן נגידים ביי שמאַטעס, און ער איז געבליבן אַליין אין שמאַטעס.

— איך בעט איך זייער, ליבע פרוי, מאַכט עס בקיצור!

— אַט טאַקע בקיצור! מעגט איר האָרכן! ער האָט שוין געדינט צו אַלע עבודה זרות, געווען אַ חזן, אַ שמש, אַן אַנגעשטעלטער, וואָס איר ווילט איז ער שוין געווען און ס'איז נישט געגאַנגען. זאָג איך צו אים: „הערסטו, ווער צוריק אַ לערער!" נו, איז ער געוואָרן אַ לערער. אָבער הערט איר, אַזוינס האָב איך נאָך נישט געזען, נישט קיין געהאַלט, נישט קיין קינדער, נישט קיין שול נישט קיין לייב און לעבן!

— אַנו, זאָגט מיר, וואָס ווילט איר דאָ אַרויסברענגען — האָט זיך דער פּרעזידענט געריבן דעם שטערן. — אָדער זאָל אייער מאַן רעדן.

— מיין סעניאָראַ מיינט — האָט סטופּניצקי געוויזן אויף איר — אַז מען איז מיר הינטערשטעליק מיטן געהאַלט.

— און אַז דו האָסט נישט קיין שטוב און קיין שול איז גאָרנישט? — דער פּרעזידענט האָט געוואָנדן זיין פרעגנדיקן בליק צו דער קאָמיסיע.

— מיר האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין לאָקאַל פאַר דער שול, האָבן מיר זי איינגעאָרדנט אין אַ מאַגאַזין פון דער איק"אַ — האָט געזאָגט איינער פון די קאָמיסיע־מיטגלידער.

— אַז די באַלעבאַטים וווינען אין באַראַקן, מעג אויך די שול זיין אין אַ באַראַק — האָט אָפּגעפּסקנט דער פּרעזידענט.

וואָס הייסט, די שפּינוועבסן פאַלן דאָך מיר אַריין אין טעפּל — האָט זיך געבייזערט די סטופּניצקיכע.

— ווי קומט איר צו דער שול?

— די מעשה איז די — האָט געענטפערט סטופּניצקי — מיין ווייב האָט געזאָגט, אַז זי בלייבט וווינען אין פּאַראַנאַ מיט די קינדער, האָב איך... האָב איך נישט געדונגען קיין צימער און שלאָף אין דער שול. איצט, אַז זי איז געקומען, באַקלאָגט זי זיך.

— די שול איז נישט קיין וווינונג פאַרן לערער און איר מוזט באַלד אַרויסנעמען אייערע זאַכן פון דאָרטן — האָט שאַרף געזאָגט דער גאַסט.

— נו, נו, וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט? צו וואָס האָסטו דערפירט?

איצט וועלן מיר דאָך דאַרפן דינגען אַ דירה און צאָלן דירה־געלט — האָט סטופּניצקי פאַרגעוואָרפן זיין ווייב.

— שוין פאַרלאָז איך דעם העק, איך פאָר צוריק קיין פּאַראַנאַ! — האָט זי ברוגז אויסגערופן.

סטופּניצקי האָט געמאַכט מיט אַן אויגל צו ליפּסקערן, אַט אַ דאָס וויל ער טאַקע!

דעם עולם אין דרויסן האָט שוין געפּלאַצט דאָס געדולד. דער דאָקטאָר, באַגלייט פון דער שול־קאָמיסיע איז אַריינגעגאַנגען אין גרויסן סאַלאָן. אויבן־אָן, ביים טיש, נעבן דעם פּרעזידענט און זיין סעקרעטאַר, וועלכער לאָזט נישט אַרויס די גאַנצע צייט די טעקע פון זיין האַנט, איז געזעסן די גאַנצע קאָמיסיע פון דער שול.

יאַנקל, דער סעקרעטאַר, האָט פאַרגעלייענט זיינע באַשריבענע פּאַפּירע־לעך. ליפּסקער איז געזעסן פון הינטן צווישן די קאָלאָניסטן. ער הערט ווי איינע זאָגט צו איר שכנה:

— וואָס לייענט ער דאָרטן? ווייס איך וואָס! נישטאָ וואָס צו הערן!

יאַנקל האָט געלייענט. ער האָט אַרויסגעלייענט די גאַנצע געשיכטע זייט דער אַנטשטייונג פון דער שול. נעבן ליפּסקערן איז געזעסן אַ קורץ, גראָב יידל, וואָס איז געשמאַק געשלאָפן.

— איטשע־לייב! — ציט אים זיין ווייב ביים אַרבל —שלאָף נישט, איטשע־לייב!

איטשע־לייב כאַפּט זיך אויף, גיט אַ דריי מיט דער פּלייצע און קוקט זיך אום, ווו ער איז ערגעץ אין דער וועלט. יאַנקל האָט מיט מזל שוין געענדיקט לייענען. דער דאָקטאָר פרעגט, צי עמעצער וויל עפּעס זאָגן. אַ דייטשער ייד בעט דאָס וואָרט. ער טראָגט אַ שוואַרצן געפּרעסטן אַנצוג, טאַקע אַן אָפּגעריבענער, אָבער גענוג עלעגאַנט. אַ ווייס אָנגעקראָכמאַליעט העמד מיט אַ שוואַרץ שניפּסל. זיין פּליך האָט געגלאַנצט און האָט אויס־געזען ווי אַ געלער מעלאָן.

— מיינע דאַמען אונד הערען! — האָט ער זיך געגעבן אַ פאַרבייג אין אַלע זייטן — אַלס געוועזענער גוט־בעזיצער וויל איך היר אויפוויזן אויף איניקע פעלערן אין דער קאָלאָניזאַציאָן...

— איר וועט אונדז אַנטשולדיקן — האָט מען אים איבערגעשלאָגן — דאָ רעדט מען נישט פון קאָלאָניזאַציע, דאָ רעדט מען פון דער יידישער שול.

— עס האָט איינען צוזאַמענהאַנג מיט דעם, איר וועט מיר דערלויבן, מיינע געערטע דאַמען אונד הערען, מיר צו געבן איין קורצעס בילד פאָן מיינער געמיינדע אין פויזען, ווו איך האַטע די עהרע צו זיין איר פאָרשטאַנד. וויר האַטען דאָרטן איינען ראַבינער, איינען שוחט, אָבער איין יידישער לערער, דאָס גיבט עס ניכט! אין דער אַלגעמיינער דויטשער פאָלקסשולע האַטע דער ראַבינער צוויי מאָל אין דער וואָכען רעליגיאָנס אונטעררייכט. אונד דאָס וואַר גענוגענד.

— איך בעט דאָס וואָרט! — האָט זיך אויפגעשטעלט איטשע לייב.

— וואַרט אויס, לאָזט ענדיקן הערן הערצאָג.

און הערצאָג האָט ווייטער גערעדט און אויסגעפירט לסוף, אַז עס איז אַ גרויס אומרעכט, וואָס מען צווינגט קאָלאָניסטן צו צאָלן פאַר אַ שול. לערנען „רעליגיאָן" געהער צו דער רעגירונג.

— דו פאַרשטייסט אים? — פרעגט איין פרוי דער אַנדערער, לעבן ליפסקערן.

— קיין וואָרט נישט!

— וואָס האָט ער זיך דאָרטן צערעדט? באַמערקט אַן אַנדערע, — לאָז ער בעסער גיין זען, ווי זיין ווייב שפּאַצירט אַרום אין דרויסן מיטן אַפּטייקער.

ליפסקער דרייט אויס דעם קאָפּ צום פענצטער און באַמערקט אַ הויכע עלעגאַנטע דאַמע, אין אַ פוטער־פעלעריגע, פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, שפּאַצירט מיטן אַפּטייקער אויפן וועג.

הערצאָג האָט געענדיקט רעדן און מען דערמאָנט זיך, אַז איטשע לייב האָט געבעטן דאָס וואָרט.

— ר' איטשע־לייב, איר האָט דאָס וואָרט!

אָבער איטשע־לייב האָט געענטפערט מיט אַ כראָפּען.

— איטשע־לייב! — שטורכעט אים זיין ווייב — שלאָף נישט! גיי שטעל דיך אויף און רעד!

— הא? יאָ! — איז ער געקומען צו זיך, האָט זיך אויפגעשטעלט,

געגעבן אַ צי אַראָפּ דאָס קורצע רעקל איבערן קיילעכדיקן בייכל און גע־זאָגט: — הערט איר, איך בין אַ מאָל געווען אַ סטאָליער. אַז איך האָב געמאַכט אַ שאַפע און זי האָט נישט געטויגט, אָדער נישט געפעלן געוואָרן, האָט מען מיר זי צוריקגעבראַכט. אַזוי זאָג איך אייך: דער לערער, וואָס איר האָט אונדז געשיקט טויג נישט, נעמט אים אייך צוריק!

ס׳איז געוואָרן אַ שטורעם. דער דאָקטאָר האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש:

— אַ לערער פאַרגלייכט איר צו אַ שאַפע? דרך ארץ פאַר אַ לערער!

איטשע־לייב זעצט זיך צוריק אַוועק און פרעגט שטיל זיין ווייב:

— וואָס האָב איך דאָ געזאָגט אַזוינס שלעכטס?

— איידער אַזאַ רעדן, שלאָף דיר בעסער ווייטער — האָט אָפּגעזיפצט זיין ווייב.

אָבער איטשע־לייבן איז פאַרגאַנגען דער שלאָף. קוקט ער מיט זיינע קליינע פאַרשלאָפענע אייגעלעך אַרום זיך און פאַרשטייט נישט, וואָס מען קאָכט זיך אַזוי פיל. — ער טויג נישט, דאַרף מען אים צוריקנעמען, און אַראָפּ אַן עסק!

אַן אַנדערער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל זיך בייטן מיט די לערערס, סטופּניצקי זאָל גיין לערנען אין דער „קרוין־שול" און ליפּסקער זאָל לערנען אין שטעטל.

— אפשר וואָלט איר זיך געביטן מיט דער לערערקע? — באַמערקט דער דאָקטאָר. — כאַ, כאַ, האָט מען זיך צעלאַכט פון זיין ווערטל.

— פאַר וואָס האָט איר אונדז נישט געשיקט אַ פאַרהייראַטן לערער? מיר ווילן אַ לערער מיט אַ פאַמיליע.

— ווער קען דאָ ביי אייך דערגיין אַ טאָלק? האָב איך געשיקט אין אַן אַנדער קאָלאָניע אַ פאַרהייראַטן לערער, מאַכן זיי מיר פאָרווורפן, זיי ווילן גאָר בחורים, נישט קיין חתונה געהאַטע.

דאָרטן, דערקלערט מען אים, האָט דער שול־פּרעזידענט געהאַט דריי טעכטער, האָט ער געזוכט חתנים פאַר זיי, דאָ איז אָבער אַנדערש, מיר דאַרפן האָבן אַ לערער אַ פאַרהייראַטן, איר פאַרשטייט אַליין... ער זאָל נישט האָבן אין זינען אַנדערע זאַכן...

— איך וויל וויסן, — זאָגט דער דאָקטאָר, — פאַר וואָס האָט איר אָפּגענומען די קינדער?

— ווייל מען קען אים נישט געטרויען קיין קינדער, — האָט געזאָגט בערקאָוויטש.

— איך פאַרשטיי נישט.

— איך האָב אַליין געזען — דערציילט משה — אַז ער האָט געהאַלטן אַרומגענומען בערקאָוויטשעס מיידעלע, איר פאַרשטייט אַליין, אַ בחור! — האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען.

ליפּסקערן איז ענג געוואָרן אין סאַלאָן... ער איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער דאָ איז צו אים צוגעקומען דאָס פּאָרל, פרוי הערצאָג און דער אַפּטייקער:

— אַך, אונדזער לערער! — האָט אויסגערופן אַנטציקט פרוי הערצאָג, דריקנדיק אים די האַנט. זי האָט געהאַט שיינע, ברוינע מאַנדל-אויגן מיט אַ צאַרט געפלעגט פּנים. — אַך, הער ליפּסקער! — האָט זי אָפּגעזיפצט — מען קען משוגע ווערן פון אַזוי פיל צרות! — איר דייטש האָט זי געמישט מיט יידיש-העברעישע ווערטער.

— וואָס איז?

— איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין שוועסטער, שרייבט זי מיר, אַז די ענגלענדער האָבן אַרעסטירט איר מאַן אין זיד-אַפריקע.

— די ענגלענדער האָבן אַרעסטירט אייער שוואָגער?

— נו יאָ, פאַר וואָס פאַרשטייט איר נישט? מיין שוואָגער איז אַן אַריער. האָבן זיי מורא, אַז ער זאָל נישט זיין אַ שפּיאָן פאַר דייטשלאַנד. אַך, צו וואָס דער גאַנצער קריג! דאָס איזט דאָך נאָר אַ רעוואַנזש-קריג פאַרן דורכפאַל פונעם ערשטן וועלט-קריג!

ניין, ליפּסקער האָט נישט פאַרשטאַנען די צרות, וואָס מען האָט פון אַן אַרישן שוואָגער, וועלכער קען זיין אַ שפּיאָן און אויך נישט דעם „באַרעכטיקטן" רעוואַנזש-קריג פון די דייטשן.

הער הערצאָג איז אַרויסגעקומען, באַגלייט פון עטלעכע דייטשע קאָלאָניסטן.

— אַך, זי וואַרען דאָך פאַבעלהאַפט — האָט געזאָגט אַ פרוי, דריקנדיק זיין האנט, פאַבעלהאַפט!

— דאַנקע שען! דאַנקע שען, — האָט זיך פאַרנייגט הער הערצאָג.

ליפּסקער איז אַריין צוריק אין סאַלאָן. דאָ זענען ווייטער אָנגעגאַנגען די אַמפּערנישן:

— דער קאָאָפּעראַטיוו האָט נישט קיין רעכט אונדז אָפּצושלאָגן דאָס געהאַלט פאַרן לערער! אַ סך זענען נישט בכוח, אָדער ווילן נישט צאָלן, פאַר וואָס זאָל מען זיי צווינגען?

— מיר ווילן נישט קיין לערער, וואָס מישט זיך אַריין אין קהלהשע ענינים — ער האָט אונדז באַשריבן אין די בלעטער!

יאַנקל האָט געקלונגען אין גלעקל, עס זאָל זיין שטיל. דער דאָקטאָר האָט צוגערופן דעם לערער:

— סעניאָר ליפּסקער, וואָס וועט איר זאָגן אויף די אַלע רייד?

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— איר האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

— אפשר וואָלט איך יאָ געהאַט, וואָס צו זאָגן... — ער האָט זיך פאַר־האַקט: — נאָר איך קען נישט... — ער האָט פאַרביסן די ליפּן, ווייל די אויגן האָבן זיך אים אָנגעפילט מיט טרערן.

אין זאַל איז געוואָרן מאָמענטאַל שטיל. די פּאָר ווערטער, אַרויסגעזאָגט פון אַ טיף־געקרענקטן מענטשן, האָבן געמאַכט אויפן עולם אַ גרעסערע ווירקונג, ווי אַ לאַנגע דרשה. ליפּסקער האָט פאַרלאָזט דעם זאַל. ער איז שנעל אַרויסגעגאַנגען און אַריין צו זיך אין שטוב. זאָלן זיי מיט אים טאָן, וואָס זיי ווילן!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעטל. פאַר וואָס קומט אים דאָס? אין זיין צימער הערט ער דעם דאָקטאָרס שטים:

— צי שעמט איר אייך נישט? נישט צו שיקן אייערע קינדער אין דער יידישער שול? ס'איז אַ חרפּה און אַ בושה, אַז אייער שול, וועלכע איר אַליין האָט געבויט, זאָל פאַרוואַקסן ווערן מיט גראָז! איך האָב אייך געשיקט איינעם פון אונדזערע בעסטע לערער...

ליפּסקער האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער און גאָרנישט מער געוואָלט הערן.

שפּעט ביינאַכט הערט ער, ווי עס צעפאָרן זיך די פורלעך. ווייזט אויס,

די פאַרזאַמלונג האָט זיך שוין געענדיקט. ער איז אַרויסגעגאַנגען. אין זאַל זענען נאָך געווען עטלעכע קאָלאָניסטן, די שול־קאָמיסיע און די פאַראַנער געסט. ליפסקערן האָט מען איבערגעגעבן, אַז מען האָט אַלץ דערליידיקט. די קינדער וועט מען ווייטער שיקן. מען וועט אַרויספאָרן אין קאָלאָניע און צונויפשאַפן דאָס געהאַלט. ווער עס האָט נישט קיין געלט, וועט מען ביי אים נעמען פּראָדוקטן: אייער, הינער, תבואה.

דער דאָקטאָר האָט אויסגעזען מיד, אָבער צופרידן.

— ס'איז מיר טרוקן אין האַלדז פון דעם שרייען. צי וואָלט איך נישט ערגעץ געקאָנט באַקומען אַ גלעזל טיי?

ענטפערט אים שלמה יאַנקל דער פּרעזידענט:

— איך וואָלט אייך גענומען צו מיר אַהיים, אָבער די יידענע מיינע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל איר נישט ברענגען קיין געסט, ווייל זי גייט אַרום עפּעס קוואָקענדיק.

דערהערט עס איטשע לייב, מיינט ער, אַז מען פאָרט שוין צוזאַמענ־נעמען אייער פאַרן לערער, גיט ער אַ זאָג:

— ביי מיר קוואָקען אויך די הינער, איר האָט נישט וואָס צו קומען צו מיר.

— נו, זאָגט דער דאָקטאָר, — אַז עס קוואָקען די ווייבער מיט די הינער, גיט זשע מיר, זייט מוחל, אַ ביסל וואַסער.

ער האָט אַרויסגענומען פונעם וועסטל־קעשענע אַן אַספּירין־פּיל און עס אַראָפּגעשלונגען מיט אַ ביסל וואַסער. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און געגאַנגען צו זיין אויטאָ, אַהיימצופאָרן. ליפסקערן האָט ער געלייגט די האַנט אויפן אַקסל ביים געזעגענען:

— פריינט ליפסקער, זעט צופרידן צו שטעלן די קאָלאָניסטן.

— דאָס באַמי איך זיך זייט איך בין געקומען אַהער.

— איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, ווי אַזוי צו האַנדלען, קאָלאָניסטן זאָלן נישט האָבן וואָס אויף אייך צו זאָגן, זעט צו פאַרענדיקן רויק דאָס יאָר, דערנאָך וועלן מיר זען. — ער האָט אים חבריש געדריקט די האַנט און איז אַוועקגעפאָרן.

## קאַפּיטל זיבן

# איטשע לייב אין בוענאָס־איירעס

לאַנגזאַם האָט זיך אַוועקגערוקט דער ווינטער און עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פּרילינג־טעג. ווידער זענען געקומען די קינדער אין שול. ווידער זענען זיי מיטאָג־צייט געזעסן אויף דער טעראַסע אַנטקעגן דער זון און געגעסן פון די לייוונטענע טאָרבעלעך די באַלייגטע שטיקלעך ברויט, וואָס די מאַמעס האָבן זיי מיטגעגעבן. אַפילו ליפּסקערס הינטל באַהאַדאַן איז געווען צופרידן מיט זייער צוריקקומען. דרייענדיק מיטן עק, האָט ער זיך געלאַשטשעט אַרום זיי און געלעקט זייערע נאַקעטע פיסלעך. ליפּסקער האָט ווידער באַקומען אינטערעס צו דער שול, צו זיין ווירטשאַפט, אַפילו צו זיין גאָרטן, וועלכן ער האָט געהאַט פאַרנאַכלעסיקט אין דער לעצטער צייט. ער האָט גענומען אַ רידל און אָנגעהויבן צעגראָבן די ערד. פּלוצעם באַמערקט ער אַ שלאַנג. צו שלענג איז ער געווען געוווינט. ער פלעגט זיי זייער אָפט באַגעגענען, אַפילו איין מאָל געפונען אַ שלאַנג אין זיין צימער. אַנומלט הערט ער, ווי עס שרייט שטאַרק די קוואָטשקע און קלאַפּט מיט די פליגל. ער גייט צו און זעט ווי עס ליגט אין אַ ראָד צוזאַמענגעדרייט אַ גרויסע, גראָבע, אפשר אַ קנאַפּע צוויי־מעטערדיקע, גרינע שלאַנג. זי גיט יעדן מאָל אַ שפּרונג אין דער הויך, ווי אַ בויגן, כאַפּט אין דעם אָפענעם פּיסק אַ הינדל, וועלכעס זי שלינגט מאָמענטאַל אַראָפּ. ליפּסקער זעט דייטלעך דורך איר דינער הויט, ווי עס גליטשט זיך אַראָפּ דאָס הינדל. זי מאַכט זיך גאָרנישט פון דער קוואָטשקעס שרייען, פון איר קלאַפּן מיט די פליגל. זי שטעלט אויף אין דער הויך די פעדערן און לויפט מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז אַנטקעגן דער שלאַנג. אויך ליפּסקערס אָנקומען האָט די שלאַנג נישט אָפּגעהאַלטן פון איר סעודה. ליפּסקער האָט געכאַפּט דעם רידל און געהאַקט די שלאַנג איבערן קאָפּ. דער קנויל האָט זיך צעלאָזט, די שלאַנג האָט זיך אויסגעצויגן, געקלאַפּט מיטן אויפגעהויבענעם עק אין דער ערד, פונעם מויל

איז אַרויסגעפאַלן אַ הינדל. ליפסקער האָט שנעל געהאַקט מיט דעם רידל, געטראָפן אין קאָפּ, דאָ אין האַלדז אָדער דערנעבן, ביז די שלאַנג האָט זיך אויסגעצויגן און געבליבן ליגן אַ טויטע.

אָבער די איצטיקע שלאַנג איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע, נישט קיין גרויסע, אפשר אַ מעטער די לענג און גראָב ווי אַ שטעקן. איר גאַנצער קערפּער איז געווען געשטרייפט. ליפסקער איז געשטאַנען און באַוווּנדערט איר שיינקייט: זי האָט געהאַט שטרייפן — ווייסע, ווי שניי, רויטע, ווי בלוט, און שוואַרצע, ווי קויל.

יאָסעלע, וועלכער איז צופעליק צוגעקומען, האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— לערער! אַוועק! דאָס איז אַ קאָראַל! איינע פון די געפערלעכסטע שלענג!

ליפסקער האָט אין איר אַריינגעזעצט דאָס רידל. אָבער ער האָט איר געטראָפן אין מיטן קערפּער און די שלאַנג האָט צו אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיטן שפּיציקן שוואַרצן גיפט־צינגל. די ערד איז געווען ווייך און דאָס רידל האָט איר דעם קערפּער נאָר איינגעקלעמט און נישט איבערגעשניטן. די שלאַנג האָט זיך געדרייט, געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון אונטערן רידל.

— וואַרטס, לערער, וואַרטס! נעמט נישט אַרויס דעם רידל, ווייל די שלאַנג וועט זיך אויף אייך וואַרפן, — האָט געשריען יאָסעלע, ער האָט גע־נומען די ווידלע און געקלאַפּט מיט איר איבערן קאָפּ, ביז ער האָט זי געטויט.

— ביסט, יאָסעלע, אַ וווילער בחור און וועסט אַ מאָל זיין אַ גוטער קאָ־לאָניסט — האָט אים ליפסקער געלויבט.

— איצט וועלן מיר שוין נישט זאָגן, אַז יאָסעלע פּאַרט צום זיידן, נאָר יאָסעלע הרגעט שלענג — האָבן די קינדער אויסגערופן.

— פאַר וואָס רייצט איר זיך מיט אים, אַז ער איז געפּאָרן צום זיידן? — האָט זיי געפרעגט דער לערער.

— ווייל ער איז צו אים געפאָרן, אָבער זיך אומגעקערט אין מיטן וועג — האָבן די קינדער געלאַכט.

יאָסעלע האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל און ליפסקער האָט אויפגעהערט צו פרעגן.

שפּעטער איז ער געוואָר געוואָרן די פאָלגנדיקע געשיכטע: יאָסעלעס

מאַמע, רחל לאה, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וויל פאָרן אין דעם שטעטל קאָנפּסיאָן דעל־אורוגוויי באַזוכן איר אַלטן טאַטן. ער קומט איר לעצטנס צו חלום. שוין לאַנג אים נישט געזען, האָט זי אַזוי לאַנג פּלאַנירט און געריעדט דערפון, ביז אין אַ שיינעם טאָג האָט זי זיך אויפגעהויבן און באַשלאָסן צו פאָרן. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ נייַ קלייד און אַ נייער פּאַטשיילע. איר יאָסעלען האָט זי אָנגעטאָן אַ פּאָר נייע הייזלעך און אַלפּאַר־גאַטן. איינגעפּאַקט אין אַ קוישל אַ ביסל מתנות: אַ פלעשל געשטעלטן ווישניק, אַ ביסעלע רויזנשערפּ, איינגעמאַכטס און אויך געבעקס.

ווען זי איז שוין געזעסן אין באַן האָט זי געלערנט איר זונדל:

— דו זעסט? — ווייזט זי אים אויף די פעלדער, וואָס פליען פאַרביי

— די אַלע פעלדער געהערן צום יידישן פאָלק. באַראָן הירש האָט דאָס אַלץ פאַר אונדז אָפּגעקויפט. ער האָט געוואָלט, אַז יידן זאָלן זיין פויערן, פּראָסטע, ערלעכע ערד־אַרבעטער. די שטאָט, זונעלע, איז נישט פאַר אונדז. דאָרט דאַרף מען קענען האַנדלען, דרייען מיט דער וועלט. דיין טאַטע קען דאָס נישט. פאַר אונדז זענען גוט די פעלדער. אונדזער סקאָט (סטאַדע) זאָל זיין געזונט, אונדזערע הינדעלעך און קאַטשקעלעך זאָלן זיך פאַרמערן. וואָס דאַרף מען מער?

— יאָ, מאַמע, אַז איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך אויך זיין אַ קאָלאָ־ניסט.

— וואַרט נאָר, האָט די מאַמע זיך אומגעקוקט. — אין באַסאַוויולבאַסאָ דאַרפן מיר אויסשטייגן. אָט זעסט? — האָט זי ווייטער דערציילט: — יידן האָבן זיך דאָ באַזעצט אין שטעטל. פון די אַרומיקע קאָלאָניעס זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען קיין באַסאַווילבאַסאָ און זיך דאָ אויפגעשטעלט הייזער, געמאַכט קלייטן.

— האָבן זיי פאַרלאָזט די פעלדער?

— ניין, נישט אַלע. אַ סך האָבן שיינע, אויסגעצאָלטע טשאַקרעס (ווירטשאַפטן) און חוץ דעם אויך הייזער אין שטאָט.

די באַן איז שטיין געבליבן אויף אַ ברייטער סטאַציע מיט אַ סך באַן־ליניעס. די מאַמע איז נישט געווען זיכער צי דאָס איז באַסאָ און אָן אויפהער געפרעגט אַ באַן־באַאַמטן.

— יאָ, האָט יענער איר געענטפערט אויף יידיש: — דאָס איז באַסאָ־ווילבאַסאָ! אַז מען רעדט יידיש, איז די מאַמע שוין געווען זיכער, אַז זי איז אין באַסאָ. זיי זענען אויסגעשטיגן. דער צוג צום זיידן גייט ערשט אָפּ פיר אַ זייגער. מען דאַרף דאָ וואַרטן דריי שעה. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. צוגן זענען געקומען און צוגן זענען אַוועק. יאָסעלע האָט איבערגעציילט די וואַגאָנעס פון יעדן צוג. האָט רחמנות געהאַט אויף די בהמות, וועלכע מען האָט געפירט אָנגעפּאַקט אין די וואַגאָנעס. פון די פרייע פעלדער האָט מען זיי דאָ צוזאַמענגעשטופּט, פּונקט ווי, להבדיל, מענטשן אין די גרויסע שטעט, אַנשטאָט זיי זאָלן לעבן אויף די ברייטע זוניקע פעלדער, שטיקן זיי זיך אין ענגשאַפט אין די גרויסע שטעט. פיר אַ זייגער זענען אָנגעקומען עטלעכע באַנען. די מאַמע האָט זיך אָנגעהויבן צו איילן. אויף דריי ליניעס זענען געשטאַנען צוגן. אין וועלכן שטייגט מען איין?

— אָט דער צוג גייט קיין קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגוויי? — האָט זי גע־פרעגט אַ באַאַמטן.

— יאָ, דער אויף דער צווייטער ליניע — האָט יענער געענטפערט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך. די באַן האָט אָנגעהויבן צו פייפן. די מאַמע האָט זיך שטאַרק געאײַלט:

— נו, יאָסעלע, יאָסעלע, שנעלער, ווו ביסטו?

זי איז אַ צופרידענע אַריין מיט אַלע אירע פּעקלעך, נאָך איידער דער צוג האָט גערירט.

יאָסעלע קוקט אַרויס דורכן פענצטער:

— זע נאָר, מאַמע, — זאָגט ער — עפּעס אַלע פעלדער זעען אויס ווי די, וועלכע מיר האָבן געזען בעתן פאָרן אַהער.

— אוודאי, — זאָגט די מאַמע דרימלענדיק — אַלע בהמות האָבן איין פּנים.

יאָסעלע קוקט ווייטער און עס דאַכט זיך אים, אַז ער זעט די זעלבע הייזער.

— מאַמע — מאַכט ער דערשטוינט — אָט האָסטו דאָך אונדזער סטאַציע אַלקאַראַז!

— גיי שוין גיי! ביסט אַ נאַר!

— אָבער מאַמע, אַט האָסטו דאָך אונדזער וועג אין קאָלאָניע, אַט פאָרן קאָלאָניסטן מיט טאַטשקעס מילך!

די באַן איז שטיין געבליבן אויף דער סטאַציע און יאָסעלע איז געווען געדערעכט: ס'איז געווען דאָס שטעטעלע אַלקאַראַז. זיי זענען אויסגעשטיגן און ביז היינטיקן טאָג קען רחל לאה נישט פאַרשטיין — זי איז געפאָרן אין קאָנסעפּסיאָן און גאַר אָנגעקומען צוריק אַהיים. און פון דעמאָלט אָן רייצן זיך די קינדער מיט יאָסעלען. זיי פרעגן אים, צי וויל ער נישט פאָרן צום זיידן.

*

אַ שבת נאָך מיטאָג איז מען געזעסן ביי ליפסקערן אין שטוב און זיך דערציילט די גליקן, וואָס קאָלאָניסטן מאַכן אין בוענאָס־איירעס.

— אָט איז בערקאָוויטשעס זון אַוועקגעפאָרן אין צעריסענע אַלפּאַרגאַטן און היינט האָט ער אַ בוימל־פאַבריק. אַן אַנדערער האָט זיך גאָר געעפנט אַ פאַבריק פון בעזעמער און באַשעפטיקט שוין אַרבעטער.

איטשע־לייב האָט זיך אויפגעהויבן און ביז אויסגעשפּיגן:

— אַ טפוי! נאָט אייך אַ גרייצער פאַרן גאַנצן בוענאָס־איירעס! קושן די ערד, זאָג איך אייך, זאָלט איר דאָ! איך וועל אייך דערציילן פון מיין רייזע קיין בוענאָס־איירעס, וועט איר זען.

— ער איז גערעכט — זאָגט די משהכע — וועלכע וויגט אויף די הענט איר פּיצל קינד פון עטלעכע וואָכן, זי האָט עס געהאַט אין בוענאָס־איירעס, וווהין זי איז געפאָרן אויף קימפּעט. איינגעשטאַנען איז זי ביי איר קוזינע, וואָס נייט פּיזשאַמעס פאַר די געשעפטן און איר מאַן אַרבעט אין אַ ווערקשטאַט, אוןביידע פאַרדינען אַזוי פיל, אַז עס פעלט זיי אויס תמיד ניין און ניינציק צום פּעזע. — און מיר דאָ? וועגן דירה־געלט דאַרפן מיר נישט זאָרגן, און אַז עס איז נישטאָ וואָס צו עסן, כאַפּט מען אַ הינדל און מען מאַכט מטעמים.

איטשע לייב וועט שוין פאַרזאָגן קינדס־קינדער צו פאָרן קיין בוענאָס־איירעס. ער האָט זיי שטאַרק מקנא געווען אין די גליקן, וואָס מען דערציילט זיך אָן פון דאָרטן, זאָגט ער איין מאָל צו זיין ווייב:

— שוין געגוג! ווי לאַנג וועלן מיר נאָך דאָ אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן? לאָמיר אויך פאָרן קיין בוענאָס־איירעס.

זיין ווייב האָט אָפּגעבאַקן חלות און צוקער־געבעקסן, אָפּגעמאַכט צוויי הינדלעך און איינגעפּאַקט אַ קיישל אייער — אין שטאָט אַריין קומט מען נישט מיט ליידיקע הענט. כדי איינצושפּאָרן צייט און געלט, האָבן זיי באַ־שלאָסן צו פאָרן מיטן אויטאָבוס. די פּעקלעך האָבן זיי אַרויפגעלייגט אויף די פּאָליצעס, מען פאָרט און די פּעקלעך שאָקלען זיך. אַנטקעגן איטשע לייב זיצט אַ גוי און כראָפּעט. די הענט האַלט ער פאַרלייגט אויפן בויך, די באַקן הייבן זיך אים אויף און אָפּ ווי אַ בלאָזזאַק. איטשע לייב קוקט ווי דער גוי שלאָפט עס געשמאַק און די אויגן קלעבן זיך אים אויך צו. פּלוצעם: טראַך! זיין פּעקל מיטן געבעקס און די הינער פאַלט גלייך אויפן גויס קאָפּ! איטשע לייב אַנטשולדיקט זיך, אָבער דער גוי קאָן גאָרנישט קומען צו זיך פון כעס. ער זיצט מיט רוגזה און דריקט דאָס הענטל פונעם מעסער אין שיידל, וואָס הענגט אים אַראָפּ פון לעדערנעם גאַרטל. איטשע לייב שרעקט זיך. זיין ווייב מאַכט אים פאַרוורפן:

— איטשע לייב, ווי אַזוי האָסטו אַרויפגעלייגט די פּעקלעך, איטשע לייב?

— איטשע לייב לייגט איבער די פּעקלעך אין זיין זייט, וועלן זיי פאַלן, זאָלן זיי פאַלן אויף אים און נישט אויפן בייזן גוי. ער פּרוווט ווידער כאַפּן אַ דרימל, און עס חלומט זיך אים, אַז ער נעמט צוזאַמען די אייער פון אונטער די הינער, אַ סך אייער, זיי רינען אים גלייך אין מויל אַריין.

— איטשע לייב! איטשע לייב! — שרייט זיין יידענע.

— וואָסי שוין ווידער! — ענטפערט ער פאַרשלאָפן, באַלעקנדיק זיך אין חלום פון די אייער. לסוף כאַפּט ער זיך אויף, דאָס קיישל מיט די אייער איז אים אַראָפּ אויפן קאָפּ, די אייער צעבראָכן, זיי רינען אים איבערן פּנים, אויף זיינע קליידער.

— ווי איז מיר, — פאַרבראָכט די איטשע לייבעכע די הענט: דיין נייער אַנצוג! ס׳איז געווען אַ בושה פאַר די פּאַסאַזשירן. זיי האָבן געקייכט פון געלעכטער. זיין ווייב העלפט אים זיך אַרומוווישן, אָבער עס איז נישט געווען מעגלעך צו פאַרווישן די שפּורן פון די אייער. — אַ תל געמאַכט פון אַ נייעם אַנצוג, — קלאָגט זיין ווייב.

זיצט איטשע לייב מיטן פאַרפלעקטן אַנצוג און זעט ווי מענטשן האַלטן אין איין לאַכן פון אים.

אין די בייטאָג־שעהען איז מען געפאָרן מיט דעם פאַראָם איבערן פאַראַ־נאַער טייך. איטשע לייב האָט נישט ליב אונטערוועגס איינצושפּאָרן, צו קאַרגן, זאָגט ער צום ווייב:

— קום אין רעסטאָראַן, וועלן מיר עפּעס איבערכאַפּן.

אין רעסטאָראַן האָט איטשע לייב באַשטעלט פאַרן ווייב אַ זופּ און פאַר זיך אַ ביפשטיק און צוויי אייער. דער ביפשטיק איז האַרט, ווי אַ שטיק לעדער. איטשע לייב איז געוואָרן אין כעס, פאַרקאַטשעט די אַרבל, אַריינ־געשטעקט דעם גאָפּל און נעמט זיך צום שניידן. דער ביפשטיק גיט זיך אַ גליטש אַרויס און פליט גלייך אויפן שויס פון אַ פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן.

— איטשע לייב, — קלאָגט זיין ווייב, — פאַר וואָס בין איך מיט דיר נישט געבליבן אין קאָלאָניע?

איטשע לייב קלערט דאָס זעלבע. זיי האָבן שוין ווי עס איז איבערגע־קומען דעם מיטאָג און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

אין אַ גוטער שעה אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס. איצט דאַרפן זיי פאָרן אויפן אַדרעס פון אַ געוועזענעם קאָלאָניסט, וואָס האָט פאַראַיאָרן פאַרלאָזט די קאָלאָניע. נישט אַזוי לייכט איז אים צו געפינען. זיי זיצן שוין אַ פּאָר שעה אין טראַמוויי און עס נעמט גאָרנישט קיין סוף צו דער פאָרעניש. ענדלעך זענען שוין אויסגעשטיגן אַלע מענטשן. דער קאָנדוקטאָר קומט צו זיי צו און פרעגט זיי, וווּהין זיי פאָרן. איטשע לייב ווייזט אים דאָס צעטעלע מיטן אַדרעס פונעם געוועזענעם קאָלאָניסט.

— קאַראַמבאַ! — גיט אַ געשריי דער קאָנדוקטאָר — איר האָט באַ־דאַרפט אויסשטייגן נאָך צוריק מיט אַ שעה! — ער הייסט זיי אויסשטייגן און נעמען אַ צווייטן טראַמוויי.

דאָס פאָר־פאָלק שטייגט אויס. הונדערטער טראַמווייען, אויטאָבוסן, אוי־טאָס פאָרן אַהין און אַהער, און גיי ווייס, וועלכן צו נעמען! ס'איז נישטאָ דאָ אַפילו וועמען צו פרעגן, מענטשן לויפן, איילן זיך. ווער קוקט זיך דאָ אום אויף עמעצן? פון אַ גרויס הויז, מיט זיילן און פאַסאַדן און פענצטער

גרעסער ווי טירן, איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער הער, ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, נישט געאײַלט.

— דעם װעל איך פרעגן! — איטשע לייב נעמט אַראָפּ דאָס היטל, גייט צו אים צו, ער ווייזט אים דעם אויפגעשריבענעם אַדרעס און זאָל ער אים זאָגן וועלכן טראַמוויי ער דאַרף נעמען קיין וויזשאַ קרעספּאָ, צו זיין געווע־זענעם שכן, דעם קאָלאָניסט.

דער סעניאָר ענטפערט אים מיט אַ שמייכל:

— אין מיין לעבן בין איך נישט געפאָרן אין אַ טראַמוויי.

אין דעם מאָמענט האָט אַ שאָפער אויפגעמאַכט די טיר פון אַן עלעגאַנטן אויטאָ, דער הער איז איינגעשטיגן און אַוועקגעפאָרן.

— איטשע לייב, — וויינט ווידער זיין ווייב, — וועמען האָסטו געפרעגט, אפשר דעם פּרעזידענט אַליין!

— נאָ דיר אַ פּרעזידענט אויף דיין קאָפּ! — ווערט איטשע לייב בייז. זיי נעמען די פּעקלעך אין די הענט און לאָזן זיך גיין. עפּעס פילן זיי זיך אַזוי עלנט און פאַרלאָזט צווישן דעם גרויסן עולם. זיי זענען מיד און שלעפּן קוים די פיס. אין דעם האָט איטשע לייב דערקענט אין אַ פאַרבייגייער, אַז ער דאַרף זיין אַ ייד.

— רעב ייד, — האָט ער אים אָנגענומען גלייך ביי די לאַצן — איר מוזט אונדז דאָ אַרויסהעלפן!

— איר זאָלט מיר זיין אַזוי געזונדט, — האָט אונטערגעהאָלפן די איטשע לייבעכע — ווי איר מוזט אונדז גלייך זאָגן, ווי אַזוי מען שלאָגט זיך צו צו מענדל שיקהאָלץ, דעם געוועזענעם קאָלאָניסט?

דער ייד, כאָטש ער האָט זיך זייער געאײַלט, איז ער דאָך עפּעס אַ ייד, וואָס מוז טאָן יענעם אַ טובה, האָט ער גענוי איבערגעלייענט דאָס צעטעלע מיט דעם אַדרעס און זיי צוגעפירט צו אַ טראַמוויי, זיי אַריינגעזעצט, געבעטן אַפילו דעם קאָנדוקטאָר ער זאָל זיי הייסן אויסשטייגן אויף דער געהע־ריקער גאַס. און אַזוי זענען זיי אָנגעקומען צו דעם געוועזענעם קאָלאָניסט מענדל שיקהאָלץ.

מענדל שיקהאָלץ האָט זיך עפּעס נישט שטאַרק דערפרייט מיט די געסט. געוווינט האָט ער מיט זיין משפחה אין איין צימער. אָבער ווי ער

זאָגט: — אַרויסוואַרפן מענטשן אויף דער גאַס וועט ער נישט. די איטשע לייבעכע האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער:

— ווו וועלן מיר דאָ אַלע שלאָפן?

— נישט געזאָרגט! צו דעם בעט וועט מען צושטעלן אַ לאַנגע באַנק און די ווייבער מיט די קינדער וועלן זיך לייגן אין דער ברייט אויפן בעט און מיר, מאַנסבילן, וועלן זיך אויסבעטן אויפן דיל.

מען האָט אַזוי געטאָן. ביינאַכט פאַרוועלט זיך איטשע לייבן אַרויסגיין, דער קאָרידאָר איז אַ לאַנגער און שמאָלער, אַ טיר לעבן אַ טיר. צוריקוועגס ציילט איטשע לייב אָפּ די זעקסטע טיר און גייט אַריין. ער טאַפּט אין דער פינצטער און קען נישט געפינען זיין געלעגער.

— געוואַלד! אַ גנב, אַ גנב! — צעשרייען זיך פרעמדע קולות, מען מאַכט ליכט און איטשע לייב זעט, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער שטוב. אויף די געוואַלדן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַלע שכנים.

— שאַט! — באַרויִקט זיי מענדל שיקהאַלץ — עס איז נישט קיין גנב, דאָס איז מיין גאַסט, אַ געקומענער פון דער קאָלאָניע!

איטשע לייב שטייט צווישן די האַלב־נאַקעטע מענטשן און ווען די ערד עפנט זיך פאַר אים, זינקט ער אין איר אַריין. אַזאַ חרפּה! נאַ דיר די גרויסע שטאָט!

אין בוענאָס־איירעס געפינט זיך די הויפּט־צענטראַלע פון די קאָאָפּע־ראַטיוון. אַלע קאָלאָניסטן, וועלכע קומען קיין בוענאָס איירעס, שטאָטן דאָ אָפּ אַ וויזיט. אויך איטשע לייב און זיין יידענע זענען אַהער געקומען. זיי פרעגן ביים אַריינגאַנג, ווו עס געפינט זיך די ביוראָ און מען ווייזט זיי אָן אויף אַ טיר. זיי גייען צו צו דער טיר און זעען, אַז דאָס איז גאָר אַזאַ מין שטייג. ניין, דאָ קען נישט וווינען דער דירעקטאָר פון די קאָאָפּע־ראַטיוון. אין דעם קומט אָן עפּעס אַ מאַן, ער גיט אַ דריק אויף אַ קנעפּל, עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ שטיבל, דער מאַן גייט אַריין און פליט אַרויף. איטשע לייב און זיין ווייב קוקן זיך איבער... ניין, דאָס לעבן וועלן זיי נישט איינשטעלן, זיי וועלן אַרויפגיין מיט די טרעפּ. ס׳איז נאָר אויפן פערטן שטאָק.

אויבן האָבן זיי געטראָפן היימישע מענטשן. דער דירעקטאָר, אַן על־

טערער מאַן, האָט זיי אויפגענומען מיט אַ ברייטן ברוך־הבא! עפּעס אַ קליינִיקייט, געסט, געסט פון דער קאָלאָניע סטרע... מען האָט זיך צערעדט וועגן דער קאָלאָניע, וועגן דעם דאָרטיקן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס דער אמת איז, — איטשע לייב פאַרשטייט נישט די פּאָליטיקע, וואָס זיי פירן דאָרטן. ער, איטשע לייב, איז זיך געקומען באַראַטן.

— נו רעדט, רעדט, — האָט דער דירעקטאָר אים צוגעגעבן מוט.

ער, איטשע לייב, האָט אָפּגעשפּאַרט אַ פּאָר פּעזעס, אויך זיינע בהמות זענען ווערט אַ פּאָר טויזנטער, קלערט ער, איטשע לייב, צי ס׳וואָלט נישט געווען אַ תכלית צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

דער דירעקטאָר האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאַכט זיך אַז בוענאָס איירעס איז נישט פאַר אייך, נאָר וואָס דען, קוקט אייך אַליין אַרום און זעט, צי ס׳איז כדאי צוליב בוענאָס איירעס צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

קיין סך צייט האָט מען אין דער צענטראַלע פון דער קאָאָפּעראַטיוו נישט געהאַט פאַר די געסט, האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט און געלאָזט אַרויסגיין. אין קאָרידאָר באַטראַכט איטשע לייב דאָס שטייגל, וואָס פליט אַזוי אַרויף און אַראָפּ, — הם — מאַכט ער — און גייט צוריק אַריין צום דירעקטאָר און רופט אים אַרויס:

— איר זאָלט מיר מוחל זיין, איך קענט מיר נישט זאָגן, ווי אַזוי מען פליט מיט דעם אַראָפּ? — ווייזט ער אויף דעם שטיבל אין די אייזערנע קראַטעס.

— אָבער מיטן שענסטן פאַרגעניגן! — לאַכט דער דירעקטאָר.

ער גיט אַ דריק אויפן קנעפּל און שוין בלייבט שטיין דאָס שטיבל. ער מאַכט אויף די טירן און הייסט זיי אַריינגיין — אָט דאָרט גיט, זייט מוחל, אַ דריק ביים לעצטן קנעפּל, פאָרט איר אַראָפּ!

איטשע לייב פאָלגט און זיי פליען אַראָפּ, אָבער נאָך ווי אַראָפּ, נישט איינצוהאַלטן, ביז זיי בלייבן שטיין אין אַ פינצטערן קעלער.

— איטשע לייב! — נעמט אים אָן זיין יידענע: — ווו זענען מיר דאָס ערגעץ אַראָפּ?

— וואַרט אויס! מסתמא דאַרף מען דאָ צוּוואַרטן!

ווי מיט אַ כישוף הייבט זיך פּלוצעם צוריק אויף דאָס שטיבל און זיי קומען ווידער אַרויף אויף אַ שטאָק.

— קום! — נעמט איטשע לייב זיין יידענע ביי דער האַנט, — איך האָב שוין גענוג די מאַכערייקעס!

ביים ראָג איז די סטאַציע פון דער אונטערגרונט־באַן. פון דאָרט, האָט מען זיי געזאָגט, איז לייכטער צו פאָרן, ווי מיטן טראַמווײַ. גייען זיי אַהין, אָבער דאָ דאַרף מען אַראָפּגיין עפּעס אַזעלכע טרעפּ, וואָס האַלטן אין איין לויפן, עס שווינדלט זיי פאַר די אויגן דאָס לויפן פון די טרעפּ. זיי זעען ווי מענטשן שטעלן זיך אַוועק אויף די טרעפּ און די טרעפּ יאָגן מיט זיי. אַ מאָדנע וועלט, טראַכט זיך איטשע לייב, דאַרפסטו אַרויפגיין, פליסטו, דאַרפסטו אַראָפּגיין, טראָגט עס דיך! עס וועט נאָך אויסקומען, אַז מענטשן וועלן נישט דאַרפן קייען, נאָר שלינגען גאַנצע הינער! אָבער נישט ביי איטשע לייבן! שטילשווייגנדיק, ווי אָפּגערעדט, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט פון די לויפנדיקע טרעפּ און צוריקגעגאַנגען. קען מען אָבער נישט אַרויס־גיין, ביים אַריינקומען, וואַרפט מען אַריין אַ פּרוטה, איז מען אינעווייניק, אָבער צוריק קען מען מער נישט אַרויס. און פּונקט ווי די טרעפּ, וואָס האַלטן אין איין לויפן, אַזוי פליסט אָן אויפהער דער מענטשן־שטראָם, זיי האַלטן אין איין גיין און עס נעמט גאָרנישט קיין סוף. צום גליק טרעפט מען אומעטום יידן, וואָס פירן אַרויס פון יעדער צרה.

נישט טויט, נישט לעבעדיק האָבן זיי זיך קוים דערשלעפּט צוריק צו מענדל שיקהאָלץ. די מענדעליכע האָט שוין אין דער צייט געהאַט אויס־געפּאַקט דער איטשע לייבעכעס פּעקלעך. איטשע לייב בעט אַ מאַטע. עס איז אים טרוקן אין האַלדז פון דער שטיקנדער לופט. ער איז פאַרטשאַדעט פון די גאַזן און רויכן.

— יאָ, פאַר וואָס נישט? — שוין מאַכט די מענדעליכע אַ מאַטע.

— און עפּעס צוצובייסן? — בעט די איטשע לייבעכע.

— צוצובייסן? — און די באַלעבאָסטע לייגט אַוועק פאַר זיי אַ פּאָר טרוקענע גאַזשעטן (פּלעצלעך).

קלערט זיך די איטשע לייבעכע: ווו האָט זי אַהינגעטאָן מיינע גע־בעקסן? מענדל שיקהאָלץ רוימט איין דערווייל איטשע לייבן סודות און

דערציילט אים, וואָס פאַר אַ גליקן די גרויסע שטאָט קען ברענגען.

— איך זע שוין אייערע גליקן — קוקט זיך אַרום איטשע לייב.

— וואָס, איך דאַרף נאָר האָבן אַ פּאָר טויזנט פּעזעס. איר הערט, ר׳ איטשע לייב, לאָמיר מאַכן בשותפות אַ געשעפט. אָט טרעפט זיך מיר איבער־צונעמען אַ געשעפטל, קען מען נתעשר ווערן. מען דאַרף נישט קיין סך, אָט אַזוינע צען טויזנטער וואָלט גענוג געווען.

— ווו איז אייער ביסל געלט, איר זענט דאָך אויך נישט אַראָפּ מיט ליידיקע הענט פונעם פעלד.

— ערשטנס, האָב איך נישט קיין סך פאַרמאָגט, און דאָס ביסל האָב איך אַריינגעלייגט אין סחורה, האָב איך עס צעגעבן אויף באָרג, בין איך געבליבן אָן געלט און אָן סחורה, אָבער די פרנסה, ב״ה, שלעפּ איך אַרויס.

איטשע לייב האָט זיך אויפגעהויבן און געשפּאַנט איבער דער שטוב:

— אַ שיינע פרנסה! גיין איבער די הייזער און שלעפּן אַ פּאַק סחורה מיט זיך!

— ווען דער פּאַק וואָלט כאָטש אַן אייגענער געווען, אָפּט שלעפּט מען אַרום יענעמס סחורה!

איטשע לייב איז שטיין געבליבן ביים פענצטער און בייז אויסגע־שפּיגן:

— איך שפּיי אויף אַזוינע פרנסות און אויף גאַנץ בוענאָס־איירעס!

— און ביי אייך אין דאַרף איז בעסער? — האָט זיך אַריינגעמישט די מענדעליכע — איך געדענק נישט דאָס חושכקייט ביינאַכט? צי די בלאָטעס, אין וועלכע מען האָט זיך געטונקט? דאָ איז דאָך אַ ליכטיקע וועלט! מען שפּילט, מען זינגט, וואָס האָט איר דאָ נישט?

— טאָקע, מען האַלט אין איין שפּילן. איך בעט אייך, פאַר וואָס שפּילן בסדר די ראַדיאָס ביי אייערע שכנים? נישט גענוג זיי דער טאָג, דאַרפן זיי נאָך גראַגערן אַ גאַנצע נאַכט אויך?

— דאָס קען מען יענעם נישט פאַרווערן, ווען ער וויל זיך אָנשטעלן זיין ראַדיאָ. דער שכן פון דער רעכטער זייט אַרבעט ביינאַכט, שטעלט ער זיך אָן דעם ראַדיאָ ביי טאָג, און דער שכן פון דער לינקער זייט אַרבעט ביי טאָג, שטעלט ער זיך אָן דעם ראַדיאָ ביינאַכט.

איטשע לייב האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער: ער האָט נישט געזען די גרויע וואַנט קעגנאיבער, נאָר זיינע געליבטע פעלדער. נאָך אַ פּאָר יאָר וועט ער האָבן אויסגעצאָלט פאַר זיין ווירטשאַפט דער איק"אַ און ער וועט זיין אַ פרייער באַלעבאָס ביי זיך אויף זיין פעלד. ער האָט זיך ראַפּטעם געגעבן אַ דריי אויס און דערביי פאַרטשעפּעט דעם מאַטראַץ, וואָס די מענ־דעליכע האָט אַוועקגעלייגט צום לופטערן. דער מאַטראַץ איז אַרויסגעפאַלן פון יענער זייט פענצטער.

ר' איטשע לייב! — האָט די מענדעליכע פאַרבראָכן מיט די הענט! — עס ווינען דאָך מענטשן אונטן: דער מאַטראַץ קען אַוועקהרגענען עמעצן.

באַלד איז טאַקע אַרויפגעקומען אַ גוי, ער איז געווען בייז און געוואָרנט מיטן פינגער מענדלען פאַר דער נאָז:

— עסטאָ זשאָ נאָ פּאַסאַראַ! (דאָס וועט שוין נישט דורכגעלאָזט ווערן) איך וועל דיך אָנלערנען! צו ערשט שפּייסטו מיר אויפן קאָפּ און דערנאָך וואַרפסטו מיר אַראָפּ אַ מאַטראַץ? צום גליק האָסטו מיך נישט אַוועקגע־הרגעט, אָבער איך וועל דיך יאָ באַלד אַוועקלייגן! — און ער לאָזט זיך מיט צעשפּרייטע פינגער צו מענדלס האַלדז. מען האָט דעם גוי קוים איינ־גענומען, אים צוגעזאָגט, אַז מער וועט אַזוינס נישט געשען, מען וועט אים באַצאָלן דעם שאָדן, וואָס דער מאַטראַץ האָט אָנגעמאַכט, די מענדעליכע האָט אים געגלעט איבערן קאַרק, ווו איטשע לייב זאָל אים האָבן אָנגעשפּיגן.

פון די אַלע אויפרעגונגען, איז דערנאָך דער מענדעליכע נישט גוט געוואָרן. שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפן. זיי האָבן געקוקט מיט קרומע אויגן אויף „די געסט".

— איך — צעשרייט זיך אַ שכנה, מיט שטאַרע אויגן, וועלכע קוקן אויף איין פונקט — ווען עס קומען צו מיר געסט פון דער פּראָווינץ, גיב איך זיי צוויי פּעזעס, זיי זאָלן גיין שלאָפן אין אַ האָטעל.

די מענדעליכע האַלט אין איין קרעכצן און פאַרוואַרפן מיטן קאָפּ. די ווייבער לייגן איר צו קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, שטופּן איר נאַסע האַנטעכער אין בוזעם. די איטשע לייבעכע האָט אָפּגעלאָשן קוילן. זי האָט אַריינגעוואָרפן גליענדיקע קוילן אין אַ גלאָז וואַסער, באַשפּריצט די קראַנקע מיט דעם וואַסער און איר אויך געהייסן אַ זופּ טאָן דערפון.

— ס׳איז אַ גוט אויג, — זאָגט זי. אַ סימן, אַלע קוילן זענען אַרויפֿ־געקומען און נאָך אַ סימן — די קראַנקע גענעצט.

די מענדעליכע האָט אַזוי לאַנג געגענעצט, ביז זי האָט זיך אויסגע־גענעצט און ס׳איז איר בעסער געוואָרן. זי האָט זיך באַרויקט און אַריינ־געגאַנגען אין קיך עפּעס צוגרייטן צום עסן. די קיך איז געווען בשותפות מיט נאָך צוויי שכנות. זענען די דריי באַלעבאָסטעס געשטאַנען צוזאַמען, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן איינע אין די אַנדערע, און איז נאָך אַריין אַ מאַנסביל, איז ער שוין אין גאַנצן צעפּלעטשט געוואָרן. איטשע לייב באַ־טראַכט ווי מענטשן וווינען, ווי זיי שטיקן זיך אין ענגשאַפט: אומעטום זענען צוגעטשעפּעט נאָך און נאָך שטיבעלעך. מען וווינט אין די קאָרידאָרן, אויף די דעכער, אין די קעלערס. אָט זעט ער דורכן פענצטער, קעגנאיבער, אויפֿן דאַך, אַ הילצערן ביידל. אַ מענטש וווינט דאָרט און עס איז אַ חידוש, אַז דער ווינט טראָגט אים נישט אַראָפּ מיטן ביידל אין איינעם.

— קום, — מאַכט ער צו זיין אַלטער, מיר וועלן גיין עפּעס אָפּעסן!

— יאָ, יאָ, — כאַפּט אונטער מענדל שיקהאָלץ — קומט, איך וועל אייך צופירן. נישט ווייט פון דאַנען איז דאָ אַ יידישער רעסטאָראַן!

דער יידישער רעסטאָראַן האָט זיך געפונען אין אַ פּריוואַט־וווינונג, אויפֿן צווייטן שטאָק. זיי האָבן זיך צוגעזעצט ביי אַ טישל. עס איז צוגע־קומען דער באַלעבאָס. ער האָט געהאַט אַ זויער פאַרשלאָפן פנים. אַזוי פאַרשלאָפן זענען געווען אויך זיינע רייד:

— וואָס זשע וועט איר עסן?

— אַלצדינג! אַ פולן מיטאָג! אַנו, גיט נאָר אַ דערלאַנג דעם אַריינפיר!

— רייבט זיך אַ פריילעכער מענדל שיקהאָלץ די הענט.

— וואָס, לעבער מיט ציבעלע, אָדער געפילטע פיש?

— אַלע ביידע. צו ערשט לעבער מיט ציבעלע און דערנאָך געפילטע פיש. אַ פלאַש ווייַן און צוויי פלעשלעך ביר, און ווי געשיקט זיך, אַ ביסל קאָניאַק צו די פיש, ווי מיינט איר, ר׳ איטשע לייב?

איטשע לייב זיצט מיט אַן איינגעצויגענעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און שווייגט.

צוויי קעלנערס באַדינען די געסט. און דער באַלעבאָס זעצט זיך ווייטער

אַוועק דרימלען, אָבער אַזוי דרימלענדיק, האָט ער דערזען, ווי אַ בחור וויל זיך אַרויסמאַכן און נישט באַצאָלן. אַן עלעגאַנטער הער זיצט ביי אַ געקאָכטע הון, צעדרויבלט עס מיטן גאָפּל, באַשמעקט עס און עסט נישט. ער גייט צו אים צו:

— איר עסט נישט?

— נייך, — שאַרט דער גאַסט אַוועק דעם טעלער — ס'שמעקט מיר נישט. דערלאַנגט מיר עפּעס אַנדערש.

דער באַלעבאָס נעמט צו דאָס פּערטעלע עוף, באַדויערט: ווען דער גאַסט וואָלט עס נישט אַזוי צעדרויבלט, וואָלט ער עס געקאָנט דערלאַנגען אַן אַנדערן גאַסט.

און מענדל שיקהאָלץ האָלט אין איין באַשטעלן אַלע מאָל אַן אַנדער געריכט. די איטשע לייבעכע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו עסן. די געהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס זענען געווען זויער, די געפילטע פיש האָט געהאַט אַ בייטעם, די זופּ מיט פאַסאָליעס און רייז האָט מען נישט געקאָנט נעמען אין מויל, ס'איז געווען זויערלעך־איבערגעשטאַנען. האָט זי געבעטן אַ ביסעלע קאַלטן באָרשטש, אָבער דער באָרשטש, וואָס מען האָט איר דערלאַנגט, איז געווען עסיק־זויער און פון אויבן איז עפּעס געשווומען, מען ווייס נישט וואָס, צי איז עס עפּעס אַ פליגעלע מיט צעשפּרייטע פיסלעך, צי גאָר פאַרגרינטע סמעטענע. איטשע לייב האָט זיך געאַמפּערט מיט אַ שטיקל האַרטע פליייש און עס נישט געקאָנט בייקומען. פאַר זיי ביידן האָט שוין געגעסן מענדל שיקהאָלץ און איטשע לייב האָט באַצאָלט.

נאָכן מיטאָג זענען זיי אַהיימגעקומען. די מענדעליכע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאַסן האַנטעך אויפן קאָפּ. זי איז קאָנטיק געווען ברוגז. זי האָט נישט גערעדט, נאָר געשלוקעצט און פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ:

— מענדל, פאַר וואָס נעמסטו נישט דאָס פּעקל און גייסט נישט אַרויס אין גאַס, מענדל?

אָבער מענדל ענטפערט איר אַ פריילעכער: — היינט אַרבעט איך נישט. היינט באַדין איך די געסט.

די מענדעליכע האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שלוקעכץ און אַ זיפץ. פּלוצעם האָט זיך איטשע לייב געכאַפּט:

— וואָס זיצן מיר דאָ? מענדל, ווען גייט אָפּ דער צוג קיין ענטרע ריאָס?

— דער צוג גייט אָפּ זעקס פאַרנאַכט. נאָר וואָס עפּעס מיטן דרינגען שוין דער צוג? איר זענט דאָך ערשט געקומען!

— ניין, ענטפערט אים אַנטשלאָסן איטשע לייב — איך מוז שוין פאָרן! ווייב מיינס, וואָס זיצסטו נאָך, וואָס? גיי מאַך דאָס פּעקל!

די איטשע לייבעכע האָט זיך אָנגעהויבן צו איילן. זי האָט אין אַ פּאַטשיילע צוזאַמענגעבונדן אירע זאַכן און איז שוין געווען גרייט.

— אָבער ר׳ איטשע לייב! — האָט מענדל אים געוואָלט איבעררעדן, — קומט כאָטש און גיט אַ קוק אויף דעם געשעפטל, איך זאָג אייך: אַ שמאַלץ־גרוב!

— ניין, איך האָב עס גענוג, איך מאַך נישט קיין שום געשעפטן אין דעם עיפּושדיקן בוענאָס איירעס!

— אָבער ר׳ איטשע לייב! איר האָט דאָך סיי ווי געמאַכט אויסגאַבן, זייט נאָך אַ פּאָר טעג, וועלן מיר זען אפשר עפּעס אַנדערש אויסצוזוכן!

איטשע לייב האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, ער פאָרט היינט אַוועק!

— נעכטיקט כאָטש נאָך איבער נאָך אַ נאַכט, — האָט זיך אָנגערופן די מענדעליכע מיט אַ שוואַך קול.

איטשע לייב דערמאָנט זיך אין דער פאַריקער נאַכט און וויל פאַר קיין שום געלט דאָ נאָך אַ מאָל נישט איבערנעכטיקן.

צוויי שעה פאַרן אָפּגיין פון דעם צוג זענען זיי שוין געזעסן אויף דער סטאַציע און געוואַרט. די איטשע לייבעכע האָט געהאַלטן פאַר זיך איר פּעקל פאַרקניפּט אין דער פאַטשיילע און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אָט אַזוי זעען אויס די גליקן אין בוענאָס איירעס!

*

אַצינד זיצט ווידער איטשע לייב ביי ליפּסקערן אין שטוב און דערציילט אין פריידן, וואָס ער האָט אַלץ איבערגעלעבט אין בוענאָס איירעס.

ליפּסקערן האָט עס געצויגן אין שטעטל. ער האָט ליב געהאַט זיך אַוועק־

צוזעצן אויף דער לאַנגער באַנק אין קאָאָפּעראַטיוו און זיך צוהערן צו די רייד פון די קאָלאָניסטן.

— איר פאַרשטייט מיך, — מאַכט צו אים משה בער, זיין שכן, און פאַררוקט זיך דאָס היטל איבערן שטערן — איך וועל אייך געבן אַ ביישפּיל, וואָס קאָלאָניזאַציע איז. ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ וואַסער־טרעגער. ער האָט געטראָגן צו אַלע נגידים וואַסער. איין מאָל האָט ער געוווּנען דאָס גרויסע געווינס. וואָס זשע טוט מען מיט אַזוי פיל געלט? האָט ער עס אַוועקגעטראָגן צום שטאָט־נגיד, ער זאָל עס האַלטן. פרעגט אים דער נגיד: און פּראָצענט? וויפל ווילט איר פּראָצענט? פּראָצענט — קראַצט זיך דער וואַסער־טרעגער הינטערן אויער — פאַרן פּראָצענט וועל איך אייך טראָגן וואַסער! — אָט דאָס איז די איק"אַ. נישט גענוג, מיר באַאַרבעטן זיי די פעלדער, צאָלן מיר זיי נאָך קאָנטריבוציע.

— איר, ר' משה בער, איר באַקלאָגט זיך נאָך אויף דער איק"אַ? זאָגט דעם אמת, וויפל יאָר האָט איר קיין קאָנטריבוציע נישט געצאָלט? — פרעגט אים אַ קאָלאָניסט.

— איך זאָל צאָלן? משוגע בין איך? פון וואַנען זאָל איך נעמען איר צו צאָלן?

— און איר האָט נישט קיין מורא פאַר אַ „דעסאַלאָכע"?

— זאָלן זיי אַראָפּטרייבן, וועמען אַרט עס? — האָט ער גלייכגילטיק געגעבן אַ צי מיט די אַקסלען.

ליפּסקער האָט זיך מער נישט צוגעהערט צו די רייד פון די קאָלאָניסטן. ער האָט דערזען אַדורכגיין מאַריאַנען. זי האָט זיך געמאַכט אים נישט זעענדיק. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען אין הערבערטס רעסטאָראַן. מאַריאַנע איז טאַקע באַלד אָנגעקומען. זי איז געווען ערנסט, אָן דער פריערדיקער שפּילעוודיקייט.

— מאַריאַנע, איך מוז מיט דיר רעדן!

זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן טישל און שוואַך געשמייכלט:

— איך ווייס, וואָס איר ווילט מיר זאָגן.

— פאַר וואָס וויכסטו פון מיר? טאָג נאָך טאָג בין איך געגאַנגען צום בוים און דיך נישט געטראָפן. פאַר וואָס האַנדלסטו אַזוי? איז דיר

נישט געוועז אָנגענעם מיט מיר צו פֿאַרברענגען? זאָג, מאַריאַנע, איז דיר אַזוי גיך איבערדריסיק געוואָרן מיין פריינטשאַפט?

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר פֿאַרלעגן געשמייכלט.

— זאָג, מאַריאַנע, פֿאַר וואָס? — ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, זיך צו איר נאָענט צוגעבויגן און איר געקוקט אין די אויגן.

— עס איז בעסער אַזוי, די קאָלאָניסטן האָבן אייך גערודפט צוליב מיר.

— וואָס גייען מיר אָן די קאָלאָניסטן? הערסט, נאָך היינט וויל איך זיך מיט דיר באַגעגענען.

— ניין! — האָט זי שנעל אַ זאָג געטאָן און אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער.

— פֿאַר וואָס, מאַריאַנע?

— זאָלן מענטשן מיך נישט האָבן וואָס צו באַרעדן!

— אַזוי? אויף איין מאָל זאָרגסטו דיך, וואָס מענטשן רעדן? פֿאַר וואָס זשע נעמסטו נאָך אויף דיינע פריינט ביי דיר אין דער היים? דאָס אַרט דיך נישט, וואָס מענטשן רעדן?

— ליפסקער, איך האָב שוין איין מאָל דערקלערט די סיבה, איך האָב ליב מענער־געזעלשאַפט, איך זוך זיי צו געפֿעלן, ווייל פֿאַר אַ פרוי איז דער קאָמפּלימענט פון אַ מאַן, ווי דער טוי פֿאַר אַ בלום. דער בעסטער שפּיגל פֿאַר אַ פרוי זענען די אויגן פון אַ מאַן, און אויב אַ פרוי פֿאַרלירט דעם חן ביי מענער, ווערט זי באַלד אַלט, אָפּגעבליט.

— נישט אַלע פרויען קלערן אַזוי ווי דו.

— אַלע, ליפסקער, נאָר זיי זאָגן נישט אַרויס זייערע געדאַנקען און אַ סך ווערן שנעל מיד און רעזיגנירן. דורך דעם פֿאַרוועלקן זיי שנעל און ווערן אַלט פֿאַר דער צייט. אויך איך, ליפסקער, פיל, אַז איך ווער מיד, און וועל איך נאָכלאָזן די לייצעס, דאַן זייט זיכער, אַז מענער וועלן אויפהערן מיך צו באַזוכן. — זי איז אנטשוויגן געוואָרן. אַ ווייל האָט זי טרויעריק אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער און ווייטער פֿאָרגעזעצט: — מיר, פרויען, קענען אַ סך אַרבעטן, שאַפן, זיך מקריב זיין און ווילן נאָר איין באַלוינונג — פֿאַרערונג, ליבע — און אויב די באַלוינונג איז נישטאָ, דאַן האָט אונדזער לעבן קיין ווערט.

ער האָט ווידער אָנגענומען איר האַנט: — מאַריאַנע! — האָט ער צערטלעך געזאָגט.

זי האָט אויף אים געקוקט מיט פּייכטלעכע אויגן און טרויעריק גע־שמייכלט:

— איר ווייסט, — האָט זי פּלוצעם געביטן די טעמע — עס געפעלט מיר נישט מיין פּאַנטשאָ. ער האָט אָנגעהויבן צו טרינקען און דאָס באַאומ־רויקט מיך. אָט דאָרט גייט ער טאַקע, — האָט זי אָנגעוויזן דורכן פענצטער. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און אים אַנטקעגנגעגאַנגען. ליפּסקערן איז דורכגעלאָפן דער געדאַנק, אַז זי האָט פאַר פּאַנטשאָן מורא און זי וויל נישט, ער זאָל זי טרעפן זיצן מיט אים צוזאַמען. ליפּסקער האָט באַטראַכט דורכן פענצטער דעם שגץ און טאַקע געזען, אַז ער האָט זיך געביטן, ער איז געווען אָפּגעלאָזן, נאַכלעסיק, די קליידער זענען ווי געהאָנגען אויף אים. דאָס פּנים נישט ראַזירט און די אויגן רויט, איבערגעלאָפן, ער איז געווען שיכור.

עס איז שוין געווען גאַנץ טונקל, ווען ער איז געפאָרן אַהיים. עס האָט אים ווייניק געאַרט די פינצטערקייט. ער האָט נאָכגעלאָזט די לייצעס, געלאָזט אַליין גיין דאָס פערד — פּאַרדאָ וועט אים שוין ברענגען אַהיים. פּלוצעם האָט זיך דאָס פערד אָפּגעשטעלט.

— וואָס איז, פּאַרדאָ? — טרייבט אים ליפּסקער אונטער. דאָס פערד האָט זיך נישט גערירט. ער בייגט אָפּ פונעם וועג און גייט אין דער זייט ווייטער. ליפּסקער באַמערקט ערשט אַצינד מאַריאַנעס שוואַרץ פערד מיט אַ ליידיקן וואָגן. אַ שרעקלעכער געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן: זי, אַצינד אין פעלד, מיט דעם שיכורן גוי?

— בוענאָס נאָטשעס, סעניאָר ליפּסקער! הערט ער איר קול, אַ ביסל שפּאָטיש.

ער קוקט אַראָפּ און זעט זי שטיין אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אינעם וואָגן. פּאַנטשאָ קומט אָן פון פעלד, געבויגן אונטער אַ שווערן הויפן היי, וואָס ער האָט מסתמא געגנבעט פונעם נאָענטן פעלד.

— בוענאָס נאָטשעס סעניאָראַ, אַנטשולדיקט, אייך גאָרנישט באַמערקט

אין דער פינצטער. און אַ ביסל פאַרשעמט פאַר זיין פאַרדאַכט איז ער אַוועקגעריטן.

*

ליפּסקערס שכן, משה בער, האָט טאַקע געהאַט צרות פון דער איק״אַ.

— וואָס זאָגט איר, ליפּסקער — ווייזט ער אים איין מאָל אַ פּאַפּיר, — וואָס ווילן זיי פון מיר?

ליפּסקער האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט די מעלדונג און געזאָגט ערנסט:

— דאָס מיינט דעסאַלאָכע. אויב איר וועט נישט ברענגען אַהיים איינעם פון אייערע זין, און אויך נישט צאָלן די חובות, וועלן זיי אייך אַראָפּטרייבן פונעם פעלד.

משה בער האָט צענומען בײדע הענט און אויפגעהויבן די אַקסלען:

— אַ געשעפט האָב איך מיט זיי!

און אַזוי ווי עס איז געווען נאָך מיטאָג, איז ער געגאַנגען זיך אַ ביסל צולייגן אויף דער באַנק הינטערן בוים. ער האָט אָנגעזאָגט ליפּסקערס תלמידימלעך זיי זאָלן נישט וואָיעווען, און נישט אַזוי ווייט וואַרפן דעם באַל, ווי אַנומלט, ווען זיי האָבן אים געטראָפן מיטן באַל אין קאָפּ. דעמאָלט האָט ער זיי מוחל געווען און צוריקגעגעבן דעם באַל, טרעפט עס אָבער נאָך אַ מאָל, איז: — „ווי איך בין אַ ייד, איך וועל אייך דעם באַל נישט צוריקגעבן!״

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז פאַרפאָרן אַן אויטאָ צו משה בערס טשאַקרע. נישט אַזוי גרינג איז עס אָנגעקומען דעם אויטאָ זיך צו דערשלאָגן צו משה בערן. דער אויטאָ האָט אַרומגעקרייזט ליפּסקערס טשאַקרע, איבערגעריסן אַ שטיק צוים, צעמורשט אַ פאַרזייט שטיקל פעלד, די שאָף זענען דער־שראָקענע זיך צעלאָפן, אָנמאַכנדיק אַ שטויב מיט זייערע דאַרע פיסלעך; גענדז האָבן צענומען די ברייטע פליגלען, אויסגעשטרעקט די לאַנגע העלדזער צו דעם אָנשיקעניש און, הויך קוואָקענדיק, אָפּגעטרעטן פונעם וועג. באַהאַדאַן, ליפּסקערס הינטל, האָט האַווקענדיק באַגלייט דעם אויטאָ. נאָר די באַלעבאַטים האָבן, ווייזט אויס, נישט באַמערקט דעם אויטאָ, אפילו נישט דעמאָלט, ווען ער איז שטיין געבליבן פאַר דער טיר און

פונעם אויטאָ זענען אויסגעשטיגן דער איק״א־דירעקטאָר מיט די גראָבע וואָנסעס און דער אַדמיניסטראַטאָר מיט זיין סעקרעטאַר.

ס'איז אַרויסגעקומען די משה בעריכע, זי האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס פונעם פאַרטעך און זיך אויסגעצויגן ווי אַ סאָלדאַט:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?

— אייך גאָרנישט. שיקט אַרויס אייער מאַן.

— ער איז נישטאָ אין דער היים.

— אַזוי? אַ שאָד! מען זאָגט אַז איר האָט פאַרבאַהאַלטן תבואה.

משה בעריכעס הויכער בוזעם האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן אַרויף און אַראָפּ פון אויפרעגונג.

— איר וועט אונדז מאַכן פאַר גנבים? ס'איז אונדזערס! מיר האָבן עס פאַרזייט און אָפּגעאַרבעט, און איר האָט קיין רעכט נישט אויף אונדזער ברויט! ניין, מיר האָבן גאָרנישט באַהאַלטן! מיר האָבן אַלץ צוגעשטעלט דעם קאָאָפּעראַטיוו און די פּאָר זעקלעך, — האָט זי ברייט אויפגעמאַכט די טיר און אָנגעוויזן אויף די זעק תבואות ביי דער וואַנט — האָבן מיר איבערגעלאָזט אויף זריעה.

דער גערויש האָט פאַרט אויפגעוועקט משה בערס שלאָף הינטערן בוים. ער האָט אַ הייב געטאָן די הויזן, אויסגעווישט די אויגן און צוגעקומען צו די באַזוכער. משה בער האָט זיך נישט אויפגערעגט, ווי זיין ווייב, און זיך אויך נישט געאיילט. ער האָט געוואַרט, וואָס די געסט וועלן עפּעס זאָגן. זיין רויקייט האָט זיך איבערגעגעבן צו די געסט.

— הערט איר, ר' משה בער, איר וועט לעבן צוויי טויזנט יאָר, — האָט צו אים געזאָגט דער אַדמיניסטראַטאָר.

— אַ שיינעם דאַנק אייך, פאַר וואָס קומט מיר גאַנצע צוויי טויזנט יאָר? איך וואָלט מיך באַגנוגנט מיט אַ ביסל ווייניקער אויך.

— ווייל אַזוי פיל דאַרף געדויערן, ביז איר וועט אָפּצאָלן דער איק״אַ אייערע חובות.

משה בער זעט, אַז די געסט בייסן נישט, מען קען מיט זיי רעדן, האָט ער צוגערוקט צוויי קעסטלעך, זאָלן זיי זיך אַוועקזעצן, פאַר וואָס זיצן זיי נישט? און געגעבן באַלד צו פאַרשטיין, ווי זיין טבע איז, מיט אַ משל:

— ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ בעל עגלה, וואָס האָט געפירט פאַרשוינען אין אַנדערן שטעטל. איין מאָל האָט ער געפירט אַ רבין. אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געפאָרן, פאַרטאָג וואַשט זיך דער רבי די הענט און שטעלט זיך דאַוונען. אויך דער בעל עגלה האָט געדאַוונט. בשעת דעם דאַוונען האָט ער געשמירט די רעדער, געגעבן די פערד עסן און איז באַלד פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַוונען.

— ווי קומט עס, — פרעגט אים דער רבי — אַז דו האָסט פריער פון מיר אָפּגעדאַוונט, דאַכט זיך, אַז איך זאָג בעסער עברי ווי דו, און האָב נאָך נישט אָפּגעדאַוונט, און דו — איינס־און־צוויי, — און ביסט שוין פאַרטיק?

— איך וועל אייך זאָגן, רבי, אַזוי ווי איך בין אַ בעל־עגלה, ווייס איך דעם קירצערן וועג. צו וואָס דאַרף איך פאָרן אַרום און אַרום מיטן ברייטן שליאַך? איך גיב אַ שנייד איבער דעם שאָסיי און בין באַלד פאַרטיק. איך גיב אַ פאָר אַרויס מיט „מה טובו" און האַלט שוין ביי „ברוך שאמר" און פאַרבייג דעם „ישתבך שמך" און גיב אַ פאָר אַריין אין „לירושלים עירך" און פאַרענדיק מיט „עושה שלום", און פאַרטיק.

אַזוי זאָג איך אויך, מיינע ליבע פריינט, לאָמיר פאַרקירצן דעם וועג, וועלן מיר קומען צו אַ טאָלק. איר מעגט לאַנג וואַרטן, ביז משה בער וועט אייך אויסצאָלן די אַלטע חובות. נאָר וואָס דען? גיט מיר נאָך אַ שטיקל פעלד, העלפט מיר אויפבויען אַ שטוב, וועט מען זען.

— וועט איר קענען מאַכן נייע חובות! — שלאָגט אים מיט כעס איבער דער דירעקטאָר, וועלכער האָט זיך נישט געזעצט, ווי זיינע באַגלייטער, אויף די אָנגעבאָטענע קעסטלעך, נאָר בייז אַרומגעשפּאַנט.

— ס'קאָן זיין געמאָלט, פאַר וואָס נישט? — ענטפערט אים געמיטלעך משה בער און ציט אַרויף די תחתונים איבערן בייכל, וואָס וויל אַרויס־שפּרינגען פון די צו קורצע הויזן.

— מיר קענען אייך ווייטער לאָזן אויף דעם פעלד זיצן, אויב איר וועט צוריקברענגען איינעם פון אייערע זין.

— איך האָב עפּעס א דעה איבער מיינע זין? און וועמען זאָל איך אַ שטייגער ברענגען? דער עלטערער, ברוך, האָט שוין ב"ה אַ וועגעלע

און צעפּירט נאַפּט. דער צווייטער אַרבעט ביי אַ קצב, דער דריטער ביי אַ בעקער, דער פערטער וואָלט אפשר יאָ אַהיימגעקומען, ער איז תמיד געווען אַ יינגל, וואָס פאָלגט דעם טאַטן. אפשר וואָלט איר מיר טאַקע געקאָנט טאָן אַ טובה און אים ברענגען צוריק?

— ווו איז ער, אייער זון? — האָבן זיך די געסט פאַראינטערעסירט.

— ער איז אין מיליטער. צוויי יאָר האָט ער צו דינען. נישט בעסער ער זאָל אין דער צייט זיין אין קאָלאָניע, האַ?

דער דירעקטאָר איז נאָך מער בייז געוואָרן:

— איך זאָג אייך, אַז איך וואַרף אייך אַראָפּ אָן רחמנות פונעם פעלד!

דער אַדמיניסטראַטאָר האָט נאָך געזוכט די לעצטע רעטונג:

— איר האָט דאָך אַ טאָכטער. מאַכט זי אפשר חתונה אויפן פעלד!

דאָס האָט שוין אַ ציפּ געטאָן משה בעריכען; זי האָט אָנגעהויבן צו שלוכצן:

— מיין ראָסיטעלע, מיין רייזעלע זאָל דאָ אָפּפינצטערן אירע יאָרן, נישט דערלעבן וועלן דאָס מיינע שונאים איך זאָל זי חתונה מאַכן אין קאָלאָניע!

— האָבן מיר דאָ מער נישט וואָס צו טאָן! — האָט זיך אויפגעהויבן דער אַדמיניסטראַטאָר — און געדענקט! מיר עמבאַרגירן אַלץ! איר טאָרט גאָרנישט מיטנעמען!

זיי האָבן זיך ראַפּטעם אויפגעהויבן און זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ. ליפּסקערס הונט האָט איינגעריסן וועלטן. די געגנדז האָבן זיך פאַנאַנדער־געלאָזט מיט אַ גאַגעריי און דער אויטאָ האָט קרעכצנדיק פאַרלאָזט משה בערסווירטשאַפט.

מלכה איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען אַ פאַרוויינטע, פאָרט אָפּגעלעבט 15 יאָר אויף דער טשאַקרע און איצט טרייבט מען זיי אַראָפּ. אָבער משה בער האָט זיך נישט פאַרלוירן. אויף דער נאַכט, זיצנדיק ביי ליפּסקערן אין שטוב, האָט ער אים געזאָגט:

— איך האָב זיי אין אַ גוטן אָרט! נישט צו אייך גערעדט, מיינע קינדער זאָגן מיר שוין לאַנג איך זאָל פאַרלאָזן די קאָלאָניע. דאָס איז נישט קיין תכלית פאַר מיר צו טאַפּן די הון, צי זי וועט לייגן אַן איי!

— ווי זשע האָט איר בעסערס, אין שטאָט איז בעסער? — האָט אים ליפּסקער געפרעגט.

— וואָס ווייסט איר, ליפּסקער, איר זענט אויך אַ גוטער שלימזל. אַזאַ יונגער־מאַן ווי איר זענט דאַרף זיך האַלטן ביי לערעריי? אויך מיר אַ פּרנסה, אַ פאַנצער פאַרן דלות, איידער צו גיין איבער די הייזער, איז שוין גלייכער צו זיין אַ לערער!

ווען אַן אַנדערער וואָלט עס אים געזאָגט, וואָלט זיך ליפּסקער געפילט באַליידיקט. אָבער פון משה בערן? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן משה בערן, געקומען זיך געזעגענען מיט אים. מלכה האָט געזיפצט און געוויינט, און משה בער האָט געזאָגט ווערטלעך. צו ביסלעך איז אויסגעליידיקט געוואָרן די ווירטשאַפט. צו ערשט זענען פאַרשוווּנדן די שאָף, דערנאָך די גענדז מיט די הינער. אין די פאַרטאָגן האָט מען שוין נישט געהערט דאָס קרייען פון משה בערס אַלטן האָן, וואָס איז געווען ווי אַן אָנזאָג, אַ סיגנאַל פאַר די הענער ביי ליפּסקערן און ביים שפּאַנישן לערער. די בהמות האָט צוגענומען די איק״אַ. עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ גרויען באַגינען, האָט ליפּסקער געהערט פאַרפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ, ליפּסקער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קומט מען צו משה בערן, משה בער פאַרלאָזט די קאָלאָניע. טרויעריק האָט דערנאָך אין דעם טריבן, רעגנדיקן טאָג אויסגעזען די פאַרלאָזטע טשאַקרע. דער ווינט האָט בייז געריסן דאָס צעבראָכענע טירל, וואָס איז געהאָנגען אויף איין זאַוויסע. אין אָוונט איז געווען פינצטער, קיין ליכט האָט מער נישט אַריבערגעוווּנקען צו ליפּסקערן: „ביסט נישט איינער אַליין, האָסט אַ יידישן שכן״. ליפּסקערן האָט עס עפּעס געגעבן א צי ביים האַרצן: ער וואָלט זיך אויך אויפגעהויבן, אַוועק פון אָט דער טריבקייט, צוריק אין דער ליכטיקער שטאָט. פּלוצעם דערהערט ער אַ שטאַרק מיאוקען אין דרויסן. ער גייט אַרויס, פאַר דער טיר שטייען מלכהס צוויי קעץ און קלאָגן יאָמערלעך אויף זייער בראָך, וואָס עס האָבן זיי פאַרלאָזט זייערע באַלעבאַטים. ליפּסקער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיי אַ טעצעלע מילך, אָבער זיי האָבן נישט געטרונקען, זיך נישט געלאָזט טרייסטן, זיי ווילן צוריק

זייערע באַלעבאַטים, זיי בענקען נאָך מלכהס ווייכן שויס, ווו זיי פלעגן כאַפּן אַ זיסן דרימל, נאָך איר לאַשטשענדיקער האַנט. ליפּסקער האָט זיי נאָך לאַנג אין דער נאַכט געהערט מיאוקען און אַזוי עטלעכע נעכט נאָך אַנאַנד, ביז זיי זענען אַוועק ערגעץ אין פעלד, און זיך שוין מער נישט אומגעקערט צוריק.

קאַפּיטל אַכט

# אין שליחות פון קרן היסוד

אין איינעם אַ טאָג האָט ליפּסקער באַמערקט ווי דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג און עס איז אויסגעשטיגן אַ מאַן מיט צוויי שווערע וואַליזעס. דער מאַן האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער סטעזשקע צו דער יידישער שול. ליפּסקערן איז פאַרגעקומען באַקאַנט דער מאַן.

— זע נאָר, האָט ער דערשטוינט אויסגערופן — עס איז דאָך גאָלד־שטיין, דער, וואָס איך האָב באַגעגנט אין באַן, פאַרנדיק אַהער!

ער איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען און געהאָלפן טראָגן די רענצלעך.

— נו, וואָס מאַכט איר עפּעס, ליפּסקער, — האָט אים גאָלדשטיין גע־קלאַפּט איבער דער פּלייצע — עפּעס צופרידן פונעם פּאָסטן?

— צופרידן, ווי צופרידן, אייער נביאות איז מקוים געוואָרן.

— געהאַט שוין, הייסט עס, צו טאָן מיט די קאָלאָניסטן? מאַכט אייך גאָרנישט דערפון. אין קאָלאָניע בייט זיך שנעל דער וועטער און די געמיטער.

גאָלדשטיין האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי ליפּסקערן. ער איז געקומען דורכפירן די ערלעכע קרן היסוד־אַקציע.

— איר ווייסט, — מאַכט ער צו ליפּסקערן — איר וועט מיך דאַרפן אויסבאָרגן אייער סולקע.

— איך קען אייך נישט געבן מיין סולקע. איין מאָל האָב איך זי געליען אַ קאָלאָניסט, האָט מען מיר צעבראָכן אַ ראָד, דאָס צווייטע מאָל האָט מען זי מיר פאַרגעסן אָפּצוברענגען און איך האָב באַדאַרפט גיין עטלעכע קילאָ־מעטער צו פוס, כדי זי אָפּצונעמען צוריק.

— ביי מיר איז עפּעס אַנדערש. איר וועט זיין אַליין דער בעל עגלה, וואָס וועט מיך פירן איבער דער קאָלאָניע.

ליפּסקער האָט נישט געהאַט קיין ברירה, און דעם אַנדערן טאָג, אַ זונטאָג אין דער פרי, האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פֿאַרדאָ אין סולקע און אַרויסגעפּאָרן. זיי האָבן באַזוכט די קאָלאָניסטן און ליפּסקער האָט מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט, אַז נישט אַלע קלערן אַזוי ווי בערקאָוויטש אָדער משה בער, צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע. ער האָט געטראָפן גוט־איינגעזעסענע קאָלאָניסטן, וועלכע ווינען אין שיינע געמויערטע הייזער, ביי דער שטוב צעבליטע אויבסט־ביימער. אייניקע האָבן אפילו געהאַט עלעקטרישע ליכט און וואַסער־לייטונג אין שטוב. אַן אַנגענעמען איינדרוק האָבן געמאַכט די אויסגעפּוצטע טעראַסן מיט געפלאָכטענע שטולן און טישן און אַרום באַצירט מיט געוויקסן. אין אַ סך פון די ווינונגען זענען געווען טעפּיכער און קישעלעך און עס האָט געהערשט היימישע רויקייט און גע־מיטלעכקייט, באַזונדער ביי די קאָלאָניסטן פון דייטשלאַנד. אויף דער קרן היסוד־אַקציע האָבן עטלעכע זיך וואַרעם אָפּגערופן, אָבער לויט גאָלדשטיינס מיינונג, זענען די יידן פון מזרח־אייראָפּע ברייטהאַרציקער און רופן זיך בעסער אָפּ.

מיטאָג־צייט איז זיי אויסגעקומען צו זיין ביי אַ דייטשן קאָלאָניסט. געטראָפן האָבן זיי פונקט ביים מיטאָג־עסן. דער טיש איז געווען געגרייט לויט אַלע אייראָפּעישע כללים, צעלייגט און צעשטעלט מיט גלעזער און טעלער און טעצעלעך, אַפילו בלומען זענען געווען אויפן טיש. דער באַלע־באָס איז געזעסן אויבן־אָן:

— וואָס וואָלען זי? — זאָגט ער צו גאָלדשטיינען — פיר פאַלעס־טינאַ? — וואָס גייט דאָס אונדז אָן? וויר האָבן אַליין ניכט וואָס צום פרעסען!

גאָלדשטיינען האָט אָנגעהויבן צו נאָגן דער הונגער, זעענדיק אויפן טיש דאָס צוגעברוינטע הינדל מיט סאַלאַטן. אָבער קיינער האָט זיי נישט פאַרבעטן מיטעסן.

גאָלדשטיין האָט זיך געוואָנדן צו דער באַלעבאָסטע:

— צי וואָלט איר נישט געהאַט פאַר אונדז אַ גלעזל טיי, פון פאַרטאָג אָן פאָרן מיר אַרום אין קאָלאָניע.

די באַלעבאָסטע איז נישט געווען אַזוי שלעכט און צוגעבראַכט צוויי

גלעזער טיי. גאָלדשטיין האָט געגעבן אַ זופּ פון דער ביטערער טיי און געזאָגט:

— האָט איר נישט קיין שטיקל צוקער?

— אָך דאָס ניכט! צוקער האַבען וויר קיינעם!

ליפּסקער וואָלט געוואָלט געוועזן אַ בעלן צו וויסן, פון וואָס די „מעלשפּייז" איז געמאַכט, וואָס איז פון אויבן אָנגעשיט, ווי אַ שניי, מיט צוקער.

גאָלדשטיין האָט זיך דערמאָנט אין זיין שליחות און געגעבן דעם באַ־לעבאָס צו פאַרשטיין, וואָס ארץ ישראל איז, ווי חלוצים אָפּפערן זייער לעבן.

— חלוצים זינד וויר אַליין אונד אונדז ברויך מאַן העלפן! — איז געוועזן דער ענטפער, אָבער, האָט ער זיי געגעבן אַן עצה, — זאָלן זיי גיין צו זיין שכן, יענער איזט פון אייערע אָסט־יודען, זאָל ער געבן אַ ביי־שטייערונג.

גאָלדשטיין האָט געזען, אַז ער פאַרלירט דאָ אומזיסט צייט, איז ער געגאַנגען צו דעם אָנגעוויזענעם שכן.

אויך די פאַמיליע האָט זיך געגרייט צו מיטאָג.

— געסט, געסט! — האָט זיי אויפגענומען דער באַלעבאָס. — זעצט אייך אַוועק ביים טיש, וועט איר מיט אונדז מיטעסן!

גאָלדשטיין האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. ליפּסקער האָט נאָך געמאַכט דעם אויסרייד: — איר האָט זיך דען געריכט אויף אונדז?

— דאָרט וווּ עס עסן זעקס, וועט אויך עסן דער זיבעטער. ווי האָט געזאָגט מיין באָבע עליה השלום? — נאָך אַ גאַסט ביים טיש, נאָך אַ קוואָרט וואַסער אין דער יויך! — די באַלעבאָסטע האָט אָנגעהויבן צו רעשן און געשריען צו דער טאָכטער:

— רחלע, דאָס נייע טישטעך! רחלע!

כאָטש עס זענען געלעגן מעסער, גאָפּל, האָט דער באַלעבאָס באַנוצט זיינע אייגענע הענט. ער האָט געשמאַק געגריזשעט אַ געבראָטן שטיקל אָסאַדע, וואַרפנדיק די ביינער אונטערן טיש פאַר די הינט.

— וואַרף נישט די ביינער אויף דער ערד! — וואָרנט אים זיין ווייב.

— וואָס ווילסטו וואָס, הינט דאַרפן אויך עסן, נישט אַזוי, לערער?

— יאָ, אוודאי — האָט געענטפערט ליפּסקער.

— אוי, די הינט! — ווערט בייז די באַלעבאָסטע, — זע נאָר דעם געדוך וואָס זיי לאָזן דאָ איבער!

— וואָס ווילסטו וואָס, פריידעלע, דאָס זענען נישט די הינט. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן מיינע שטיוול.

די טאָכטער האָט צוגעבראַכט אַ פרישן פולמיסעק מיט פלייש און די פרוי האָט גענומען אַ האַנטעך און געטריבן די פליגן פונעם עסן.

ליפסקער האָט זיך אויפגעהויבן:

— דאַכט זיך, איך האָב מיין מיסיע פאַרענדיקט. ווייטער וועט איר, סעניאָר גאָלדשטיין, אַליין זיך אַן עצה געבן.

— פאַר וואָס נישט, — האָט אויסגערופן דער קאָלאָניסט — מיר וועלן אייך נישט לאָזן פאַלן. איין קאָלאָניסט וועט אייך פירן צום אַנדערן. אָט אַזוי וועלן מיר טאָן.

אָבער שפּעטער אַ פּאָר טעג איז גאָלדשטיין צוריקגעקומען צו ליפסקערן אַ טויט פאַרמאַטערטער: ער קען שוין מער נישט. ער האָט שוין גענוג דאָס לעבן צווישן די קאָלאָניסטן. ער האָט נישט געהאַט קיין רו נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

— וואָס, די קאָלאָניסטן האָבן אייך נישט פיין אויפגענומען?

— חלילה, זאָלן זיי זיין געזונט און שטאַרק, ווער האָט עפּעס צו זיי? זיי האָבן מיר אויפגענומען מיטן שענסטן און בעסטן, צוגעגרייט אַ בעט מיט קישנס, ווי אַ הסב־בעט. אָבער ווער קען עס שלאָפן? ווער קען עס זיך אויסרוען? ביינאַכט ווערט מען צעביסן פון די מאָסקיטן, פון „ביטשאָס קאָלאָראַדאָס" און פון אַנדערע אָנשיקעניש. מען וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און מען קען נישט שלאָפן, ערשט פאַרטאָג, אַז מען ווערט שוין אַנטדרימלט, מיינסטו אוודאי, ברודערקע, אַז מען לאָזט דיך שלאָפן? עס הייבט זיך אָן אַ טראַסקען אין די טירן, אַ שרייען, אַ הו־האַ, אַ גאַגעריי פון די גענדז און הענער, אַ מעקען פון קעלבער, אַ הירזשען פון פערד; דער באַלעבאָס בייזערט זיך, די קאָלאָניסטקע שרייט, די קינדער וויינען, און דאָס אַלץ, ליפסקער, אויף מיין קאָפּ. און טאָמער איז דאָס ווינציק, שטעלט זיך אַוועק אַ פונדעק ביי מיין פענצטער און שפּילט מיר אָפּ אַ סערענאַדע, זינגט האַרצרייסנדיקע ליבע־לידער צו זיין „טשיניטאַ".

מאַך איך אויף דאָס פענצטער און בעט זיך ביי אים, צי וואָלט ער נישט געגאַנגען זינגען פאַרן פענצטער פון זיין „טשיניטאַ״? זאָגט ער אַז ניין, ס׳איז צו ווייט, ווייל זיין „טשיניטאַ״ וווינט פינף מיילן פון דאַנען, נאָר אויב עס געפעלט מיר נישט זיין זינגען, וועט ער פייפן, ער קען אויך פייפן. אַז אָט געלינגט מיר שוין צו כאַפּן אַ דרימל פאַרטאָג, קומט גאַנץ שטיל אַריין דער באַלעבאָס.

— הם, לאַכט ער, — איר שלאָפט נאָך? איך האָב שוין איינגעשפּאַנט דעם וואָגן אייך צו פירן און איר שלאָפט נאָך!

נאָך אַזעלכע טעג און נעכט פון שלעפן זיך פון איין אָרט צום אַנדערן פאַלט מען אַריין צו אַ קאָלאָניסט אַ טויט־מידער, אַ פאַרשטויבטער, אַ פאַרשוויצטער, און ס׳ווילט זיך אַרומוואַשן, זיך אָפּקילן! טו איך אַ פרעג די קאָלאָניסטקע:

— זאָגט מיר נאָר, נשמהניו, מען קען ביי אייך נעמען אַ טוש?

— אוודאי, פאַר וואָס נישט? — האָט די קאָלאָניסטקע אויסגערופן, געהייסן דער שיקסע אָנגיסן דעם קעסל מיט וואַסער און האָט מיך באַלערנט, ווי אַזוי איך דאַרף ציען ביים שטריקל, עס זאָל גיין וואַסער.

— אויסגעצייכנט! — זאָג איך.

איך טו זיך אויס, גיב אַ צי ביים שטריקל, לאָז אויף מיר דאָס קאַלטע וואַסער און בין זיך מחיה. איך זייף זיך גוט איין און גיב ווידער אַ צי ביים שטריקל, אויסגעגאַנגען דאָס וואַסער! שריי איך געוואַלד! וואַסער! — מאַכט אויף די קאָלאָניסטקע די טיר און לאָזט זיך גיין מיט אַן עמער וואַסער אין דער האַנט. שריי איך ערשט רעכט: געוואַלד, קומט נישט אַריין, איך בין נאַקעט! נעמט זי דעם עמער וואַסער און גיט אים דער שיקסע, די שיקסע, הייסט דאָס, מעג אַריינגיסן דעם עמער וואַסער אין קעסל. וואָס לאַכט איר וואָס, ליפּסקער, האַ? איך וואָלט אייך געוואָלט זען אין אַזאַ לאַגע!

די אַנדערע נאַכט לאָז איך זיי איבער די שטוב מיטן הסב־בעט און קריך אַרויף אין דרויסן אויף אַ סטויג היי און שלאָף מיר איבער די נאַכט. ס׳איז אַ מחיה, דאָס היי שמעקט, די לופט איז לויטער און פריש. אין דער פרי ווילט זיך עס נעמען אַ באָד, זע איך אַ קאָרעטע מיט וואַסער, ווו בהמות

גייען צו טרינקען, נישט געטראַכט קיין סך, גיי איך אַריין אין דער קאַרעטע, שטייען די בהמות און האָבן מורא אַריינצושטעקן דעם פּיסק. פּלוצעם איז געוואָרן אַ געוואַלד! אַלע זענען אַרויס פון דער שטוב, מען זוכט מיך, איך בין זיי פאַרפאַלן געוואָרן! הייב איך אָן צו לויפן, טאַקע ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט. איך בין שוין נישט קיין ייִנגעלע, מיין בייכל, מיין אָסטמע... איך לויף און זיי נאָך מיר. איך בין אַריין צו זיך אין צימער דורכן פענצטער און בין געבליבן אַ טויטער! איצט האָב איך עס גענוג! איך וויל מער נישט הערן פון די קאָלאָניסטן!

*

אויפן גרינעם גראָז, אונטער דעם שאָטן פון הונדערט־יאָריקעביימער איז פאָרגעקומען דער פּיקניק פאַר דער שול. פון די אַרומיקע שטעטלעך און קאָלאָניעס איז מען זיך צונויפגעפאָרן. די קאָמיסיע האָט צוגעגרייט אַ גרויסן בופעט און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל האָבן די קאָמיסיע־מיט־גלידער אַרומגעטראָגן געטראַנקען און שפּייז פאַר דעם עולם. אויף אַ שטיק פרייעם פּלאַץ האָט די יוגנט געטאַנצט. גרופּקעס מענטשן זענען געווען אויסגעזעצט ביי טישלעך, אָדער אויפן גראָז. אַ סך האָבן געשפּילט אין קאָרטן. אַ פריילעכער געפּילדער האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן.

— אַך, אונדזער לערער! — איז ליפּסקערן אַנטקעגנגעשפּרונגען פרוי הערצאָג — איך אַזוי לאַנג נישט געזען! וואָס מאַכט איר עפּעס, מיין שיינער קאַוואַליר? — זי האָט אַריינגעשטעקט איר האַנט אין זיין אָרעם און אים אַרומגעפירט.

ליפּסקער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם:

— אַנטשולדיקט. דאָרט וואַרט אויף מיר בעטי לאַנדער.

— לאָזט אייך אָפּ מיט די מיידלעך, ליפּסקער, געטרויט זיי נישט. דאַכט זיך אַזוינע שטילע, אומשולדיקע באַשעפענישן, שמייכלען אַזוי זיס. זיי מאַכן נאָר אָן אַנשטעל אַזוי, כּדי צו כאַפּן אַ מאַן. עס איז נישט אמת אַז דער מאַן קלויבט זיך אויס די פרוי, ער פאַלט נאָר אַריין אין דער נעץ, וואָס זי האָט פאַר אים אויסגעשפּרייט.

— שיינע זאַכן אַנטפּלעקט איר מיר דאָ — האָט ליפּסקער געלאַכט — איך וועל שוין זיין פאָרזיכטיק.

— עס וועט אייך גאָרנישט העלפן אייער פאַרזיכטיקייט.

זיי זענען ביידע שטיין געבליבן פאַרן אָרקעסטער און זיך צוגעקוקט צו די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. די ערד איז דאָ געווען נישט אויסגעגליכט. דאָס גראָז און די גריבלעך האָבן געשטערט דעם טאַנץ, אָבער וועמען האָט עס געאַרט? דער אָרקעסטער האָט רעשיק געשפּילט און דער עולם האָט זיך געוויגט צום טאַקט.

— ווער איז די טונקלהויטיקע מיט די געדיכטע לאַנגע האָר אויף די אַקסלען, וואָס טאַנצט מיט דעם בלאָנדן יונגן־מאַן? — האָט געפרעגט ליפּסקער.

— דאָס איז אַ קריאָזשין, איר מאַמע איז אָט יענע טונקעלע פרוי, וואָס זיצט איינע אַליין ביי אַ טישל. זי זאָגט, אַז יידישע יונגע־לייט זענען גוטע מענער צו זייערע פרויען, דערפאַר פירט זי אירע טעכטער אויף יידישע בעלער, זיי זאָלן געפינען חתנים. די ערשטע טאָכטער, אָט יענע, אין די הויזן, טאַנצט מיט איר יידישן חתן און די צווייטע שאַרט זיך לעבן דעם בלאָנדן בחור. ער איז נישט לאַנג געקומען פון פוילן. ער זאָגט, אַז די יידישע מיידלעך לאַכן פון זיין שפּאַניש רעדן. אָבער זי, די קריאָזשע, לאַכט נישט, פאַרקערט, זי פאַרריכט אים, ווען ער זאָגט אַ גרייזיק וואָרט. זי הערט זיך צו מיט אַ סך געדולד און אינטערעס וואָס ער דערציילט איר פון זיין אַלטער היים.

— אַ סימן, אַז זי איז אין אים פאַרליבט.

— עט, ליפּסקער, איר פאַרגעסט שנעל, וואָס מען זאָגט אייך, דאָס אַלץ איז נאָר אַזאַ מאַנעוור!

— פרוי הערצאָג, איר זענט זייער אַן אינטערעסאַנטע פרוי, נאָר דעם שלייער פון די פרויען־שוואַכקייטן, אָדער, בעסער געזאָגט, מענער־שוואַכקייטן, בעט איך אייך, דעקט נישט אויף. ס׳איז גוט אַזוי. מיר, מענער, גאַרן נאָך אָט די וויברירונגען און נעמען עס אָן, אַפילו ווען דאָס איז געקינצלט.

די פרוי האָט זיך צעלאַכט און אים געפרעגט:

— איר טאַנצט נישט?

— ניין, איר האָט מיך אַזוי אָנגעשראָקן, אַז איך האָב שוין מורא מיך צוצורירן צו אַ מיידל.

— און צו אַ פּרוּי?

— האָבן זיי דען נישט די זעלבע נאַטורן?

— איר דאַרפט עס וויסן, איר האָט דאָך שוין דערפאַרונג מיט איינער. ליפּסקער איז רויט געוואָרן, ער האָט פאַרשטאַנען, צו וואָס זי צילט.

— אָך, הער ראָזען! — האָט זי אויסגערופן מיט דער זעלבער הייטער־קייט, ווי פריער צו ליפּסקערן, איז צו צו אַ מאַן און אים געדריקט די האַנט.

— דאָס איז אונדזער אינסטרוקטאָר — האָט זי אים פאָרגעשטעלט פאַר ליפּסקערן און גלייך זיך ווידער געווענדט צום הער ראָזען:

— אייערע עצות, הער ראָזען, זענען וווּנדערבאַר. איך האָב געשמירט מיט יאָד די קעפּלעך פון די הינדלעך, די גרעסערע ווערן געזונט, אָבער די ייִנגערע פּגרן ווידער.

— שמירט יעדן טאָג, צו דער „ווירועלאַ״ איז נישטאָ קיין אַנדער רפואה.

— יאָ, אָבער זיי האָבן אויך באַקומען „דיאַרעאַ״, וואָס מאַכט מען צו דעם?

— צו דעם דאַרפט איר ענדערן די שפּייז.

— צי וואָלט איר אונדז, הער ראָזען, נישט באַזוכט און אַליין באַ־טראַכט די הינדלעך?

— מיט פאַרגעניגן, גנעדיקע פרוי!

איצט האָט ליפּסקער געפונען פאַר פּאַסיק זיך צו דערווייטערן. ער האָט זיך געלאָזט גיין צווישן דעם גרויסן עולם און באַטראַכט זייער זאָרגלאָז פאַרוויילן זיך. צווישן די פאַרזאַמלטע האָט ער באַמערקט דעם לערער סטופּניצקי, וועלכער האָט מיט אינטערעס זיך צוגעקוקט צו די טאַנצנדיקע מיידלעך.

— אַזוי שטאַרק געפעלט אייך דער טאַנץ, אַז איר זענט אַזוי פאַר־גאַפט? — לייגט אים ליפּסקער אַרויף די האַנט אויף זיין אַקסל.

— ווו טאַנץ? וואָס טאַנץ? איך באַוווּנדער זייער הייבן די פיס אין דער הייך, זעט נאָר, זעט, עס גייט ביי זיי אַפּנים אין אַ פאַרוועט, וועלכע קען העכער הייבן די פיס!

ליפּסקער האָט אַ שמייכל געטאָן און איז ווייטער געגאַנגען. ער האָט געזען ווי אַרום אַ טיש שטופּט זיך אַ געזעמל מענטשן. אויפן טיש איז

געשטאַנען נישט קיין אַנדערער ווי יאַנקל דער קאָמיסיע־מיטגליד און לעבן אים אַ פּעטער ווייס־געקרייזלטער באַראָן. וועמענס פּיסק איז געווען אַרומגעדרייט מיט אַ שטריק, וואָס יאַנקל האָט געהאַלטן אין דער האַנט. דער באַראַן האָט געקוקט אויף דעם המון און נישט פאַרשטאַנען, נעבעך, אַז מען גייט אים דאָ ליציטירן פאַר דער קרוין־שול אין קאָלאָניע און אוודאי אויך נישט, אַז פאַנטשאָ שטייט אין דער זייט מיט אַ מעסער אים גרייט צו קוילענען און מאַכן אַ געשמאַקע אַסאַדע פאַר דעם גליקלעכן געווינער. אויב פאַנטשאָ איז דאָ, דאַרף זיך אויך דאָ ערגעץ געפינען זיין באַלעבאָסטע. ליפּסקער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך די מענטשן און זי אָנגעהויבן צו זוכן. ווייט פונעם רעש האָט זיין שאַרף אויג, דאַכט זיך, זי באַמערקט ליגן אויף אַ דעק און לייענען אַ בוך. עס האָט אים געגעבן אַ צי אין יענער ריכטונג. אָבער דאָ האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג בעטי מיט עטלעכע מיידלעך. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזוכט פון זיי צו אַנטרינען, אָבער בעטי האָט אים געררופן:

— סעניאָר ליפּסקער, סעניאָר ליפּסקער, אַ צייט לאַנג, ווי מיר זוכן אייך אַרום.

ער האָט זיך שוין נישט געקאַנט פון זיי אַרויסדרייען. צווישן די מיידלעך האָט ער באַמערקט אַ באַקאַנט פּנים. אַ בלאָנדע, נישט קיין הויכע, נישט שיין און נישט מיאוס און דאָך אַזאַ היימישע, ווו האָט ער ערגעץ געזען דאָס פּנים?

— מיין פריינדין דאָריטאַ זאָגט, אַז זי קען אייך, — האָט געזאָגט בעטי.

די פרעמדע האָט זיך פאַרלוירן. זי איז רויט געוואָרן און אַ הילפלאָזן שמייכל האָט צעקרימט אירע ליפּן. ווו האָט ער געזען דאָס הילפלאָזע פּנים? אַ יאָ, ס׳איז דאָך דאָס מיידל מיט די פּעקלעך פון דער באַן! ער האָט זיך צו איר אָנגערופן:

— וואָס פאַר אַ צופאַל, זיך נאָך אַ מאָל צו באַגעגענען!

זי האָט אים געגעבן די האַנט און געזאָגט מיט ציטערנדיקע ליפּן:

— אויב מען באַגערט שטאַרק אַ זאַך, מוז זי מקוים ווערן.

—אָ, איר האָט געוואָלט זיך מיט מיר נאָך אַ מאָל באַגעגענען?

— נו יאָ, איך בין דאָך אייך אַזוי פיל שולדיק.

עס זענען צוגעקומען עטלעכע יונגע־לייט און פאַרבעטן די מיידלעך טאַנצן. דאָריטאַ איז געבליבן מיט ליפּסקערן. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, דערווייטערנדיק זיך פון אָרט, ווּ מאַריאַנע איז געלעגן. אים האָט עס געצויגן אויף צוריק, אָבער ער האָט נישט געקאָנט איבערלאָזן דאָס מיידל, וואָס האָט „געהאָפּט זיך נאָך אַ מאָל מיט אים צו באַגעגענען".

— ווי איך האָב אייך נאָר דערזען, האָב איך געזאָגט צו בעטין: זעסט דעם יונגען־מאַן, איך קען אים, איך וויל מיט אים רעדן. און דערנאָך האָב איך אייך פאַרלוירן פון די אויגן, ביז מיר האָבן זיך אַצינד פּלוצעם באַגעגנט.

— נו, דערציילט מיר, פריילין דאָריטאַ, ווי אַזוי לעבט זיך אייך? ווּ אייגנטלעך געפינט איר זיך?

— איר געדענקט דאָך, אַז איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין קאָלאָניע ק... דאָרט ווין איך ביי מיין מומען.

— איר האָט מיר, דאַכט זיך, דערציילט, אַז איר זענט נישט לאַנג אין לאַנד?

— יאָ, מיין ברודער האָט מיך אַהער געבראַכט. אָבער מיין ברודער איז אַן אָרעמער אַרבעטער, האָט ער מיך נישט געקאָנט אויסהאַלטן. בין איך געפאָרן צו מיין מומען. אויך ביי מיין מומען איז נישט דאָס אָרט פאַר מיר. איך פיל זיך זייער עלנט, בין ווי אַן אָפּגעריסן צווייגעלע, וואָס קען זיך נישט אָננעמען אויף פרעמדער ערד... אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. ער האָט זי געזוכט צו טרייסטן:

— עט קינד, פאַר וואָס אַזוי פּעסימיסטיש? — ער האָט זי אַרומגענומען ביי די אַקסלען, זי געצוווּנגען אים צו קוקן אין די אויגן און אַ שמייכל צו טאָן — דאָס צווייגעלע וועט זיך שוין אָננעמען.

— מיין מומע זאָגט, אַז איך דאַרף חתונה האָבן, אויך מיין ברודער האָט געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען פאַר מיר, ווען איך האָב חתונה. וואָס זאָגט איר, סעניאָר ליפּסקער?

נו, וואָס זאָל ער זאָגן? דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער קען זי לאָזן שטיין און צוריק גיין צו יענער מיט די ווּנדערלעכע אויגן, וואָס ליגט

אויף דעם דעק און וואַרט אפשר אויף אים? אָבער עפּעס האָט מען דאָך באַדאַרפט ענטפערן דעם אָרעמען מיידל:

— חתונה האָבן, פֿריילין דאָריטאַ, פֿלעגט זאָגן מיין באָבע, איז נישט אויפצועסן אַ בייגל פֿאַר אַ גרייצער. דאָס טוט זיך נישט פֿאַר דער צייט.

— יאָ, איך זאָג דאָס אויך, אַ חתן צו געפינען איז נישט אַזוי לייכט. דאָס איז נישט קיין עפּעלע אָפּצורייסן פֿונעם בוים. — האָט זי זיך געריבן פֿאַרצווייפֿלט די הענט.

— נו, נו דבורהלע, זייט נישט אַזוי באַזאָרגט. איר וועט אים שוין געפינען.

זי האָט אַ שוואַכן שמייכל געטאָן. דאָס שמייכל האָט צעהעלט איר פּנים און זי שענער געמאַכט.

— איר ווייסט, דבורהלע, איר וואָלט באַדאַרפט מער שמייכלען, דאָס לאַכן פּאַסט אייך בעסער און איר וועט גיכער געפינען אַ חתן. — אָבער אַנשטאָט צו לאַכן, האָבן פֿון אירע אויגן, אָנגעהויבן צו פֿליסן שווערע טראָפּנס טרערן.

— נאָך דעם וואָס אין אונדזער היים געשעט? קען איך לאַכן? אויב מיין משפּחה ווערט אומגעבראַכט, האָב איך צוזאַמען מיט זיי באַדאַרפט אונטערגיין.

— איר זענט נישט קיין אויסנאַם. אַזוי קלערן אויך אַנדערע. מען קען גאָרנישט מאַכן.

זיי זענען שווייגנדיק ווייטער געגאַנגען און אַרויסגעקומען אויפֿן שאָסיי, ווייט פֿון די איבעריקע מענטשן. זי האָט געוויזן אויפֿן גראָז אין דער זייט:

— צי וועלן מיר זיך נישט אַ ביסל צוזעצן אויפֿן גראָז אָפּרוען?

ליפּסקער האָט געגעבן אַ בליק צוריק, אַנשטאָט לעבן מאַריאַנען, וועט ער זיצן לעבן דבורהלען. פֿאַרפֿאַלן; ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל און עס אויסגעשפּרייט אויפֿן גראָז. דערמאָנט האָט ער זיך דערביי, אַז אויך אין דער היים, ווען יינגלעך האָבן געשפּאַצירט מיט מיידלעך אין פֿעלד, האָבן זיי אויסגעשפּרייט זייערע רעקלעך אויפֿן גראָז און פֿאַרבעטן די מיידלעך דערויף זיך צו זעצן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגערופֿן:

— היינט פֿיל איך מיך אַזוי גליקלעך, ווי איך זאָל מיך געפינען ביי

אונדז אין שטעטל — זי האָט זיך אויסגעדרייט צו ליפּסקערן: — און איר זענט פאַרהייראַט?

— ניין.

— און אַ כלה האָט איר?

— ניין, אָבער איך בין פאַרליבט — האָט ער איר געענטפערט מיט אַן אָנדייטונג אין טאָן.

— פאַרליבט? — האָט זי נישט זיכער איבערגעפרעגט — אָבער, אַז מען איז פאַרליבט, איז מען דאָך שוין אַזוי ווי פאַרלאָבט. ווו זשע איז אייער כלה? — האָט זי זיך אָוועקגערוקט פון אים.

— דבורהלע, — האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט — ווי גאָט איז דיר ליב! פרעג מיך נישט איבער. זי וועט קיין מאָל נישט קענען געהערן צו מיר, זי האָט אַ מאַן!

— אַזוי? מיין אָרעמער! און זי איז שיין?

— ווּנדערלעך שיין! עס איז גענוג נאָר אויף איר צו קוקן און זיין לעבן איר נאָענט, מען זאָל זיך פילן דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט!

— ווי איך בין זי מקנא! מיר אַלע בענקען נאָך אַ גרויסער און ליידנשאַפטלעכער ליבע. אָבער נישט יעדן איז באַשערט דאָס גליק. מיך האָט קיינער נישט ליב, נאָך מיר בענקט נישט קיינער — האָט זי טרויעריק פאַרענדיקט. זי האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט:

— זי איז דאָ אויפן פּיקניק?

— יאָ, — האָט ער נישט גערן געענטפערט.

— און איר זיצט לעבן מיר?

— איך האָב מיך געלאָזט צו איר גיין, פּונקט דעמאָלט, ווען איר זענט מיר געקומען אַנטקעגן.

— און איר וואָלט זיך געפילט דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט און איך האָב צעשטערט דאָס גליק. כאַ, כאַ! — האָט זי זיך הויך צעלאַכט.

— הערט אויף צו לאַכן!

— איר האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז איך בין שענער, ווען איך לאַך, איך וויל אויך זיין שיין, אַ מאַן זאָל זיך אין מיר פאַרליבן. כאַ, כאַ!

— אויב איר הערט נישט אויף צו לאַכן, הייב איך מיך אויף און גיי אַוועק!

— ווער לאַכט דען? — האָט זי זיך פּלוצעם צעוויינט. זי האָט געשטופּט דאָס נאָז־טיכל אין מויל, כדי נישט אויפצושלוכצן.

— דבורהלע, קומט, לאָמיר גיין צוריק!

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און שווייגנדיק זענען זיי געגאַנגען צוריק. די זון האָט געוואָרפן לאַנגע שאָטנס אויפן וועג. זיי זענען געגאַנגען און געקוקט אויף זייערע שאָטנס, וואָס ווערן אַלץ לענגער און צעלאָזענער. די זון האָט זיך געגרייט צום פאַרגיין. פון דער ווייטנס איז דערגאַנגען צו זיי דאָס ראָלן פון די וועגענער און זשומעריי פון אויטאָס, מען האָט געהאַלטן אין צעפאָרן זיך. פּלוצעם האָט דאָריטאַ אָנגעכאַפּט ליפּסקערן ביים אָרעם:

— אוי, זעט! איך האָב פאַרלוירן מיין סוועטער. קומט, ווען מיר זיך אומקערן אים זוכן!

— אָבער סעניאָריטאַ דאָריטאַ! איר וועט אָנווערן אייער אויטאָ!

— זיי פאָרן נאָך אַזוי שנעל נישט אַוועק. ווי אַזוי וועל איך מיך אומקערן אָן דעם סוועטער צו מיין מומען?

ליפּסקער האָט מורא געהאַט זי זאָל זיך נישט ווידער צעוויינען, האָט ער זיך מיט איר אומגעקערט. זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועגס, אָבער דעם סוועטער נישט געפונען.

— איך געדענק גוט, אַז איך האָב אים אַוועקגעלייגט דאָרט, ווו מיר זענען געזעסן.

— איך געדענק גאָרנישט, צי איר האָט בכלל געהאַט אַ סוועטער. — האָט ער איר אַן אומגעדולדיקער געענטפערט.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און זיי האָבן זיך אומגעקערט אָן דעם סוועטער. דער פּיקניק איז שוין געווען פאַרענדיקט. נאָר איינצלנע מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט און צוזאַמענגענומען די טישן מיט די בענקלעך. ליפּסקערס פאַרדאַ איז געשטאַנען לעבן דער סולקע און געדולדיק געוואַרט. דאָריטאָס לאַסט־אויטאָ איז מער נישט געווען.

— וואָס טו איך אַצינד? — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט.

— זעצט אייך אַרויף אויף דער סולקע, — האָט ער פאַרדראָסיק געזאָגט.

זי איז געווען אַ פאַרשולדיקטע, זיך אָפּגערוקט פון אים און געשוויגן. ער האָט אויסגעלאָזט זיין כעס צו פאַרדאַן, אים כסדר אונטערגעטריבן מיט דער בייטש. דאָס פערד, אויסגערוט פון אַ גאַנצן טאָג, האָט געהויבן די פיס.

— אוי, — האָט אויסגערופן דבורהלע, זיך האַלטנדיק ביי די זייטן — טרייבט נישט אַזוי שנעל!

ער האָט איינגעהאַלטן דאָס פערד.

— איר זענט ברוגז, נו, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין תמיד אַזאַ שלימזל, וואָס איך טו, קומט מיר אויס קאַפּויער.

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט. זיי זענען געפאָרן אין דער שטיל־קייט פון דער נאַכט. די פינצטערניש האָט מען געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט. ביי דער זייט פון וועג האָבן געפינקלט איינצלנע ליכטער פון קאָ־לאָניסטישע שטיבער.

— וואַרט, איך מוז דאָך אייך ערגעץ באַשטאַטן. לאָמיר דאָ צופאָרן צו דעם קאָלאָניסט. איך קען אים, ער איז אַ קאָמיסיע־מיטגליד, יאַנקל הייסט ער, וועט איר דאָ איבערנעכטיקן די נאַכט און מאָרגן וועט איר מיט דער באַן פאָרן אַהיים. ער האָט נישט געוואַרט אויף איר צושטימונג, נאָר באַלד פאַקערעוועט פונעם שאָסיי און אַריינגעפאָרן אין יאַנקלס טשאַ־קרע. די הינט האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ ווילסטער בילעריי. ליפּסקער האָט זיי אָפּגעטריבן מיט דער בייטש. ער האָט געהאָלפן דעם מיידל אַראָפּשטייגן. ליפּסקערן האָט זיך געדאַכט, אַז אַ פאַרהענגל האָט זיך אויפגעהויבן אין פענצטער און באַלד איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט. זיי זענען צוגע־גאַנגען צו דער טיר און אָנגעקלאַפּט. קיינער האָט נישט געענטפערט.

— וואָס איז דאָס? — קלאַפּט ליפּסקער אין דער טיר — זיי זענען דאָרט אויסגעשטאָרבן?

אָבער מען האָט נישט געענטפערט און אויך נישט געעפנט.

— קומט! — האָט ער פאַרדראָסיק געזאָגט צום מיידל.

— איך בין נישט שולדיק, ליפּסקער, גלייבט מיר, — האָט דאָס מיידל געוויינט.

— אַך, הערט מיר שוין אויף צו וויינען! — האָט ער בייז אויסגערופן און אונטערגעטריבן דאָס פערד. זיי זענען געקומען אַהיים. ליפּסקער האָט

אויפגעפּנט די טיר, געהייסן איר אַריינגיין און אַליין איז ער געגאַנגען באַשטאַטן דאָס פערד. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער געטראָפן אויף דער טעראַסע ברענען דעם לאָמפּ מיט אַ העלן שיין. דאָס גלעזל איז געווען אויסגעפּוצט און דער קנויט צוגעשניטן. דער טיש איז געווען פאַרשפּרייט צום אָוונטברויט, און די פרישׂ אויפגעקאָכטע קאַווע האָט פאַרשמעקט איבער דער גאַנצער טעראַסע. אין ברויט־קערבל איז געלעגן אָנגעשניטן ברויט מיט פּוטער און אויפן פּרימוס האָבן זיך געפּרעגלט אייער.

— איך האָב גאָרנישט געפונען אין קיך צוצוגרייטן פאַר אייך — האָט זי געזאָגט אַזוי נאַטירלעך, ווי זי וואָלט עס געווען געוווינט צו טאָן יעדן טאָג — צי איז עס נישט ווייניק? — האָט זי געפרעגט באַזאָרגט — אָט וועל איך נאָך אָפּשיילן אַ פּאָר קאַרטאָפל און מאַכן „טאָרטיזשאַ פון פּאַפּאַ פריטאַס".

— אָנשטאָט איך זאָל אייך מאַכן אָוונטברויט, באַדינט איר מיך גאָר. קומט, — האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט — זעצט אייך אַוועק מיט מיר עסן.

ס'איז געוואָרן אָנגענעם און געמיטלעך, זיי זענעןביידע געזעסן ביים טיש און צוזאַמען געגעסן דעם אָוונטברויט. ליפּסקער האָט זי געוואָלט אויפהייטערן און איר דערציילט אַן ענלעכן עפּיזאָד פון דער היים. — „מען איז געפאָרן אויף אַ חתונה אין נאָענטן שטעטל. די פערד האָט מען אויסגעפּוצט מיט צווייגן און סטענגעס, אַמשענסטן איז געווען אויסגעפּוצט דער וואָגן אויף וועלכן עס איז געפאָרן דער חתן. ער איז געפאָרן פאָרויס, אָבער די איבעריקע איז געגאַנגען אין לעבן אים איבערצויאָגן. פאַר דער שטאָט ווערט מען סטאַטעטשנע, מען לאָזט דעם חתן פאָרויס פאָרן, ווייל דאָרט וואַרטן שוין אויף אים דער כלהס קרעוונצלעריגס. זיי נעמען אים איבער אויף אַ דראָזשקע מיט רעסאָרן און קייט לויפט קוקן ווי דער חתן פאָרט".

דבורהלע האָט זיך צוגעהערט, פאַרטראַכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און ווידער זענען איר געקומען טרערן אין די אויגן.

— עט, ווי נאָר עפּעס, הייבט איר אָן צו וויינען, איך וויל אייך דערציילן אַ זאַך צום לאַכן און איר נעמט גאָר וויינען!

זי האָט געשמייכלט: — איך ווייך דאָך גאָרנישט, דערציילט ווייטער.

— פאַרן אַהיימפאָרן האָט מען אונדז געטיילט פעקלעך מיט לעקעך. פּלוצעם שרייט אויס אַ מיידל, אַז מען האָט איר צוגעגנבעט דאָס פעקל, און נישט קיין אַנדערער ווי איינער פון די באַגלייטער. זייט דעם טאָג האָט מען איר גערופן „ביילע מיטן פעקל".

— איר מיינט דאָך נישט מיר מיט דעם ביישפּיל?

— וואָס פאַלט אייך איין? איר האָט דאָך פאַרלוירן אַ סוועטער און נישט קיין פעקל.

זי האָט זיך צעלאַכט.

— איר זעט? אַזוי האָב איך אייך ליב, אַז איר לאַכט.

— ווו וועל איך שלאָפן? — האָט זי געפרעגט.

— אין מיין צימער.

— און איר?

— איך וועל מיר אויסבעטן אויף דער טעראַסע.

נאָכן עסן האָט ער אַריינגעקוקט אין צייטונג, דאָריטאַ האָט אָפּגערוימט פונעם טיש און דערנאָך האָט זי אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער טעראַסע און נאָכן אויפרוימען די קיך האָט זי פון דאָרט אַרויסגענומען דעם לאָמפּ און פאַרן אַריינגיין אין צימער, האָט זי געזאָגט:

— בוענאַס נאָטשעס!

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צייטונג און פריינטלעך צו איר געשמייכלט:

— אַ גוטע נאַכט, דבורהלע.

זיין פריינטלעכער שמייכל האָט זי געמאַכט דרייסטער און זי האָט זיך אָנגערופן:

— איר זענט אויף מיר מער נישט ברוגז, ליפּסקער?

— פאַר וואָס זאָל איך ברוגז זיין? ניין, טייערע, שלאָף געזונט. — האָט ער איר געגעבן די האַנט.

זי האָט אָנגענומען די האַנט און אים אָנגעקוקט מיט פייכטע אויגן:

— אַ דאַנק אייך!

אירע ליפּן האָבן געציטערט און זי איז שנעל אַריין אין צימער, כּדי זיך ווידער נישט צו צעוויינען.

ליפּסקער האָט נאָך אַ ביסל געלייענט די צייטונג און דערנאָך צוגע־גאַנגען צו דעם געלעגער און דערזען אַז זי האָט אים אונטערגעבעט זיין מאַטראַץ. אויף וואָס־זשע שלאָפט זי? ער האָט אָנגעהויבן זיך אויסטאָן. פּלוצעם איז זי אַרויס אַ בלאַסע, אויף טויט איבערגעשראָקן.

— דאָרט אין שאַפע!

— וואָס איז?

— אַ מייזל אין שאַפע!

ער האָט זיך צעלאַכט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. ער האָט געפילט, ווי איר קערפּער פּיבערט און ציטערט. מיט אַ מאָל האָט ער זי געגעבן אַ נעם אַרום און זי פעסט געקושט אין די ליפּן. זי האָט אירע הענט פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז. ער האָט זיך לייכט באַפרייט פון איר און אַ זאָג געטאָן: — אַנטשולדיקט!

זי האָט אָפּגעזיפצט און זיך שנעל אויסגעדרייט צוריקצוגיין אין צימער.

— איר האָט מער נישט מורא פאַרן מייזל?

— ס'איז שוין זיכער אַנטלאָפן.

— דאָריטאַ, — האָט ער דערנאָך געקלאַפּט אין דער טיר, — איר האָט דאָך מיר אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט, אויף וואָס זשע שלאָפט איר דאָרטן?

— ס'איז גוט.

— נעמט כאָטש צוריק דעם מאַטראַץ!

— ניין!

— נו, האָט זשע אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט.

זי איז פרי אויפגעשטאַנען און זיך גענומען אויפרוימען דאָס הויז. ער האָט זי געוואָלט אָפּהאַלטן:

— לאָזט אָפּ דבורהלע!

— אָבער מען מוז דאָך ריין מאַכן! — האָט זי געזאָגט מיט אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, ווי אַנדערש קען עס גאָרנישט זיין. ס'איז אָנגעקומען

דער קאָלאָניסט, וואָס ברענגט שטענדיק מילך. דערזעענדיק אַזוי פרי ביי ליפּסקערן אין שטוב אַ מיידל, האָט ער אויסגערופן אַ פריילעכער, קלאַפּנדיק ליפּסקערן איבער דער פּלייצע:

— האָב איך אייך נישט געזאָגט, לערער, אַז אייך פעלט אַ ווייב!? אַט דאָס געפעלט מיר!

— שוין דאָס צווייטע מאָל, אַז מען איז זיך טועה און מען נעמט אונדז אָן פאַר מאַן און ווייב, האָט ליפּסקער געשמייכלט.

— אָ, דאָס דריטע מאָל וועט מען זיך שוין נישט טועה זיין.

— אַזוי?

אָבער זי איז שוין געווען אין אַנדערן עק הויז. זי האָט בכלל זיך בעסער געפילט, ווען אירע הענט זענען געווען פאַרנומען, האָט זי אויפ־געהערט צו אַרבעטן, איז זי געבליבן שטיין פאַרלעגן און זיך פאַרלוירן. דעמאָלט האָט זי אים שטאַרק דערמאָנט „אין דעם מיידל מיט די פּעקלעך פון דער באַן"... זי איז אַ גרויסע בריה און וועט זיין אַ גוטע באַלעבאָסטע און אַ געטריי ווייב, אָבער זי איז נישט זיין טיפּ. ער וואָלט זי קיין מאָל נישט געקאָנט ליבן, און כדי פון איר וואָס גיכער זיך צו באַפרייען, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָריטאַ, שוין צייט צו פאָרן צו דער באַן.

— יאָ, אַ שאָד, איך האָב נאָך געוואָלט אויפרוימען די טעראַסע.

— אַך, לאָזט דאָס שוין איבער.

— פאַר וועמען, פאַר דער, וועלכע איר ליבט?

— וואָס רעדט איר נאַרישקייטן, דבורהלע, אַן איינגייערין קומט איין מאָל אין וואָך אויפרוימען. זעצט אייך אויף דער סולקע איידער די קינדער קומען אָן אין שול.

די מאָרגנלופט איז געווען אַ קילע, האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף אירע פּלייצעס זיין לעדערנע וואַרעמע קורטקע. זי איז געזעסן אָפּגערוקט פון אים, אַ מידע און אַן איינגעהילטע.

— מען פילט זיך אין אייער „קאַמפּעראַ" אַזוי גוט, ווי אין דער היים אין דער מאַמעס שאַל.

דער פאַרגלייך איז ליפּסקערן געפעלן. ער האָט געוואָרפן אויף איר

אַ וואַרעמען בליק. אויב זי איז אַפּילו נישט שיין, איז זי עפּעס אַזאַ באַענטע, ווי ער וואָלט זי שוין יאָרנלאַנג געקענט.

— דבורהלע, איך ווייס אַזוי ווייניק פון אייך, דערציילט מיר עפּעס פון זיך!

— איך קען נישט רעדן, איך בין נישט קיין גוטע דערציילערין און נאָך ווייניקער ווייס איך, אויפן מאָמענט, וואָס צו ענטפערן און, אייגנטלעך, וואָס זאָל איך אייך דערציילן?

— וואָס איר ווילט, דבורהלע.

— דערציילט מיר בעסער פון זיך — האָט זי אים געבעטן.

— נישטאָ וואָס צו דערציילן, איר האָט דאָך געזען, ווי איך לעב, און אויך געזען מיין סביבה, די מענטשן אויפן פּיקניק.

— דערציילט מיר פון דער, אין וועלכער איר זענט פאַרליבט!

ער איז רויט געוואָרן, געגעבן אַ פּאָר שמיץ פּאַרדאָן און בייז געענט־פערט:

— אויב איר ווילט נישט פאַרלירן מיין פריינטשאַפט, זאָלט איר וועגן איר מיך קיין מאָל נישט פרעגן!

— איך זאָג אייך צו.

זי איז געזעסן אין איר ווינקל און געשוויגן. ער האָט דערפילט אַ רחמנות צו איר. די טונקעלע שאָטנס אַרום אירע אויגן האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ שלאָפלאָזער נאַכט. צי באַהאַנדלט ער זי נישט צו האַרט?

— פאַר וואָס שלאָגט איר אַזוי דאָס פערד? זעט ווי עס שוויצט! אַ רחמנות אויף אים!

— אַזאַ געוווינהייט שוין ביי מיר, אַז איך בין בייז, לאָז איך אויס צום פערד!

— אַזוי זענען די מענער! און די וועלכע האָבן נישט קיין פערד, לאָזן אויס צו די ווייבער.

— איך וועל קיין מאָל נישט חתונה האָבן!

— פאַר וואָס?

— איך וואָלט אייך געזאָגט, אָבער איך האָב מורא איר זאָלט מיך נישט אַראָפּוואַרפן פונעם וואָגן.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, זי איז גאָרנישט אַזוי נאַריש ווי ער קלערט. זיי זענען אָנגעקומען אויף דער סטאַציע. ליפּסקער איז געגאַנגען זיך דער־וויסן ווען דער צוג גייט אָפּ.

— איינער איז אָפּגעגאַנגען מיט פינף מינוט צוריק און דער צווייטער וועט ערשט אָפּגיין אַרום 11 אַ זייגער.

— אַ שאָד, אַ שאָד.

מיט אייך טרעפן זיך דאָך אַלע גליקן. צו ערשט פאַרשפּעטיקט איר דעם לאָסט־אויטאָ און איצט די באַן.

— אַזוי גייט עס מיר שטענדיק — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט.

— וואָס זשע טוען מיר, דבורה. איך מוז אַהיימפאָרן, עפענען די שול.

— גוט, פאָרן מיר אַהיים.

— אָבער דאָריטאָ, איר מוזט דאָך וואַרטן אויפן צוג.

— איך בלייב נישט דאָ אַליין אין אַ פרעמד אָרט. — האָט זי זיך אומגעקוקט אויף דער קליינער סטאַציע, וווּ אַנטקעגן האָט זיך געצויגן אַ פּאַרלאָזט גרויס פעלד. ליפּסקער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און איז געבליבן מיט איר וואַרטן. ער האָט צוגעבונדן דאָס פערד צו אַ פּלויט, אים צוגעוואָרפן אַ ביסל היי און אַליין זיך אַוועקגעזעצט לעבן דבורהלען אויף דער באַנק. קאָלאָניסטן זענען פאַרבייגעגאַנגען, זיי באַטראַכט, איינער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אים אָפּגעשטעקט אַ שלום עליכם:

— איר פאָרט אַוועק, לערער?

— ניין, איך באַגלייט דאָ מיין...

— אייער כלה? — האָט יענער דערגענצט — זע נאַר, איך האָב גאָר־נישט געוווּסט, אַז דער לערער האָט אַ כלה! מזל־טוב אייך, סעניאָריטאַ! — האָט ער איר אויך געגעבן די האַנט.

— אַ דאַנק, מיט מזל זאָלט איר לעבן! — האָט זי געענטפערט פריינטלעך.

דער קאָלאָניסט איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג און ליפּסקער האָט זיך געביסן די ליפּן פאַר אויפרעגונג.

— ווידער איינער, וואָס איז זיך טועה, האָט זי געזאָגט — אָבער מער וועט מען זיך שוין נישט טועה זיין.

— איר חזרט שוין איבער דאָס זעלבע צום דריטן מאָל, וואָס מיינט איר דערמיט?

— איך מיין, אַז מיר וועלן זיך מער נישט באַגעגענען, וועט מען זיך מער נישט קענען טועה זיין.

— אַך, אַזוי? — האָט ער געזאָגט אַנטוישט.

— און איר האָט עס דען אַנדערש פאַרשטאַנען?

— ניין, זיכער נישט.

— איז גוט, ווייל איך פּרעטענדיר נאָר אויף אַ רייכן שידוך.

— האָ, האָ, — האָט ער אויסגערופן איבערראַשט.

— אויב דאָס לעבן וועט אונדז נאָך אַ מאָל צוזאַמענפירן, וועט איר דעמאָלט אַנטרעפן אויף אַ גאַנץ אַנדערע דאָריטאַ.

— מיר געפעלט בעסער דבורהלע פון דער היים.

— ניין, האָט זי געזאָגט אַנטשלאָסן און אָראָפּגעשלונגען די טרערן — דבורהלע פון בויבעריק וועט קיין חתן אין אַרגענטינע נישט קריגן! סעניאָר ליפּסקער, איר קענט אַהיים פאָרן, איך וועל שוין אַליין אָפּוואַרטן אויפן צוג.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט־בייטעלע אַ שפּיגעלע, זיך פאַרריכט די האָר, צוגעשמירט די ליפּן. — פאַר וואָס זיצט איר נאָך? — האָט זי אים געפרעגט, קוקנדיק אין שפּיגל. — איר דאַרפט דאָך עפענען די שול!

— איך וועל שוין צוואַרטן ביז איר וועט אַוועקפאָרן.

— איר האָט אפשר מורא אַז איך וועל מיך אומקערן?

ער האָט נישט פאַרשטאַנען די פּלוצעמדיקע ענדערונג. זיכער האָט זי זיך מיט עפּעס געפילט באַליידיקט פון אים.

— דבורהלע, אַנטשולדיקט מיך. איך האָב אייך נישט גוט באַהאַנדלט. אָבער אַזוי בין איך. פאַרפאַלן. איר דאַרפט עס מיר נישט נעמען פאַר שלעכט.

— אַנטשולדיקונג וואָלט איך ביי אייך באַדאַרפט בעטן, וואָס איך בין אַזוי אומגעריכט אַריינגעפאַלן צו אייך.

— איר האָט מיר שטאַרק דערמאָנט אין מיין אַלטער היים, — האָט ער ווי צו זיך געזאָגט.

— דעם טאָג, וואָס איך האָב מיט אייך פאַרבראַכט, וועל איך צורעכענען

צו די גליקלעכסטע טעג פון מיין לעבן, — האָט זי געענטפערט — עס וואָלט מיך געפרייט פון אייך אַ בריוו צו באַקומען. מיין אַדרעס ווייסט איר.

ווען ער איז דעם טאָג צוריקגעקומען אַהיים, האָט אויף אים געוואַרט שולקין. ער האָט זיך, ווי זיין טבע איז געווען, געווישט מיט צוויי פינגער זיינע וואָנסעלעך און צוגעשמייכלט:

— וואָס דערציילט מיר דער מילכיקער, אַז איר האָט חתונה געהאַט?

— אַך וואָס! — האָט אויסגערופן אומצופרידן ליפסקער — געהאַט עפּעס אַ קלאַפּאַט מיט אַ מיידל! ליפסקער האָט אים דערציילט, אַז יאַנקל האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן.

— איר מיינט, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם פּאַטש, וואָס איר האָט אים געגעבן? און איצט, דער פאַל מיט דעם מיידל, וועט זיין פאַר זיי פריש וואַסער אויף דער מיל.

— איך האָב בלויז אַ פּאָר וואָכן נאָך צום לערנען.

— און אייער געהאַלט?

דאָס איז ביטער. דער קאָאָפּעראַטיוו וויל מער נישט געבן אויף באַרג. זיי זאָגן, אַז זיי נעמען מער נישט אַראָפּ פון די קאָלאָניסטן פאַר דער שול. אַ ביטערע פּרנסה, סעניאָר שולקין, צו זיין אַ יידישער לערער.

— אַהאַ! — האָט דער שפּאַנישער לערער טריומפירט — האָב איך אייך דאָך באַלד געזאָגט, אַז אייער באַגייסטערונג איז געווען צו פרי.

— נו, — האָט זיך ליפסקער צוריקגעכאַפּט — עס איז נישט אַזוי טראַגיש. די שול־קאָמיסיע פּאַרט אַרום איבער דער קאָלאָניע צוזאַמענצונעמען פאַר דער שול און ס׳איז אויך דאָ די שול־אָרגאַניזאַציע אין פּאַראַנאַ!

— ער האָט נישט געוואָלט זיך מודה זיין, אַז ער איז אַנטוישט.

ווען ליפסקער איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שטוב האָט אים איבער־ראַשט די ריינקייט און גערוימקייט וואָס ער האָט געטראָפן. קיין פּיצל שטויב. די פענצטער פאַרהאַנגען מיט אַלטע האַנטעכער, די זון זאָל נישט אַריין, די ביכער צוזאַמענגעלייגט. ער האָט אויפגעמאַכט די שאַפע, די וועש אויסגעאָרטירט, פאַרריכט און צוזאַמענגעלייגט, אַפילו די שקאַרפּעט־קעס, צו וועלכע ער האָט קיין מאָל נישט געפונען די פּאָר, זענען געווען צוזאַמענגעראָלט פאַרנווייז, און אויסגעצערעוועט.

— דאָס מיידל איז נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט! — האָט ער פעסטגעשטעלט און ווייטער האָט ער געקלערט, אַז זי איז נישט פון די היינטיקע מיידלעך, זי איז געראָטן אין די באָבעס און מאַמעס, וואָס זייערע פאַרהאָרעוועטע הענט רוען קיין מאָל נישט.

## קאַפּיטל ניין

# דאַוונט אַ ייִד מעריב אין פעלד

אין אַ פאַרנאַכט זענען קאָלאָניסטן זיך צונויפגעקומען אין צענטער פון קאָלאָניע, דאָס הייסט, צו ליפּסקערן אין שול. היינט האָבן זיי געהאַט אויסצוהערן אַ לעקטאָר און דער רעדנער איז נישט ווי אַלע אַנדערע רעד־נערס, וואָס קומען נעמען אין קאָלאָניע, דער האָט געזאָגט, אַז ער וועט געבן. אדרבה, זאָלן קאָלאָניסטן זאָגן, וואָס זיי פעלט. ער קומט פון אַזאַ אינסטיטוציע, וועלכע אינטערעסירט זיך מיט יידישע קאָלאָניעס, וואָס וויל אָרגאַניזירן די קאָלאָניסטישע יוגנט, זיי העלפן איינשטעלן אַ געזעלשאַפט־לעך לעבן אין קאָלאָניע. ווי נאָר קאָלאָניסטן האָבן דערהערט אַזוינע דיבו־רים, האָבן זיי באַלד אָפּגעהאַלטן אין דער שטיל אַ זיצונג, אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט צוגעשטעלט אַ גאַנץ צעטל מיט בקשות. ערשטנס, איז דער פאַרזאַמלונגס־סאַלאָן פון דער קאָלאָניע צו קליין, ווען מען קומט זיך צוזאַמען אויף אַן אָוונט, אַ שמחה, ווערט אַזוי ענג, אַז עס איז נישט מעגלעך צוריק אַרויסצוגיין. צווייטנס, דאַרף מען האָבן אַ בינע זי זאָל נישט איינפאַלן בעת יעדער פאַרשטעלונג. ר׳ זלמן, אַ פרומער ייד מיט באָרד און פיאות, האָט געהאַט גאָר אַנדערע טענות. מען דאַרף האָבן אַ מקווה אָפּצוהיטן טהרות המשפחה און אַ סטאַבילן שוחט, נישט איינעם, וואָס קומט נאָר צוויי מאָל אין דער וואָך.

דער יונגער־מאַן, אַז ער האָט דערהערט די אַלע פאַרלאַנגען האָט זיך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, הע הע, גאָר נישקשה פון אַ השגה!

— צי פאַרשטייען זיי, וואָס זיי פאָדערן? די אינסטיטוציע, וואָס ער פאַרטרעט, איז דען די איק״אַ? דאָס איז נישט קיין פילאַנטראָפּישע אינ־סטיטוציע, וואָס פאַרמאָגט מיליאָנען, זיין אָרגאַניזאַציע דאַרף טאַקע אויס־וואַקסן פון די קאָלאָניסטן, זיי דאַרפן זיך פאַרשרייבן און צאָלן מאָנאַט־

אָפּצאָל, וועט מען זיי שיקן אַ לעקטאָר, אַן אַקטיאָר און אים אַליין דאַרף מען אויך אומקערן די הוצאות.

געהערט אַזעלכע דיבורים האָבן די קאָלאָניסטן זיך אָנגעהויבן צו צע־פּאָרן. זאָל ער זיי נישט דרייען אַ מוח. מ׳האָט בעסערס, וואָס צו טאָן, ווי אויסצוהערן זיינע רייד.

ליפּסקער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים. ער האָט גענומען אַ ביכל און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ליג־שטול לעבן זיין שטוב. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צום לייענען און פויל געקוקט פאַר זיך. זיינע הינער האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַרן ברייטן אומבו־בוים, שוין געוועזן צייט אַרויפ־צופליען שלאָפן. אַ יונגער האָן האָט אַוועקגערופן אַ פּאָר הינער אין דער זייט, וואָס ווייטער פון דעם באַלעבאָס, דעם אַלטן האָן. ער דרייט זיך פאַר זיי וויל־יונגעריש און באַווייזט קונצשטיק. גיט אַ פּאָר מיט די צעשפּרייטע פעדערן איבער דער ערד ווי אַ פאַרנייגונג. די הינער אָבער מאַכן זיך ווייניק וואָס פון זיינע קאַוואַלערסקע שטיק. זיי פּיקן פאַרשלאָפן נאָך איינ־צלנע גרעזלעך, אַן איבערבייס פאַרן שלאָפן גיין. אָט שטייט די אַלטע באַטאַראַס־הון, זי דערמאָנט ליפּסקערן שטאַרק אין מלכהן, דאָס ווייב פון משה בערן, וואָס האָט פאַרלאָזט די קאָלאָניע. די הון שטייט מיט צעשפּרייטע פיס, די פעדערן פונעם נאַכגעלאָזטן בויך דערגרייכן כמעט ביז צו דער ערד. די פליגלען אַראָפּגעלאָזט, דעם האַלדז איינגעצויגן. זי האַלט דאָס קעפּל געבויגן, דרימלענדיק, איין אייגל אַן אָפענס, צום הימל. זי קלערט מסתמא פון די דורות הינער, וואָס זי האָט אויפגעצויגן, די זינדלעך, וואָס גוידערן זיך און טעכטערלעך, וואָס גייען אין דער מאַמעס דרכים, לייגן פלייסיק אייער און בריען אויס פרישע דורות באַטאַראַס־הינער. אַצינד שטייען זיי און ציפּן זיך פאַרשלאָפן די פעדערן אָדער טיקן מיט די קעפּלעך, דרימלענדיק, ווי אַ יידענע ביי זאָקן־שטריקן. און אפשר זענען זיי באַווירקט פון דער פאַרנאַכטיקער עצבות, אַ שטייגער, ווי ר׳ זלמן, וואָס איז אַרויס־געגאַנגען פון דעם סאַלאָן, זיך געוואַשן פרום די הענט ביי דער וואַסער־פּאָמפּע און איצט שטייט ער אינעם פרייעם פעלד פאַר אַ בוים און שאָקלט זיך ביי דעם מעריב־דאַווענען. ר׳ זלמן איז אַ פרומער, אָפּגעהיטענער ייד, וואָס די ריחות פון די איק״א־פעלדער האָבן אים צוריק מיט אַ פּופצן

יאָר אַרויסגעלאָקט פון דעם קליינעם פוילישן שטעטל און אים געבראַכט קיין ענטרע ריאָס. ער איז אַ ייד, וואָס שטעלט זיך מיט אַלץ צופרידן און דאַנקט דערפאַר גאָט. די ערשטע צייטן איז געווען שווער און, בפרט, דערמאָנט ער זיך, איין טאָג, כאָטש ער וואָלט אים געוואָלט פאַרגעסן, דערמאָנען אים אָבער די קאָלאָניסטן:

— ר׳ זלמן, ווי אַזוי אַקערט זיך עפעס, ר׳ זלמן?

וואָס איז ער שולדיק, אַז מען האָט אים געהייסן האַלטן דעם פלוג און טרייבן דאָס פערד. האָט ער אַזוי געטאָן, וואָס דען זאָל ער טאָן? אָבער דער פלוג האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד און נישט געגראָבן. מסתמא דאַרף עס אַזוי צו זיין. ער האָט זיך צוגעזונגען אַ זמרל און גע־אַקערט. מיט אַ מאָל דערהערט ער ווי זיין שכן בערקאָוויטש שרייט אַריבער:

— ר׳ זלמן, וואָס טוט איר דאָ, ר׳ זלמן?

— איר זעט נישט? איך אַקער.

— ווי אַקערט איר, אַז איר דרייט נישט איבער די ערד.

— טאַקע יאָ. נו, וואָס זאָל איך טאָן?

— איר דאַרפט אַראָפּלאָזן דעם פלוג. איר זעט נישט אַז ער איז אויפ־געהויבן?

ר׳ זלמן האָט זיך פאַרשעמט און פון דעמאָלט אָן ווייסט ער שוין, ווי אַזוי מען אַקערט. איין מאָל איז ער אַהיים געקומען אַ מידער נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן אין פעלד. אין האַלדז איז אים געווען טרוקן פון דער הייסער שטויביקער לופט. שוין צייט געווען עפעס נעמען אין מויל. אָבער אין שטוב האָט ער אָנגעטראָפן אַ חורבן: אַ האַלבע וואַנט איינגעפאַלן, דאָס פייער אין קיך אויסגעגאַנגען, זיין ווייב מיט די קינדערלעך זענען געזעסן אין דרויסן פאַרן הויז אויפן גראָז.

— וואָס איז, ווייב מיינס!?

— דו זעסט? — ווייזט זי אים אָן אויף דער איינגעפאַלענער וואַנט — פון דאָרט זענען אַרויסגעקומען מערישקעס גרויסע ווי פליגן, אין אַ גלייכער שורה זענען זיי אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער ערד און באַדעקט די ווענט. האָב איך מיט אַ האַנטעך זיי גענומען טרייבן, האָבן זיי אָנגעהויבן

צו פליען, דו הערסט א מעשה? מערישקעס זאָלן גאָר פליען! און דאָ קריכן אַלץ מער אַרויס פון אונטער די ווענט. האָב איך געוואָלט מיט אַ ברעט פאַרשטעלן די שפּאַרעס, איז אײַנגעפאַלן די וואַנט. די מערישקעס האָבן זי אונטערגעבראָכן. און פּלוצעם איז דאָרט — ווייזט זי אים אויף דער חרובדיקער שטוב, ווו דורך דער אָפּענער וואַנט האָבן די לעצטע שטראַלן פון דער זון באַלויכטן דעם הויפן ברוכוואַרג פון קאַלך און ציגל — זעסט, דאָרט פון אַ גרוב איז אַרויסגעקראָכן אַ גרויסע שלאַנג. האָב איך געכאַפּט די קינדערלעך און מיר זענען אַרויסגעלאָפן.

— ס׳איז גאָרנישט. — טרייסט איר ר׳ זלמן — מסתמא אַזוי באַשערט מן השמים. אַבי, חלילה, אייך גאָרנישט געשען.

ער שטעלט זיך באַלד אַוועק דאַווענען מעריב און בענטשט גומל און דאַנקט דעם רבש״ע פאַר דעם חסד, וואָס ער טוט מיט אים יעדע שעה און יעדע רגע. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן די אַלע צרות. אַממייניסטן האָבן זיי געליטן אין דער צייט, ווען קיין שוחט איז נישט געווען אין דער קאָלאָניע. זיי האָבן קיין פלייש נישט געגעסן און עפּעס אַנדערש איז אויך צו פיל נישט געווען, זענען זיי געפאַלן פון די כוחות. באַזונדער האָט עס שווער געווירקט אויף זיין ווייב, די שטילע, פרומע ריקעלע, זי האָט אַ סך געקינדלט און שווער געהאָרעוועט, איז זי פאַרעלטערט געוואָרן פאַר דער צייט. ביי די פערציק יאָר איז זי שוין געוואָרן אַן אַלטע אָפּגעלאָזענע יידענע. טראָץ די אַלע צרות האָבן זיי זיך אָבער פאַרוואָרצלט אין קאָלאָניע, געלאָזט דאָ אַ טיפן שטאָם. אַ קינד זייערס איז געשטאָרבן און דאָ געבראַכט געוואָרן צו קבורה. דאָס ערשטע קבר׳ל אויפן פאַרזייטן פעלד. זייט דעמאָלט איז ר׳ זלמנס ווייב און נאָך עטלעכע פרומע פרויען אין דער חברה קדישה. זיי זענען זיך מתעסק, ווען, חלילה, עס שטאַרבט אַ פרוי אָדער קינד. די שוואַכע ריקעלע ווערט דעמאָלט אַ גבורטע, זי רוט נישט אַ גאַנצן טאָג ביז נאָך דער קבורה.

די קאָלאָניע גרויסט זיך מיט איר בית־עלמין. יידן ווײנען אויף הונ־דערטער קילאָמעטער צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרוואָרפענע געגנטן. ביים לעבן פאַרגעסט מען שיער נישט אַז מען איז אַ ייד; פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט, ווער געדענקט פון אַ יום־טוב, צי פון אַ שבת? אָבער ווען

עס מישט זיך אַריין דער מלאך המות, דערמאָנט מען זיך פּלוצעם אַז מען איז אַ ייד, אַ שרעק באַפאַלט, מען זאָל דעם בר־מנן חלילה נישט באַגראָבן אויפן גוייִשן צווינטער. דינגט מען אַ לאַסט־אויטאָ און מען פירט דעם מת אין קאָלאָניע. דער לאַסט־אויטאָ בלייבט שטיין אין צענטער פון קאָלאָניע, פאַר ליפּסקערס שול. מען שטעלט די מיטה אַוועק פאַר דער טיר פון דער שול. דער שוחט מאַכט אַ הספד און דערנאָך פירט מען דעם מת אויפן בית־עלמין, יידן גייען נאָך, באַגלייטן די לויה. דער בית־החיים געפינט זיך דאָרט, ווו דער וועג פאַרדרייט זיך אין אַ זייט. אויסטערליש בלאַנקען אַרויס די ווייסע, נאָך מיינסטנס נייע מצבות, פרידלעך שטייען זיי דאָרט, די גלאַטע שטיינער מיט אויסגעקריצטע אותיות, וואָס זעען אויס פרעמד און עקזאָטיש אין די אויגן פון די אָרטיקע איינוווינער. פריי און ווילד וואַקסט דאָס גראָז אַרום זיי, פאַרדעקט מיט אַ גרינעם טעפּעך דעם קבר און טוליעט זיך צו דעם מירמלנעם שטיין. פייגעלעך זעצן זיך אויף די מצבות, שאַרפן זייערע שנעבעלעך אין דעם האַרטן מירמל פון דעם יונגן בית־החיים... דאָס באַדייט אַז אַ נייער יישוב גייט אויף אויף ענטרע ריאָסער ערד. מער ווי די מענער, היטן אָפּ די פרויען דעם בית־עלמין. זיי גיבן אַכטונג, אַז דער טויער זאָל זיין שטענדיק פריש אָפּגעמאָלן אויף רויט, און דאָס קבורים־שטיבל געקאַלכט אויף ווייס. קאָלאָניסטן, ווען זיי פאָרן פאַרביי דעם וועג, כאַפּן אַ בליק צו דעם בית־החיים און זיפצן אָפּ: אָט דאָס איז דעם מענטשנס סוף!

אַצינד שטייט ר׳ זלמן אין שטילן פאַרנאַכט און דאַוונט מעריב. די פאַרגייענדיקע זון האָט פאַרגאָלדיקט די געגנט, שלעפעריק האָט צווישן די צווייגן געצוויטשערט אַ פייגעלע, לאַנגזאַם האָט זיך דערנענטערט די נאַכט.

ליפּסקערן האָבן זיך געקלעפּט די אויגן און ער איז אַנטדרימלט געוואָרן. מיט אַ מאָל דערהערט ער אַ טומל פאַר זיין שטוב. באַלד איז ער וואַך געוואָרן, ס׳איז שוין געווען גאַנץ פינצטער. ער דערקענט די שטימען פון עטלעכע קאָלאָניסטן, צווישן זיי יאַנקלס בייז קול. באַהדאַן האָט זיך שטאַרק צעבילט, מסתמא געכאַפּט פון עמיצן אַ קאָפּע מיט אַ שטיוול. זיי קלאַפּן שטאַרק אין דער טיר:

— ליפּסקער, מאַכט אויף!

ליפּסקער רירט זיך נישט. אַצינד האָט ער די געלעגנהייט אָפּצוצאָלן יאַנקלען.

— ער איז נישט אין דער היים — זאָגט אַ קאָלאָניסט.

— זאָל ער זיין אין דער ערד! ווער דאַרף אים? מען דאַרף זיין פערד און סולקע.

— אַז ער איז נישטאָ, איז דאָך נישטאָ זיין פערד און סולקע!

יאַנקל איז אַ בעלן צו וויסן, ווו יאָגט זיך עס אַרום בייגאַכט זייער לערער.

— און איך בין אַ בעלן צו וויסן, ווער עס האָט אונדז אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און אָפּגעבונדן אונדזערע פערד, זיי זאָלן אַנטלויפן אַהיים און אונדז דאָ איבערלאָזן! — זיפצט אַ קאָלאָניסט.

— ווי אַזוי וועל איך מיך דערשלאָגן צום שטעטל? — וויינט שיעור דער לעקטאָר.

— איר זעט? אפילו אונדזערע פערד זענט איר נישט געפעלן, זיי זענען זיך צעלאָפן צוזאַמען מיט די קאָלאָניסטן, — וויצלט זיך אַ קאָלאָניסט.

— וואָס זשע טוט מען?

— גאָרנישט. מען גייט אַזוי לאַנג מיט דער באַן־ליניע, ביז מען קומט אין שטעטל.

— פאָלג מיך אַ גאַנג! נישט מער ווי אַ זעקס קילאָמעטער.

זיי זענען אַוועק. און ליפּסקער האָט געוווּסט אַז דער גאַנג אין דער פינצטער איבער דער שטייניקער באַן־ליניע איז אַ שווערער און דער לעקטאָר וועט שוין זיכער פאַרזאָגן קינדס קינדער אַראָפּצופּרענגען קולטור אין די קאָלאָניעס.

ליפּסקער איז צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן. פּלוצעם פילט ער, ווי אַ געשטאַלט לאָזט זיך נעבן אים אַראָפּ. צווי ווייכע הענט נעמען אים אַרום און אַ באַקאַנט אויסגעבענקט קול שעפּטשעט:

— ליפּסקער!

ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און נישט געוווּסט, צי ער זעט זי אין חלום אָדער אויף דער וואָר:

— מאַריאַנע, איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען! דו האָסט געמוזט

קומען! מיין בענקשאַפט האָט דיך געבראַכט. אַצינד נעם מיך אַרום, שטאַרק נעם מיך אַרום און בלייב מיט מיר!

זי האָט אים געפּאַלגט. אַרומגענומען זיין קאָפּ, אים געגלעט, אים גע־צערטלט מיט אירע הענט. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך. הייסע טרערן זענען איר געפלאָסן איבער די באַקן. ער האָט געקושט אירע זאַלציק־זיסע טרערן און געשעפּטשעט:

— דו וויינסט, מאַריאַנע? צי ביסטו נישט גליקלעך, וואָס דו ביסט געקומען צו מיר?

— אַך, ליפּסקער, כאַפּט איך אויף! איך דאַרף מיט איך עפּעס זייער וויכטיקס איבעררעדן, צייט זיך אויפצוכאַפּן.

— איך וויל מיך גאָרנישט אויפכאַפּן!

זי האָט די גאַנצע צייט לעבן אים געקניט און זעענדיק זיין צודרינג־לעכקייט, האָט זי זיך אויפגעהויבן. ער האָט זיך אויפגעזעצט און זי אָנגע־כאַפּט ביי די הענט:

— גיב מיר נאָך אַ קוש!

— דעם לעצטן! — האָט זי אים געגעבן די ליפּן. דערנאָך האָט זי זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט. ער האָט זי אַרומגענומען און נאָך אַלץ געצווייפלט, צי איז ער וואַך.

— מאַריאַנע! — האָט ער געגלעט אירע באַקעטע אָרעמס און געקוקט איר אין די אויגן.

— מיין יינגל! — האָט זי זיך צו אים געטוליעט און ווידער האָבן זיך טרערן באַוויזן אין אירע אויגן.

— וויין נישט, טייערע, איך בין איצט אַזוי גליקלעך, וואָס דו ביסט געקומען!

— אָבער איך בין געקומען איך עפּעס דערציילן!

— אַצינד נישט, טייערע, שפּעטער, מאָרגן — ער האָט נאָך אַ מאָל געזוכט אירע ליפּן און פעסטער צוגעדריקט זי צו זיך.

— לאָזט מיך אָפּ!

— ניין! — זיין אָטעם איז קורצער געוואָרן, ער האָט זי מיט קראַפט אַוועקגעלייגט נעבן זיך.

מאַריאַנע איז אָבער פלינקער געווען, זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און זיך אויפגעהויבן. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— עס איז היינט נישט צו רעדן מיט אייך. נאָר מאָרגן, ווי גאָט איז אייך ליב, זאָלט איר זיין ביי הערבערטן, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן. און אַצינד — אַ גוטע נאַכט!

זי האָט דורך די טרערן טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און איז צוגע־וואָרפן אַ לופט־קוש און אַנטלאָפן. ליפסקער האָט זיך געגעבן אַ זעץ אויף, געוואָלט איר נאָכלויפן, אָבער ער האָט דערהערט, ווי זי האָט צוגעקלאַפּט דאָס טירל, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איר פערד און אַוועקגעריטן.

ליפסקער האָט דערנאָך זיך קאָנוולסיוו געוואָרפן אויף דעם ליג־שטול, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און געקלערט וועגן דער, וואָס האָט אָקערשט אַזוי צעצונדן זיינע בלוטן.

אויף מאָרגן האָט ליפסקער אומגעדולדיק געוואַרט אויף מאַריאַנען אין הערבערטס רעסטאָראַן. און ווען זי איז אַזוי גיך נישט געקומען, האָט ער געטראַכט — אפשר איז עס פאַרט נאָר געווען אַ ווילדער קאָשמאַר, אַ חלום? אָבער זי איז געקומען. ער האָט געזען דורכן פענצטער ווי זי שפּרינגט אַראָפּ פונעם פערד, פאַרריכט זיך דעם גאַרטל פון די הויזן, גיט אַ וואָרף דעם קאָפּ מיט די שווערע לאָקן, און גייט אַריין. זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. נישטאָ נאָך אַזאַ שיינע פרוי ווי מאַריאַנע.

זי איז גלייך צוגעגאַנגען צו זיין טישל.

— אַ דאַנק, ליפסקער, וואָס איר זענט געקומען! זי איז געווען בלאַסער ווי שטענדיק, און, ווי ליפסקערן האָט זיך אויסגעדאַכט, דענערווירט.

— איר זענט טאַקע געווען נעכטן ביי מיר? — האָט ער געגלעט אירע הענט.

— יאָ, איר קענט זיך עס נישט גלייבן? איר האָט דאָך דאָ נישט לאַנג געהאַט אַ באַזוך אויף נאַכטלעגער?

— אַזוי, איר ווייסט אויך דערפון?

— אָ, די גאַנצע קאָלאָניע רעדט דערפון. איינע זאָגן ס'איז אַ כלה, די אַנדערע, גאָר אַ ווייב.

— נאַרישקייטן, מאַריאַנע, איך קען נישט אַפילו רעכט דאָס מיידל.

— ער האָט איר דערציילט זיינע באַגעגענישן מיט איר און פאַר וואָס זי איז געווען געצווונגען ביי אים צו נעכטיקן.

— זי איז אַ שיינע?

— ניין, אַט, אַן עלנט, אָרעם מיידל.

זי האָט פאַרשנדיק אויף אים געקוקט:

— מען דאַרף נישט זיין שיין אויף צו פאַרליבן זיך.

ער האָט געגלעט אירע הענט:

— איך בין שוין פאַרליבט.

זי האָט צוגענומען אירע הענט:

— איך וואָלט מיך נישט געטרויט ביי אייך איבערצונעכטיקן די נאַכט. באַנעמט איר זיך אַזוי צו אַלע פרויען?

— ניין, מאַריאַנע, איך האָב נאָר דיך ליב און נאָר דו קאָנסט אויף מיר אַזוי ווירקן.

זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געביטן די טעמע:

— איך בין זייער אומגליקלעך ליפּסקער. און איך בין געקומען זיך מיט אייך צו באַראַטן.

— דו האָסט עס מיר שוין נעכטן געזאָגט. דערצייל, וואָס דריקט דיר?

ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט אירע הענט פון זיינע און זיי געהאַלטן אין איין גלעטן. זי האָט געוואָלט אַוועקנעמען די הענט.

— איר ווייסט, פאַנטשאָ איז געוואָרן אַ שיכור. ער קומט אַהיים ביי־נאַכט, פאַלט פון די פיס און טשעפּעט זיך צו מיר. ער דראָט מיר, אַז אויב איך וועל נישט ווערן זיינע, וועט ער מיך הרגענען. איך האָב מורא פאַר אים. ער איז גאַנץ אַנדערש ווי פריער, ער באַפאַלט מיך, געלינגט עס מיר צו פאַרשליסן די טיר, איז גוט, אויב נישט, לויף איך אַרויס אין דרויסן און רוף נאָך הילף. דעמאָלט לאָזט ער מיך אָפּ און פאַרשווינדט ערגעץ אין גאָרטן. ער פאַלט אַוועק אויפן גראָז און שלאָפט איבער די נאַכט. און איר ווייסט, האָט זי זיך צעוויינט — מיין הונט, העקטאָרן, האָט ער געהרגעט! ער האָט אים שוין פון לאַנג פיינט באַקומען, ווייל ער פלעגט מיך פאַרטיידיקן, דער הונט, פלעגט זיך אויף אים וואַרפן, ווען ער איז צו מיר צוגעקומען. איין מאָל, פאַרנאַכט, האָט פאַנטשאָ, אַהייקומענדיק

אַ שיכורער, געגומען די האַק און איז אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב.

— דו זעסט? — הייבט ער צו מיר אויף די האַק — אַז דו וועסט דיך מיר נישט איבערגעבן, הרגע איך דיך אַוועק!

איך בין אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און געשריען נאָך הילף. אָבער קיינער איז מיר נישט געקומען צו הילף. ביי בעטין שפּילט אָן אויפהער די ראַדיאָ, די אַנדערע מאַכן זיך נישט הערנדיק. העקטאָר האָט מיך באַשיצט מיט זיין קערפּער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און די אויבערשטע געלייגט אויף מיינע אַקסלען. און דעמאָלט האָט פּאַנטשאָ אַריינגעזעצט די האַק אין זיין קערפּער. מיין העקטאָר איז אַנידערגעפאַלן אין אַ טייך מיט בלוט. איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט נעבן אים און זיך ביטער צעוויינט. פּאַנטשאָ האָט זיך פאַרשעמט און איז אַוועקגעגאַנגען. וואָס זאָגט איר, ליפּסקער? איך האָב מורא, ער וועט מיך הרגענען. וואָס טוט מען? זאָגט, גיט מיר אַן עצה.

— די זאַך איז זייער ערנסט, מיין טייערע, דו דאַרפסט אַ שטאַרקע האַנט, וואָס זאָל דיך באַשיצן. איך קלער, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען דיין מאַן קומט צוריק.

זי האָט אים ווי פאַרשטאַרט אָנגעקוקט, דערנאָך זיך אויפגעהויבן און געזאָגט מיט ווייטיק:

— אָט דאָס איז אייער עצה! איר שיקט מיך צו מיין מאַן! און איך האָב געמיינט אויף אַן אמת, אַז איר האָט מיך ליב! כאַ, כאַ! — האָט זי זיך ביטער צעלאַכט:

— צו זיין אַזוי נאַיוו און צו גלויבן אַ מאַן! נו, אַנטשולדיקט, איך וועל מיך שוין ווענדן צו מיין מאַן אָדער זאָל שוין זיין, וואָס עס זאָל נישט זיין.

ליפּסקער האָט זי אָנגעכאַפּט ביים אָרעם:

— איך שווער דיר, אַז איך האָב דיך ליב! — מאַריאַנע!

זי האָט מער נישט געוואָלט הערן וואָס ער וועט זאָגן און איז שנעל אַרויס.

ער איז געבליבן אַ צעטומלטער. וואָס זאָל ער איצט טאָן? ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי געפינט זיך אין גרויס געפאַר.

דאָס האָט אים נישט געגעבן קיין רו דעם גאַנצן טאָג און אויף דער נאַכט האָט ער געטשאַטעוועט אַרום איר הויז. פון וויטן האָט ער געזען ליכט סיי אין פּאַנטשאָס קעמערל, סיי אין איר שטוב. עס איז געווען אַזוי שטיל און פרידלעך, אַז ליפּסקערן האָט זיך אַ מאָמענט אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע מעשה, וואָס מאַריאַנע האָט אים דערציילט, איז איבערגעטריבן אָדער פּשוט אויסגעטראַכט. פּלוצעם זעט ער, ווי עס עפנט זיך די טיר פון קעמערל, יאָ, דאָס איז פּאַנטשאָ, ער גייט נישט זיכער, ער וואַקלט זיך. אָט דערנענטערט ער זיך צו מאַריאַנעס שטוב. אין דער אָפענער באַלויכטענער טיר זעט ער מאַריאַנען זיך ראַנגלען מיט אים. זי רייסט זיך אַרויס פון אים, לויפט אַרויס און שרייט:

— ראַטעוועט, מענטשן! ראַטעוועט! ער וויל מיך הרגענען!

— מאַריאַנע, מאַריאַנע! איך גיי, — האָט ליפּסקער געשריען און איר געלאָפן אַנטקעגן. דער מענטש לעבן איר האָט זי אויפגעהערט צו אַטאַקירן. ער האָט זיך הינטערווילעכץ צוריקגעצויגן און איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט.

מאַריאַנע איז ליפּסקערן געפאַלן אין די אָרעמס:

— ער איז צו מיר אַריין מיט אַ ראַזיר־מעסער און געדראָט, אַז ער וועט מיך שעכטן, אויב איך וועל נישט ווערן זיין געליבטע — זי האָט אָן אָטעם איבערגעחזרט: — איך קען נישט מער, ליפּסקער, איך קען מער נישט ראַנגלען זיך מיט אים! — זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— יאָ, טייערע, דו קענסט מער דאָ נישט בלייבן, נאָך די נאַכט נעם איך דיך אַוועק פון דאַנען.

ס'האָבן זיך צעבילט די הינט ביי די שכנים, מיט אַ געוואַי. ליפּסקער האָט זיך איינגעהערט:

— פאַר וואָס בילן אַזוי די הינט?

— איך ווייס עס נישט און וויל עס אויך נישט וויסן! — זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן פון זיין רעקל און אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן:

— ליפּסקער! דו שיקסט מיך מער נישט צו מיין מאַן? ליפּסקער,

נעם מיך מיט! לאָז מיך דאָ נישט איבער! עס איז שווער פאַר אַ פרוי צו זאָגן אַ מאַן: „איך האָב דיך ליב!", ווייל מיר ליבן מיט דער גאַנצער נשמה. ביי איך, מענער, איז באַלד אויף די ליפּן אייערע געפילן, אָבער ביי אונדז איז שווער דאָס אַרויסצוברענגען. ליפּסקער, איך ליב דיך! — אירע רייד און טרערן זענען געווען אַזוי אויפריכטיק.

— ווי איך האָב דיך דערזען צום ערשטן מאָל, געדענקסט? דעמאָלט, פאַר לאַנדערס שטוב, ביסטו מיר געפעלן, האָסט אַזאַ אײדל פּנים מיט אַזאַ וואַרעם דורכדרינגלעכן בליק און עפּעס אַזאַ אומענדלעכע איינזאַמקייט דריקט אויס דיין פּנים. עס ווילט זיך דיך אַרומנעמען, צודריקן צו זיך, זאָלסט נישט זיין אַזוי אומגליקלעך און איינזאַם. ליפּסקער, דיין איינזאַמקייט וועט קיינער נישט אויספילן נאָר איך!

זי האָט זיך צו אים געטוליעט און וויינענדיק איבערגעחזרט — נאָר איך, ליפּסקער!

— מאַריאַנע! מיר וועלן חתונה האָבן. ביי אונדז, יידן, איז דאָ אַ גט, מאַריאַנע, דו וועסט דיך אָפּגעטן פון דיין מאַן! — ער האָט זי ליידנשאַפטלעך געקושט, באַדעקט מיט קושן איר פּנים, דעם האַלדז, און ווען זי האָט זיך צעשמייכלט האָט ער געקושט אירע פּערלדיקע ציין. פּלוצעם האָט זי אַ צע־רודערטע אויסגעשריען:

— ליפּסקער, איך האָב מורא פאַר פאַנטשאַ!

זאָל ער דיר מער נישט אָנגיין. נאָך די נאַכט פאַרלאָזסטו דיין שטוב. איך פיר דיך אָפּ אין שטעטל און מאָרגן פאָרן מיר אָפּ קיין בוענאָס־איירעס.

— ליפּסקער! — איז זי אים געפאַלן אויפן האַלדז — איך בין אַזוי גליקלעך! קום, וועלן מיר גיין איינשפּאַנען דאָס פערד און אַרויסשלעפּן די סולקע.

זיי האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און געגאַנגען אין דער סטאַדאָלע נאָכן געשפּאַן.

— זאָג מיר נאָר, טייערע, אַז דו האָסט מיך שוין פון לאַנג ליב, פאַר וואָס האָסטו מיך אויסגעווייכט?

— טאַקע, ווייל איך האָב דיך ליב. איך האָב געזען, אַז צוליב מיר רודפן

דיך די קאָלאָניסטן און דערפאַר האָב איך מיך געהאַלטן פון דער ווייטנס.

הינטער דער אָבאָרע האָט זיך געוויסט מאַריאַנעס ווייסע טשערעדע שאָף, זיי זענען געשלאָפן צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן און ס'האָט אויסגעזען ווי איין ווייסע מאַסע. די בהמות זענען געלעגן און מאַלעגיירעט, דערפילנדיק זייער באַלעבאָסטע האָבן זיי צו איר אויסגעדרייט די קעפּ און זי באַגריסט מיט אַ פאַרשלאָפן „מו"...

— ליפּסקער, באַגייען מיר נישט אַ לייכטזיניקייט? דו לאָזט איבער דיין שול און איך מיין ווירטשאַפט.

— אַך, צווייפל נישט, מיין טייערע, אויב מיר וועלן נישט מיט גוואַלט זיך אַרויסרייסן פון דאַנען, וועלן מיר קיין מאָל נישט זיין צוזאַמען.

— ביסט גערעכט, קום!

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַנטשאָס קעמערל. דער לאַמטערן האָט אינעווייניק געלויכטן, פאַנטשאָ איז דאָרט נישט געווען.

— ער ליגט ערגעץ אַ שיכורער אין דרויסן, — האָט געזאָגט מאַריאַנע.

זיי זענען געגאַנגען איבערן פעלד נעמען אַ פערד, ליפּסקערס הונט האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייג און געבליבן הענגען.

— זע נאָר! — האָט מאַריאַנע אויסגערופן: אָט דאָ ליגט ער!

ליפּסקער האָט זיך אָנגעבויגן, אים באַלויכטן מיטן עלעקטרישן לעמפּל. פאַנטשאָ איז געלעגן מיטן פּנים איינגעגראָבן אין דער ערד און די הענט זענען אַזוי אויסטערליש געווען פאַרדרייט. ער איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט. ליפּסקער האָט אים אָנגענומען ביים רוקן, דער קערפּער האָט זיך געלאָזט איבערדרייען, דער קאָפּ אָבער איז אַוועקגעפאַלן, ער איז געווען איבערגעשניטן ביים האַלדז, פון דער רעכטער פאַרבלוטיקטער האַנט איז אים אַרויסגעפאַלן דאָס ראַזיר־מעסער.

— ער איז טויט! — האָט מאַריאַנע אויסגעשריען — פּונקט אויף דעם אָרט האָט ער דערהרגעט דעם הונט! וואָס טו איך אַצינד, ליפּסקער?

— אַצינד קען מען נישט אַוועקפאָרן. אויב יאָ, וועט מען זאָגן, אַז מיר האָבן אים געהרגעט.

— אָרעמער פאַנטשאָ! — האָט מאַריאַנע זיך צעוויינט — איך בין שולדיק אין זיין טויט!

— איך האָב דיר געזאָגט, מאַריאַנע, אַז מען טאָר זיך נישט שפּילן מיט ליידנשאַפטן פון מענער!

— דו מאַכסט מיר פאָרווורפן, ליפּסקער, דו?

— אַנטשולדיק, מאַריאַנע.

— ניין, ליפּסקער, דו וועסט מיך קיינמאָל נישט אַזוי ליב האָבן, ווי אָט דער גוי! וואָס טוען מיר איצט, ליפּסקער?

— מען דאַרף צו וויסן געבן דער פּאָליציי.

— דער פּאָליציי! — איז אַ שוידער דורכגעלאָפן איבער מאַריאַנעס קערפּער — ניין, די פּאָליציי וועט זיך שוין אַליין דערוויסן. ליפּסקער, גיי אַהיים. צו וואָס דאַרפסטו זיין פאַרמישט אין דער זאַך?

— ווי אַזוי וועל איך דיך דאָ אַליין איבערלאָזן?

— גיי, גיי, מיין טייערער! איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן. פאַרן לעבעדיקן פּאַנטשאָ האָב איך מיר מער געשראָקן.

— מאַריאַנע, געדענק אונדזער אָפּמאַך. מיר לייגן אָפּ אונדזער רייזע, אָבער זי וועט זיין!

זי האָט אים פאַרוואָרפן די הענט אויפן האַלדז און זיך צו אים גע־טוליעט:

— קוש מיך. מיין טייערער, קוש מיך שטאַרק! ווער ווייס צי דו וועסט מיך נאָך אַ מאָל האַלטן אין דיינע אָרעמס — ער האָט זיך איינגעזויגן אין אירע ליפּן.

— איך וועל האַלטן מיין וואָרט און דו געדענק, דאַרפסט דיך צעשיידן מיט דיין מאַן.

אַ שרעק איז זיי ביידע באַפאַלן, כאָטש זיי האָבן עס נישט אַרויס־געוויזן...

— וואָס וועסטו דאָ איצט טאָן איינע אַליין? ניין, איך לאָז דיך דאָ נישט איבער!

— גיי, גיי, מיין טייערער! עס איז בעסער פאַר אונדז ביידן, מען זאָל דיך דאָ נישט טרעפן.

*

אין דער קאָלאָניע האָט זיך געקאָכט. מענטשן זענען אין דער פרי געפאָרן אין דער מילכעריי מיט די פורלעד מילך און געפונען דעם הרוג. דעם שבת זענען מענטשן מער ווי תמיד זיך צוזאַמענגעקומען ביי ליפּסקערן. יעדער האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן. דעם טויטן האָט מען צוגענומען אין דער פּאָליציי. דאָרט האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער ראַזיר־מעסער, וואָס מען האָט לעבן אים געפונען, פּאַסט זיך פונקט אַריין אין דער ווונד פונעם האַלדז און די פּאַרבלוטיקטע האַנט ווייזט אָן, אַז ער האָט זיך אַליין איבערגעשניטן דעם האַלדז. מאָר־יאַנען האָט מען אַרעסטירט און מען לאָזט זי דערווייל נישט אַרויס. עס גייען אָן אויספאָרשונגען און מען פאַרהערט קאָלאָניסטן. זיי ווייסן נישט וואָס צו זאָגן. נאָראַנים זענען זיי, צו זאָגן עדות, זיך פאַרוויקלען אין פּראָ־צעסן און פאָרן קיין פּאַראַנאַ אויף לאַנגע טעג? די שכנים זאָגן, אַז זיי האָבן יאָ געהערט אויף דער נאַכט געשרייען, אָבער דאָס הערן זיי יעדע נאַכט, אַזוי, אַז זיי זענען נישט אַרויסגעגאַנגען און ווייסן פון גאָרנישט. די פּאָליציי האָט געפאָרשט די קאָלאָניסטן, וועלכע זענען יענעם אויף דער נאַכט אַהיים געפאָרן פונעם שטעטל. קיינער האָט גאָרנישט געזען און גאָר־נישט געהערט. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגערוקט משה דער קאָמיסיע־מיטגליד, וועלכער איז יענעם אָוונט צוזאַמען מיט בערקאָוויטשן געפאָרן אַהיים און דערציילט, אַז ער האָט אויף דעם אָרט, וווּ מען האָט געפונען דעם טויטן, געזען ליכט און געזען, דאַכט זיך, אויך צוויי מענטשן. ער האָט אפילו אָנגע־וויזן בערקאָוויטשן אויף דעם ליכט, וואָס האָט זיך אָנגעזען פון דער ווייטנס.

דער קאָמיסאַר האָט אים געפאָרשט:

— ווען האָט דאָס באַדאַרפט זיין, אַרום ניין אַ זייגער?

— אָ ניין, אַרום ניין זענען מיר ערשט אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט. דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַרום עלף אָדער האַלב עלף אַ זייגער.

— און ווען, זאָגט איר, — ווענדט זיך דער קאָמיסאַר צו די לאַנדערס — האָט איר געהערט די געשרייען?

— ניין אַ זייגער.

— נישט שפּעטער?

— זיכער נישט, ווייל פונקט דעמאָלט האָט דער ראַדיאָ געגעבן די נייעס. דערנאָך האָט דער קאָמיסאַר אויפגעהויבן אַ הוט אין דער הויך און געפרעגט, צי דערקאָנט עמעצער וועמענס הוט דאָס איז?

קיינער האָט דעם הוט נישט דערקאָנט.

— מיר איז ער יאָ עפּעס קענטלעך, אַזאַ ענלעכן הוט האָט דער לערער, נאָר איך וועל גיין זאָגן אויפן לערער? האָב איך געשוויגן. — האָט דער־ציילט משה.

ליפּסקער האָט געפילט אַלעמענס בליקן אויף זיך. ער האָט געפרעגט מיט אַ הייזעריק קול:

— וווּ איז מאַריאַנע?

— אין פּאַראַנאַ, מען האָט זי פאַרנומען קיין פּאַראַנאַ.

ליפּסקער איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט געגעבן אַ קוק אויף דעם זייגער. עס איז שוין געווען שפּעט, היינט גייט מער נישט קיין אויטאָבוס קיין פּאַראַנאַ. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די ביימער, וועלכע ער האָט פאַרפלאַנצט. זיי זענען געשטאַנען מיט פאַרדאַרטע צווייגעלעך, נאָר איין ביימל, לעבן דער פאַרטקע, דאָרט וווּ ער איז געשטאַנען מיט מאַריאַנען, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל באַזוכט, — האָט זיך אָנגענומען, נישט קיין גרויס, אַ קליינס, נאָר מיט אַ קורצן גראָבן שטאַם, מיט פעסטע צווייגעלעך און געדיכטע בלעטער, ווי אַ קרוין.

בערקאָוויטש איז צו אים אַרויסגעגאַנגען; ביידע האָבן געקלערט פון איין זאַך, נאָר פאַרמיטן וועגן דעם צו רעדן.

— נו, וואָס הערט זיך? ס'נעמען זיך אָן אייערע ביימער?

— ניין, איך האָב, דאַכט זיך, אַלץ געטאָן, זיי אונטערגעגראָבן, באַגאָסן יעדן פאַרנאַכט מיט וואַסער — און זיי טריקענען.

— זיי וועלן זיך אָננעמען!

— איר מאַכט חוזק?

— ניין, איך קען זיך מיט אייך וועטן.

— ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

— יאָ, מען וועט זיי אָננעמען, אַרויפוואַרפן אויף דעם וואָגן און אוועקפירן.

— האָט איר געוווינט.

— ס׳איז אַ סימן, אַז איר וועט זיך דאָ אויך נישט אָננעמען, איר גייט אַוועק.

— וואָס חידושט איר זיך אויף מיר, איר זענט לענגער דאָ און איר האָט זיך דאָ נישט פאַרפלאַנצט, איר גייט אויך אַוועק. טאַקע, ווען פאַרלאָזט איר די קאָלאָניע, סעניאָר בערקאָוויטש?

— נאָכן שניט. — האָט בערקאָוויטש נישט גערן געענטפערט — און אפשר וועל איך נאָך אויסקומען מיט דער איק״אַ און איך גאַנצן נישט גייען. איר מיינט, עס איז אַזוי לייכט צו פאַרלאָזן דאָס פעלד? — ליפסקער, — האָט ער זיך צו אים צוגעבויגן און שטיל געזאָגט — מיר ווייסן, אַז איר זענט געווען אין דער צייט פונעם מאָרד דאָרטן אויפן אָרט!

— נו, גייט, זאָגט עס דער פּאָליציי! — איז ליפסקער בייז געוואָרן — ווער זאָגט עס, מאַריאַנע?

— ניין, זי דערמאָנט איך אין גאַנצן נישט.

— וואָס זאָגט זי?

— אַז פאַנטשאָ האָט איר אַטאַקירט מיטן ראַזיר־מעסער און זי איז אַרויסגעלאָפן און מער ווייסט זי נישט.

— מען האָט דאָך פעסטגעשטעלט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד?

— יאָ, ס׳איז אָבער דאָ אַ חשד, אַז נאָך עמעצער איז געווען מיט איר און זי אַליין פאַרפּלאָנטערט זיך אין די רייד. צו ערשט זאָגט זי, אַז זי האָט אים מער נישט געזען, נאָך דעם ווי ער האָט זי אַטאַקירט, און דאַן, ווען מען פרעגט זי, ווער עס האָט דעם מת איבערגעדרייט, ווייל לויט דעם אָפּגע־פלאָסענעם בלוט ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד און געפונען האָט מען אים ליגן אויף דער פּלייצע, און דאַן אייער הוט...

ליפסקער האָט אים נערוועז איבערגעשלאָגן:

— איך פאָר מאָרגן קיין פאַראַנאַ, — האָט ער געזאָגט. — איך וועל דאַרפן האָבן געלט, ווייס איך? אפשר וועט מען דאַרפן האָבן אַן אַדוואָקאַט?

— רעדט זשע דיבורים! צוליב דעם זענען מיר דאָך געקומען צו אייך! איר מיינט, אַז מען וועט אייך לאָזן פאַלן, און דעם שד, מאַריאַנען, וועלן מיר

דען נישט העלפן? פאַרט אַ יידיש קינד און אַ גוטע קאַלאַניסטקע דערצו! זאָגט וויפל איר דאַרפט, מער־וויניקער, וועט מען אייך געבן!

— איר זענט באמת גוטע מענטשן! — האָט ליפסקער אַ גערירטער געענטפערט.

ליפסקער איז אָנגעקומען קיין פּאַראַנאַ און גלייך אַוועק אויף דער פּאָליציי. דער קאָמיסאַר, אַ טונקלהויטיקער קריאָזשע, האָט אים פריינטלעך אויפגענומען און געבעטן ער זאָל אַלץ דערציילן, וואָס ער ווייס וועגן דעם מאָרד. ליפּסקער האָט דערציילט ווי אַזוי מאַריאַנע האָט ביי הערבערטן אין רעסטאָראַן זיך באַקלאָגט פאַר אים אויף פּאַנטשאָן. פּאַנטשאָ האָט איר געדראָט מיט דער האַק און דערנאָך דערהרגעט דעם הונט. האָט ער באַ־שלאָסן צו קומען איר צו הילף. אויף דער נאַכט, ווען דאָס אומגליק איז געשען, איז ער געווען נישט ווייט פון איר הויז. ער האָט געזען, ווי זי ראַנגלט זיך מיט פּאַנטשאָ.

— צי האָט איר זי באַפרייט פון פּאַנטשאָס הענט?

— ניין, ווען מאַריאַנע האָט געשריען, האָב איך איר געענטפערט, מסתמא האָט ער דערהערט, ווייל ער האָט זי אָפּגעלאָזט און איז אַנטלאָפן.

— צי זייט איר זיכער, אַז מיט פּאַנטשאָן האָט זי זיך געראַנגלט? ס׳איז דאָך געווען פינצטער!

— אָ, יאָ, איך האָב פון דער ווייטנס אים געזען אין זיין קעמערל, דערנאָך געזען אים אַרויסגיין וואַקלענדיק, ער איז געווען שיכור. איך האָב אים אויך געזען אין דער באַלויכטענער אָפענער טיר, ווי ער וויל אויפ־צווינגען מאַריאַנען.

— צי האָט איר אים מער נישט געזען?

— געזען, אָבער... אַ דורכגעשטאָכענעם.

דער קאָמיסאַר האָט אַריינגעקוקט אין די אַקטן.

— די שכנים זאָגן, אַז די געשרייען זענען געווען אַרום ניין אַ זייגער און איין עדות דערקלערט, אַז ער האָט געזען ליכט אַרום 11 אַ זייגער אויפן אָרט פונעם זעלבסטמאָרד.

— יאָ, דאָס האָב איך אָנגעצונדן דעם טאַשן־לאָמפּ ביים טויטן גוף.

— צי קענט איר אונדז זאָגן, ווו איר זענט געווען און וואָס איר האָט געטאָן פון נײַן ביז עלף אַ זייגער?

ליפּסקער איז רויט געוואָרן:

— איך בין געווען די צייט אויף דער טשאַקרע פון האָלענדער.

— אַליין?

— ניין, אין דער געזעלשאַפט פון דער סעניאָראַ האָלענדער.

— סעניאָר ליפּסקער, אייער עדות־זאָגן איז זייער וויכטיק, דערציילט אונדז דעם גאַנצן אמת פון דעם פאַרלויף פון יענער נאַכט.

— איך האָב געזאָגט מאַריאַנען... אַז איך האָב זי ליב... זי זאָל זיך גטן מיט איר מאַן, און מיר האָבן באַשלאָסן נאָך אין דער זעלבער נאַכט צו אַנטלויפן. איך האָב געזען, אַז זי קען דאָרט מער נישט בלייבן, איר לעבן איז אין געפאַר, פאַנטשאָ קען זי דערהרגענען. מיר זענען געגאַנגען כאַפּן אַ פערד און אַנגעטראָפן אויפן טויטן. איך האָב נישט געוווּסט, אַז ער איז טויט. מיר האָבן געמיינט, אַז ער שלאָפט. איך האָב אים איבערגעקערט און ערשט דאַן דערזען, אַז ער איז טויט.

— איר זענט דאָך נישט אַנטלאָפן, מאַריאַנען האָבן מיר געטראָפן אין איר היים.

— צוליבן טויט פון פאַנטשאָן האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצולייגן אונדזער רייזע.

דער קאָמיסאַר האָט אָנגעוויזן אויף דעם הוט:

— איר דערקענט דעם הוט?

ליפּסקער האָט דערזען זיין קאַפּעליוש:

— יאָ, ס׳איז מיין הוט. איך האָב דעם הוט געהאַט פאַרלוירן.

— ווען, נעמט איר אָן, איז פאַנטשאָ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד?

— איך מיין, אַז דאָס איז געווען, ווען די הינט האָבן זיך אַזוי ווילד צעבילט, זיי האָבן, זעט אויס דערשפּירט בלוט.

— ווען איז דאָס געווען?

— איך קען דאָס נישט זאָגן אויף געוויס, אפשר ניין, אפשר האַלב צען.

— פאַר וואָס האָט איר נישט געמאָלדן גלייך דער פּאָליציי?

— סעניאָראַ האָלענדער האָט נישט געוואָלט. ס׳איז געווען האַלבע נאַכט.

— איר וועט מיר דערלויבן נאָך אַ פראַגע! צי איז סעניאָראַ מאַריאַנע דע האָלענדער געווען אייער געליבטע, איך מיין, צי איז פּאַנטשאָ נישט געווען אייפערזיכטיק און דאָס האָט אים געטריבן צו זעלבסטמאָרד?

— סעניאָראַ האָלענדער איז נישט געווען מיין געליבטע. איך פלעג זיך מיט איר זייער ווייניק באַגעגענען, אַזוי, אַז פּאַנטשאָ האָט אונדז נישט געהאַט אין וואָס צו פאַרדעכטיקן.

— צי האָט איך אין דעם דאָזיקן אויפדערנאַכט געזען פּאַנטשאָ?

— ניין, איך בין געשטאַנען ווייט, אין דער פינצטער. ער האָט נאָר דערהערט, וואַרשיינלעך, מיין שטים, אויך וויס איך נישט, צי ער האָט דערקאָנט מיין קול, ער איז דעמאָלט אַוועק.

מען האָט אַריינגערופן מאַריאַנען. זי איז געווען בלייך און טרויעריק. זי איז געגאַנגען אַ גלייכגילטיקע און זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. פלוצעם האָט זי דערזען ליפּסקערן, זי האָט ווי אויפגעלעבט. איר פּנים האָט זיך צעשיינט, זי האָט שטיל געפּליסטערט:

— „ליפּסקער!"

ער האָט צו איר געשמייכלט און זי געטרייסט מיט די בליקן.

דער קאָמיסאַר האָט זי געפרעגט:

— פאַר וואָס האָט איר פאַרשוויגן אַזאַ וויכטיקן עדות ווי ליפּסקער?

— איך האָב אים נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן, מען זאָל נישט שלעכט אויסטייטשן זיין נאַכטיקן באַזוך, ווייל איך וווין איינע אַליין.

— ווו איז אייער מאַן?

— ער איז אַ גרינס־הענדלער און פאָרט איבער די דערפער מיט זיין וועגעלע.

— צי האָט איך פּאַנטשאָ שוין פון לאַנג באַלעסטיקט?

— ניין, ערשט לעצטנס, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו טרינקען.

— צי האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען, ווייל איר האָט אים אָפּגעזאָגט אייער ליבע, אָדער האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען און שיכורערהייט איך געוואָלט באַצווינגען?

— איך קלער גיכער דאָס צווייטע. ווייל שטענדיק נאָך אַזוינע סצענעס פלעגט ער אויפן אַנדערן טאָג חרטה האָבן, ער פלעגט מיך אויסמיידן און

טאָן אָרנטלעך זיין אַרבעט. עטלעכע מאָל איז ער, אויף צו מאַרגנס נאָך די סצענעס, געפאַלן מיר צו די פיס און געבעטן איך זאָל אים מוחל זיין.

זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און זיך צעוויינט.

דער דאָקטאָר האָט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט די פריערדיקע פעסט־שטעלונג, אַז ס׳איז געווען אַ זעלבסטמאָרד־פאַל.

ליפּסקער האָט די גאַנצע צייט געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף מאַריאַנען און זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

*

ליפּסקער האָט זיך אַ נערוועזער אַרומגעדרייט איבער זיין צימער. ער האָט דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר. ס׳איז געווען פרוי הערצאָג. זי האָט זיך פאַרענטפערט, אַז איר מאַן איז אַוועקגעפאָרן אין מילכעריי, וועט זי דאָ צוּוואַרטן אויף אים. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן טיש, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טעראַסע, איבערגעוואָרפן איין פוס אויפן אַנדערן און גערעדט:

— אַך, ליפּסקער, ווי ראָמאַנטיש! מענער הרגענען זיך צוליב אַט דער מאַריאַנען און איר, אַ שיינער קאַוואַליר, זענט אויך אין איר פאַרליבט. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער גאָמבע און אויפגעהויבן זיין קאָפּ צו זיך — טאַקע, ליפּסקער, איר ווילט מיט איר חתונה האָבן? אַך, לאָזט אייך אָפּ, ליפּסקער, מען דערציילט פון אייך גאַנצע ראָמאַנען, אַ מיידל האָט ביי אייך געגעכטיקט, צו מאַריאַנען גייט איר, אין אַ מאָרד זענט איר פאַרמישט. ווי אינטערעסאַנט!

ער האָט זי אָנגעקוקט, ווי זי וואַרפט מיט די פיס, בייגט איר שלאַנקן קערפּער און געטראַכט, וואָס וויל זי דאָ אויסברייען? וואָס ווילן זיי בכלל פון אים? וואָס שפּילן זיי אים אויף די נערוון?

— און צו מיר, ליפּסקער, פילט איר טאַקע גאָרנישט?

ער האָט דערהערט טריט און זיך אויסגעדרייט:

— דאָס קומט מען אוודאי נאָך אייך.

עס איז אַריין אַן אומבאַקאַנטער מאַן. ליפּסקערן דאַכט זיך, אַז ערגעץ האָט ער אים געזען, נאָר ער קען זיך נישט דערמאָנען ווו?

— אַך, דאָס איז מאַריאַנעס מאַן — איז פרוי הערצאָג אויפגעשפּרונגען.

איצט האָט זיך ליפסקער דערמאָנט, אַז ער האָט אים אַ מאָל געזען ביי שולקינען פּאַרקויפן קאָווענעס, נאָך איידער ער האָט זיך באַקענט מיט מאַריאַנען.

— נו, איך לאָז אייך איבער אַליין, — האָט אויסגערופן פרוי הערצאָג און איז באַלד אַוועק.

— זעצט אייך, — האָט ליפסקער צוגערוקט אַ שטול פאַרן גאַסט.

— ניין, אַ דאַנק, מיר קענען רעדן שטייענדיק, — ער איז נישט געווען אין זיך זיכער און געקוקט פאַרלוירן, אָבער אַן עקשנות איז געלעגן אין זיינע אויגן. ס'איז קענטיק געווען, אַז עס קומט אים אָן שווער דאָס רעדן, און מיט אַ מאָל, ווי אַראָפּוואַרפנדיק אַ לאַסט פון זיך האָט ער שנעל אַ זאָג געטאָן: — מיר וועלן גלייך צוגיין צום ענין, וואָס עס האָט מיך געבראַכט אַהער.

— יאָ, אדרבא!

— איר האָט אָנגערעדט מיין ווייב, זי זאָל פאַרלאַנגען אַ גט?

— יאָ, — האָט ליפסקער געקוקט אים גלייך אין די אויגן.

— אָבער, סעניאָר ליפסקער, — האָט דער יונגער־מאַן זיך געדרייט, — צי האָט איר גוט איבערגעקלערט, וואָס איר גייט טאָן? זי איז דאָך מיין ווייב!

— צוליב דעם וויל איך איר זאָלט זי באַפרייען.

— איר קלערט טאַקע אויף אַן אמת מיט איר חתונה צו האָבן?

— זעצט אייך, סעניאָר האַלענדער, און לאָמיר רויק איבערשמועסן די זאַך.

דער יונגער־מאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט טיפן ווייטיק. ער האָט אַ שוואַכע נאַטור. זיין אַנקער אין לעבן איז מאַריאַנע. זי האָט נישט נאָר געזאָרגט, אַז זיינע מלבושים זאָלן זיין ריין און דאָס עסן אין דער צייט, נאָר אויך אנטשידן אין וויכטיקע לעבנס־פראַגן.

— איר האָט דאָך מיט איר אַ שלעכט לעבן, פאַר וואָס זאָלט איר זיך ביידע נישט באַפרייען?

— ווער האָט אייך געזאָגט אַז מיר לעבן זיך שלעכט ?

— דאָס ווייסט יעדער. איר לאָזט זי איבער אויף גאַנצע וואָכן.

— נו, איז וואָס ?

— זי האָט אייך נישט ליב.

— זי האָט מיך ליב פּונקט ווי יעדע אַנדערע פרוי איר מאַן. דאָס פאַר־הייראַטע לעבן איז נישט דווקא ליידנשאַפטלעכע ליבע. ס׳באַשטייט פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, פון געמיינזאַמען אינטערעס און — אַ קינד, אָט דאָס בינדט מאַן און ווייב.

— איר האָט נישט קיין קינד.

— ס׳וועט נאָך קומען.

— זי וועט פון אייך קיין קינד נישט האָבן!

— הם, זי איז מיין ווייב! סעניאָר ליפּסקער, שלאָגט אייך אַרויס פון קאָפּ, איך וועל איר קיין גט נישט געבן! און איך בעט אייך, גייט אַוועק, רייסט אייך נישט אַריין אין אונדזער לעבן.

מיט יעדער מינוט איז ליפּסקערס זיכערקייט געפאַלן. די ראָלן האָבן זיך געביטן. האָלענדער איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט זיכערער ביי זיך. געקומען איז ער מיט גאָר קליינע שאַנסן. די אַלע יאָרן, וואָס ער לעבט מיט מאַריאַנען, פילט ער, אַז זי האָט אים נישט ליב, זי האָט אים אָבער פאַר־זיכערט, אַז זי איז אויך נישט פאַראינטערעסירט אין קיין אַנדערן מאַן. ער האָט געגלייבט אין איר ערלעכקייט. זי האָט אים אַ מאָל געזאָגט:

— אויב איך וועל מיך אַ מאָל פאַרליבן, וועסטו זיין דער ערשטער, וועמען איך וועל עס דערציילן. — און איצט האָט זי אים דערקלערט, אַז זי איז פאַרליבט אין ליפּסקערן און זי וויל זיך גטן. ער שטייט פאַר דעם מאַן, אין וועלכן זיין ווייב איז פאַרליבט. ער קעמפט מיט עקשנות, זיין שטים קלינגט פעסט און אַנטשלאָסן:

— אָט דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, סעניאָר ליפּסקער, איך וועל איר קיין גט נישט געבן. איך וואָלט אייך געגעבן אַן עצה, איר זאָלט אייך זוכן אַן אַנדערע, אָבער איך זע, אַז מען דאַרף אייך קיין עצות נישט געבן; ערשט איז פון אייך אַוועקגעגאַנגען פרוי הערצאָג.

— איר וועט דאָס זאָגן מאַריאַנען ?

— פֿאַר וואָס נישט? איך וועל קעמפֿן מיט אַלע מיטלען!

ליפּסקער איז געבליבן זיצן אַ צערודערטער און אָפּהענטיקער.

דעם אַנדערן טאָג איז מאַריאַנע פֿאַרבייגעפֿאָרן מיט דער סולקע. זי האָט איינגעהאַלטן דאָס פֿערד פֿאַר ליפּסקערס שול, נישט אַראָפּגייענדיק פֿונעם וואָגן. ליפּסקער איז צו איר אַרויס. ער האָט באַלד דערפֿילט איר געדריקטע שטימונג, זי איז געווען ווי איינגעצויגן אין זיך.

— מאַריאַנע, — האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

זי האָט געשוויגן, נאָר אירע שיינע אויגן האָבן אויף אים געקוקט מיט ליבשאַפֿט און טרויער. ער האָט צוגעלייגט זיין הייסן שטערן צו איר קילן, ווייכן אָרעם:

— איך האַלט עס נישט אויס, מאַריאַנע.

— ווען דו וועסט מיך רופֿן, וועל איך קומען צו דיר.

— ער וויל דיך נישט פֿריי לאָזן.

— איך ווייס עס.

— מאַריאַנע,

— יאָ,

— איך מוז אַוועק פֿון דאַנען, איך קען מער נישט זיין דאָ. איך וועל קראַנק בלויז ביי דעם געדאַנק, אַז אַן אַנדערער נעמט דיך אַרום.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

— מאַריאַנע, דו גייסט מיט מיר?

— ווי אַזוי? מאָנטיק דאַרף איך ווידער זיין אין דער פּאָליציי.

— נאָך אַלץ מיט דער פּאָליציי?

— יאָ, אָבער ס'איז גאָרנישט, נאָר פֿאָרמאַליטעטן.

— טו אַזוי, ווי איך, לאָז אַלץ איבער און קום מיט מיר.

— נישט מעגלעך, ליפּסקער!

— איך וועל דיך נישט איבערלאָזן, קום מיט מיר!

זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— מאַריאַנע, וואָס טוט מען?

— פֿאַר אַוועק און איך וועל קומען צו דיר.

— ווען?

— ווען דו וועסט מיך רופן... און לאָז מיך לאַנג נישט וואַרטן.

ער האָט צוגעצויגן איר אָרעם און אים באַדעקט מיט קושן. — מיינע!

— האָט ער געדריקט אירע הענט צו זיך. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ צי געטאָן די לייצעס און זיך געגרייט אָפּצופאָרן.

— וואַרט נאָך אויס, — האָט ער געזאָגט — פאָר נאָך נישט, אָדער וואַרט, איך פאָר מיט דיר.

— דו דאַרפסט דאָך לערנען.

— איך לערן מער נישט!

ער איז אַרויפגעשפרונגען אויף דער סולקע, אַרויסגענומען די לייצעס פון אירע הענט און אָנגעטריבן דאָס פערד.

— פאַר וואָס טוסטו עס? אין שטאָט וואַרט אויף מיר מיין מאַן.

— דערפאַר פאָר איך טאַקע.

ער האָט שטאַרק געטריבן דאָס פערד. פאַרבייגייענדיקע מענטשן האָבן זיי נאָכגעקוקט. מאַריאַנע האָט קיין ליגן נישט געזאָגט, פאַר דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויף איר געוואַרט האַלענדער. ליפּסקער איז אַראָפּ פון דער סולקע אָן אַ זיי־געזונט.

ער האָט געבלאָנקעט איבערן שטעטל. אַ שאָפער פון אַ לאַסט־אויטאָ האָט פאַרפעסטיקט מיט שטריק די אויפגעלאָדענע סחורה אויף זיין לאַסט־אויטאָ. ליפּסקער האָט געקענט דעם יידן:

— וווהין פאָרט איר דאָס ערגעץ?

— אָ, וויט! ביז קיין קאָנפעסיאָן דעל אורוגוואַי. אויב אירווילט, נעם איך אייך מיט אומזיסט.

— געמאַכט, גוטער ברודער! — האָט ליפּסקער אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — איך פאָר מיט אייך!

## קאַפּיטל צען

# קיין מאָנטעווידעאָ

זיי זענען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. די מאַשין האָט מיט אַ גרויסער שנעלקייט געיאָגט איבערן שאָסיי. ליפּסקערן האָט באַרויקט דאָס האַסטיקע פאָרן. ער האָט געקוקט ווי דער אויטאָ שלינגט שטרעקעס, לאָזט הינטער זיך פעלדער, ראַנטשאָס, דערפער. ס׳איז גוט אַזוי. וואָס ווייטער אַוועק, אַוועק. אינעם פענצטערל האָט אַריינגעשיינט די לבנה. מעג דער אויטאָ ווי שנעל יאָגן, זי גייט מיט אים, זי באַגלייט אים... נאָר אָט דאַכט זיך אים, אַז די לבנה לאַכט, לאַכט פאַרשייט, לאַכט פון זיין אַנטלויפן פון מאַריאַנען. ער האָט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דעם ווענטל און פאַרמאַכט די אויגן: — מאַר־יאַנע... מאַריאַנע...

— איר שלאָפט? — האָט אים געפרעגט דער שאָפער.

— ניין, איך שלאָף נישט.

— איך דאַרף „אָנטרינקען" מיין פאָרדל.

— הם, אָנטרינקען?

— נו יאָ, פריער האָט מען אָנגעפּאָיעט אַ פערדל, היינט גיט מען וואַסער אַ פאָרדל.

ליפּסקער האָט אַ שמייכל געטאָן. צייטן בייטן זיך, אָבער מענטשן בלייבן די זעלבע. דער זעלבער בעל־עגלה, צי ער שלעפּט זיך איבער די וועגן מיט פערד און וואָגן, צי מיט אַן אויטאָ. זיי זענען שטיין געבליבן פאַר אַ טשאַקרע, דער ברונעם איז געווען נישט ווייט פונעם וועג. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט אַן עמער וואַסער, אַריינגעגאָסן אין דעם דאָרשטיקן „פאָר־דל" און פאַרגעזעצט ווייטער זייער וועג. ליפּסקער האָט געקוקט אויפן נאָז פונעם אויטאָ, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעזעצט אַ לייכטע פּאַרע אַרום דעם אייזערנעם פענדל, אַ סימן, אַז דאָס פאָרדל פאַרדייעט גוט דאָס וואַסער.

אַרום צוויי ביינאַכט זענען זיי אָנגעקומען אין באַסאַווילבאַסאָ. איינצלנע מענטשן זענען נאָך געזעסן אין די קאַפעען אָדער אַרומגעשפּאַצירט. זיי זענען פאַרבייגעפאָרן לעבן דער גרויסער שול „באַראָן הירש״, וועלכע קאָן זיך נישט פאַרשעמען פאַר די גרויסע בוענאָס איירעסער שולן. זיי זענען געפאָרן איבערן פירעקיקן מאַרק־פּלאַץ מיט שטיינער אויסגעפּלאַסטערט. די קרעמלעך, טיר לעבן טיר, האָבן ליפּסקערן דערמאָנט אין די מאַרק־פּלעצער פון זיין היים. און אָט איז שוין באַסאַווילבאַסאָ הינטער זיי. עס קומען אַנטקעגן איינצלנע ווירטשאַפטן פון קאָלאָניע „לוסיענווילע״, ווידער פרייער פעלד, אַ לייכט־פאַרכמאַרעטער נאַכטיקער הימל און די לבנה פאַרויס... דער ייד קען די געגנט. ער בייגט אָפּ פונעם טראַקט און פאַרנעמט זיך מיט זייטיקע וועגן. דער אויטאָ קרעכצט אונטער, בייגט זיך אין אַלע זייטן פון וועג, גרוב אַריין און גרוב אַרויס. פּלוצעם: טראַסק! דער אויטאָ גיט זיך אַ זעץ אַראָפּ. געפּלאַצט אַ ראָד. דער ייד שעלט, ווי אַן אמתער בעל־עגלה. ער גייט אַראָפּ און קראַצט זיך אין קאָפּ. אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! ער נעמט אַרויס פון אונטער זיין זיץ־אָרט פאַרשידענע מכשירים און נעמט זיך צו דער אַרבעט. ליפּסקער לייגט אויך צו אַ האַנט:

— נישט באַדאַרפט פאָרן מיטן וואַלד־וועג— מוסרט אים ליפּסקער, — אַצינד איז בעסער, אַז עס האָט געפּלאַצט אַ ראָד? און מען פאַרלירט צייט?

דער ייד האָט עפּעס געגעבן אַ וואָרטשע אונטער דער נאָז.

ענדלעך האָט מען אַראָפּגענומען די אַלטע ראָד און אָנגעטאָן אַ נייע. אָבער דער אויטאָ וויל זיך נישט רירן פון אָרט. דער ייד דרייט מיטן רעדל אַהין און אַהער, ליפּסקער שטופּט אונטער פון הינטן, און ס׳העלפט נישט. דער אויטאָ קרעכצט און סיקעט און רירט זיך נישט פון אָרט.

— אייער „פערדל״ האָט זיך איינגעשפּאַרט — זאָגט ליפּסקער.

מען דאַרף עמעצן אויפזוכן, אונטערצושטופּן דעם וואָגן, ווען מיר אים נאָר האָבן אַרויסגעשלעפּט פונעם גרוב, וועט ער אויפן גלייכן וועג שוין גיין.

אויפן הימל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גרויע פּאַסן. ס׳האָט גענומען טאָגן. די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן, נאָר די לבנה איז ווייטער עקשנותדיק געשטאַנען פאַר ליפּסקערן... אַ רויכל און אַ פייערל האָבן שי־

מערירט צווישן דיביימער ערגעץ נישט ווייט. אַהין האָט ליפּסקער זיך געלאָזט גיין זוכן מענטשן. ער איז געגאַנגען צווישן הויכע אַלטע ביימער, זייערע סוקעוואַטע, אויסגעבויגענע צווייגן זענען אַראָפּגעהאָנגען ביז צו דער ערד און פאַרשטעלט דעם וועג. אין מזרח־זייט האָט זיך געצונדן אַ ראָזעווע ליכט, אַנזאָגנדיק, אַז די מאַיעסטעטישע זון גייט באַלד אויף. פאַרשעמט האָט נאָך דער מאָרגנשטערן געווונקען און באַלד אויך פאַר־לאָשן געוואָרן.

געטראָפן האָט ער אַ גרופּע אָרטיקע איינוווינער, איינגעהילט אין זייערע פּאָנטשאָס, זיצן ביי אַ פייער און טרינקען מאַטע. וואָס טוען זיי דאָ אין פאַרטאָג? ווינען זיי דאָ? אָדער האַקן זיי האָלץ, אָדער וואַנדערן זיי איצט אַזוי ווי ער, אָן אַ ציל?

ער איז נאָענט צוגעקומען צו זיי און געזען זייערע פּנימער, פאַר־רויטלטע פונעם פייער. זיי זענען געזעסן שווייגנדיק, בלויז די מאַטע איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. ליפּסקער האָט זיך דורך די צווייגן דורכגע־שלאָגן אַ וועג און אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט:

— בוענאָס דיאָס סעניאָרעס!

— בוענאָס דיאָס, פּאַיסאַנאָ! (לאַנדסמאַן). קומט נעענטער און דער־וואַרעמט אייך ביים פייער. אַ קאַלטער פרימאָרגן, האַ? — האָבן זיי אים איינגעלאַדן, ווי זיי וואָלטן אים שוין פון לאַנג געקענט. באַלד האָט אַ צווייטער אָנגעגאָסן אַ פרישע מאַטע און אים דערלאַנגט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק — האָט ליפּסקער שנעל געזאָגט. ער ווייסט, אַז מיטן אָנטזאָגן זיך פון דער מאַטע באַליידיקט ער זיי, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, צו געבן אַ צי פון דער פאַרגעלטער באָמביזשע, אָט דעם רערל, וואָס האָט שוין הונדערטער מאָל באַדינט זייערע ליפּן מיט די געדיכטע וואָנצעס, אויסגעטונקענע אין וויין און טיטון.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן סעניאָרעס, ווען איך קום אייך באַלעס־טיקן, אונדזער אויטאָ איז דאָ שטעקן געבליבן אין אַ גרוב און מיר קענען אים נישט אַרויסשלעפּן, צי וואָלט איר אונדז נישט געקאָנט העלפן?

— קאָמאָ נאָ, (פאַר וואָס נישט) פּאַיסאַנאָ, קאָמאָ נאָ.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען מיט ליפּסקערן.

זעקס פאַר הענט האָבן אונטערגעשטופּט דעם אויטאָ און ער איז, קרעכצנדיק, אַרויס פון גרוב. דער ייד האָט אָנגעבאָטן זיינע אַרויסהעלפער ציגאַרן און מען האָט זיך אָפּגעזעגנט.

פון דער סודותדיקער נאַכט און פון דעם צוזאָגנדיקן רויטלעכן פריי־מאָרגן־אויפגאַנג איז גאָר אויפגעגאַנגען אַ קאַלטער, פאַרכמאַרעטער טאָג. די זון האָט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער די כמאַרעס און אַ בייז, אומהיימלעך ווינטל האָט געבלאָזן. ליפּסקער איז געווען מיד און דורכגעפרוירן פון דער נאַכט. דער שטויב איז געלעגן ווי אַ גרויער נעפּל אויף זיינע קליידער, אויף זיינע הענט, אויפן פּנים. דער שטויב האָט אים געגעסן די אויגן, געברענט די צונג און געקרעלט אין האַלדז. ער האָט געבענקט נאָך זיין פריש געלעגער. און דאָ טויכט אויף אַזוי פרעמד און קאַלט די שטאָט קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגוואַי. ער גיט זיך אַ טאַפּ אין קעשענע, ער האָט נישט מער ווי אַ פּאָר סענט.

— זאָגט מיר נאָר — מאַכט ער צום יידן, — איר וואָלט ביי מיר נישט אָפּגעקויפט מיין פערד און סולקע.

— פאַר וואָס נישט? — ענטפערט יענער, קוקנדיק פאַר זיך — וואָס ווילט איר דערפאַר?

— ס'האָט מיך געקאָסט דריי הונדערט פּעזעס.

— אין דעם מעגט איר פאַרגעסן. מען האָט אייך אָפּגענאַרט. ס'איז נישט מער ווערט, ווי אַ האַלב געלט.

— איך האָב אויך הינער צו פאַרקויפן.

— וויפל, אַ סך?

— איך ווייס? אַ הונדערט און אפשר נאָך מער. דערנאָך האָב איך אַ ביסל באַלעבאַטישקייט. אַ בעט, אַ טיש, שטולן.

— וואָס ווילט איר פאַר דעם גאַנצן קרעמל?

— פינף הונדערט פּעזעס.

— איר לאַכט? פאַר וואָס זאָל איך אייך געבן פינף הונדערט פּעזעס?

— נו, דער געשפּאַן אַליין מיט דער סולקע האָט מיך געקאָסט אַריבער דריי הונדערט פּעזעס.

מען האָט זיך נאָך אַ ביסל געדונגען און ליפּסקער האָט פאַרקויפט

זיין גאַנץ ביסל אָרעמקייט פּאַר 250 פּעזעס. דער ייִד האָט אים אויסגעצאָלט דאָס געלט, נאָך דעם ווי ליפּסקער האָט אים אויפגעשריבן אויף אַ צעטל, אַז ער פאַרקויפט אים די אַלע זאַכן.

מען איז אָנגעקומען קיין קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגוואַי, — אַ שטאָט פון פּאַרקן מיט בלומען און ביימער, לוקסוסדיקע האָטעלן, שיינע געשעפטן און קינאָס. עפּעס אַ געמיש פון גרויס־שטאָט מיט דאָרף.

ליפּסקער איז אָפּגעשטיגן ביים פּאָרט און געפרעגט, ווען עס גייט אָפּ די באַרקע קיין פּאַיסאַנדו אורוגוואַי. קיין געפּעק צום רעווידירן האָט ער נישט געהאַט. די דאָקומענטן זענען ביי אים געווען אין אָרדענונג, און ער איז גלייך אַרויף אויפן שיפל. ער זיצט ביים ראַנד פון באָרט און קוקט אַריין אין וואַסער. די לופט איז ריין און פריש, אַ דערקוויקונג נאָך דעם שטויביקן וועג. שנעל גליטשט זיך דאָס שיפל און דער ווינט גלעט זיין מיד פּנים. דער טייך, וואָס טיילט אָפּ אַרגענטינע פון אורוגוויי, איז דאָ נישט ברייט, מען זעט די גרינע ברעגעס; עס טויכן אויף שיינע ווילעס, מענטשן כאַפּן פיש. יעדער האָט זיין אָרט, יעדער זיין היים, נאָר אים טרייבט עס: — וווהין? — ער ווייסט נישט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געקלערט פון מאַריאַנען. זי שטייט אים פאַר די אויגן. ער זעט דייטלעך יעדן שטריך פון איר פּנים, יעדן בויג פון איר קערפּער. אירע אויגן קוקן אומרויִק און זי פרעגט אים: „וואָס וועט זיין פון אונדז? געדענקסט, וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט?

— עס וועט זיין גוט. מיר וועלן זיין צוזאַמען.

אונטער די פאַרמאַכטע, ברענענדיקע אויגן־לעפלעך דריקן טרערן, — עס וועט זיין גוט, מיר וועלן זיין צוזאַמען. — חזרט ער איבער.

אַנטקעגן אים זיצט אַ יונג פּאָר־פּאָלק. זיי זיצן אָפּגערוקט איינער פונעם אַנדערן. מען וואָלט נישט דערקענט, אַז זיי האָבן עפּעס צווישן זיך אַ שייכות, ווען נישט אַ קליין מיידעלע, וואָס לויפט — דאָ צו אים און רופט אים „פּאַפּי", און באַלד צו דער פרוי: „מאַמי". די מאַמע וויל נישט זי זאָל לויפן צום פאָטער. זי האַלט זי צו און שרייט אויף איר זי זאָל בלייבן לעבן איר, אָבער די קליינע הערט זי נישט און לויפט ווידער אַ מאָל צו אים. ער נעמט זי אַרום און קושט זי שטאַרק. ליפּסקער באַטראַכט געוויער

דאָס ברוגזע פאַר־פאַלק. זי איז פריש און עלעגאַנט, דאָס פּנים גלאַטיק און שיין. דער מאַן זעט אויס אָפּגעלאָזן. דאָס פּנים נישט ראַזירט, צע־קנייטשט, כאָטש ער זעט נישט אויס צו זיין עלטער פון איר. — אפשר פאָרן זיי זיך גטן? — האָט ליפּסקער געקלערט. נאָכן אויסשטייגן האָט ער זיי שוין מער נישט געזען.

דער פּאָרט אין פּאַיסאַנדו איז אַ רחבותדיקער און די קאָנטראָל־געביידע איז גרויס און הויך. צו וואָס? אויפצונעמען אים, דעם מידן און פאַרוואָגלטן וואַנדערער, דאַרף מען האָבן אַזאַ גרויסע געביידע?

אַ טרעגער קומט צו אים צו, אַן אינוואַליד. אַנשטאָט אַ האַנט הענגט אים נאָך פונעם אָרעם אַ האָקן. — ניין, ער האָט נישט קיין געפּעק. דער טרעגער איז אָפּגעטרעטן, אַוועק צו אַ צווייטן פּאַסאַזשיר. פון דער ווייטנס זעט ער ווי ער טראָגט שוין איין רענצל אויף דער פּלייצע און אַ צווייטן אויף דעם האָקן פון זיין קינסטלעכער האַנט. טייל פּאַסאַזשירן גייען אַריין אין אויטאָבוס, וואָס וואַרט לעבן פּאָרט. ליפּסקער זיצט מיט נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן אויף אַ לאַנגער באַנק. נישט ווייט שטייט דער טרעגער. ער וואַרט מסתמא אויף נאָך פּאַסאַזשירן. ער איז פריילעך, דער טרעגער, און זינגט זיך אונטער אַ לידל. עס גייט פאַרביי אַ פרוי מיט אַ קינד. דער טרעגער ווינקט זיך איבער מיט איר, זי שמייכלט צו אים פריינטלעך. ווי ווייניק מען דאַרף, כדי צו זיין גליקלעך, — טראַכט ליפּסקער — אָט דער טרעגער, כמעט אַן אינוואַליד, איז, דוכט זיך, גליקלעך מיט זיין לעבן, צופרידן.

עס געדויערט נישט לאַנג און דער אויטאָבוס איז שוין ביי דער באַן־סטאַציע. ליפּסקער האָט געקויפט אַ בילעט קיין מאָנטעווידעאָ.

ער זיצט אין וואַגאָן. שוואַך ברענען די ליכטער איבער זיין קאָפּ. אין פענצטער קוקט אַריין אַ פינצטערע נאַכט, באַשפּרענקט מיט רויך און פונקען פונעם לאָקאָמאָטיוו. די באַן שטעלט זיך אָפּ אויף קליינע סטאַציעס, נאָך באַלויכטענע פון נאַפט־לאַמטערנעס. עס שטייגן איין איינצלנע גאַוטשאָס. די טונקעלע געשטאַלטן זעען אויס אין דער נאַכט אַזוי עלנט און אומעטיק. ליפּסקער איז מיד, שוין די צווייטע נאַכט, אַז ער איז אונטערוועגס, ער קוקט אויף די שלאָפנדיקע פּאַסאַזשירן, ווי גיך און לייכט זיי קענען איינשלאָפן.

ער דריקט זיך אַריין אין זיין ווינקל און פּרוּווט אויך שלאָפן אָבער עס געלינגט אים נישט. אַלע גלידער טוען אים ווי, ער דרייט זיך אין אַלע זייטן און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק אין די אַנדערע וואַגאָנעס.

אויף אַ באַנק איז געלעגן אַ קראַנקע פרוי. נעבן איר איז געזעסן אַ יונג מיידל. די קראַנקע האָט דעלירט פון גרויס פיבער, געמורמלט אומ־פאַרשטענדלעכע ווערטער און געלאַכט. זי האָט יעדע ווילע זיך אויפגע־הויבן און איר באַגלייטערין האָט זי צוריקגעלייגט, באַרויקט.

אויף אַן אַנדער באַנק איז געזעסן אַ יונגער־מאַן, באַוואַכט פון צוויי פּאָליציי־לייט. דער אַרעסטירטער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און זיך אונטערגעזונגען. ער האָט אויסגעזען זייער צופרידן. אפשר איז ער גאָרנישט קיין פאַרברעכער? אפשר איז ער אַ פאַרווירטער? אָדער ביידע צוזאַמען? ווער קען עס וויסן? יעדער מענטש איז דאָך אַ וועלט פאַר זיך, יעדער מיט זיינע זאָרגן און פריידן.

ווען מען איז אָנגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ איז שוין געווען גרויסער טאָג. אַ פרעמדע שטאָט. פרעמדע מענטשן. יעדער לויפט, ווי ער וואָלט זיך נאָך עפּעס נאָכגעיאָגט. ליפּסקערן האָט אַרומגענומען אַ שווערע איינ־זאַמקייט, וואָס האָט אים געדריקט אויפן האַרצן, געשטיקט אין האַלדז. צי קען דער מענטש זיין מער פאַרלוירן און עלנט, ווי אין אַ גרויסער, פרעמדער שטאָט?

מען האָט אַרויסגעטראָגן די קראַנקע און אַרויסגעפירט דעם אַרעס־טירטן. די קראַנקע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַ טויט־בלאַסע. דער געפאַנגענער איז זיך געגאַנגען מיט אַ לייכטן גאַנג און פון אויבן אַראָפּ געקוקט אויף די מענטשן. און צוזאַמען מיט זיי איז ליפּסקער אַריינ־געקומען אין מאָנטעווידעאָ.

*

— איר ווילט אַ מעבלירט צימער? — האָט אים איבערגעפרעגט אַן עלטערע נידעריקע פרוי מיט שיטערע גרויע האָר, אַ געהויקערטער פּלייצע און אויסגעקרומט האַלדז, און מיט די הענט האָט זי צוגעהאַלטן דעם וואָ־

לענעם שאַלעכל, אין וועלכן זי איז געווען איינגעהילט. זי האָט אים אַריינ־געפירט אינעווייניק און ליפּסקער איז געבליבן דערשטוינט: אַזאַ שיינער אַריינגאַנג, מיט מאַרמאָר און מעש באַשלאָגן, זאָל פירן צו אַזאַ שמוציקער „קאָנווענטיזש״? (אַן אָרעמער הויף, ווו עס וווינען צוזאַמען עטלעכע פאַ־מיליעס). ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער, זיך דערמאָנענדיק אין די געציילטע פּאָר פּעזעס, וואָס ער האָט, איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך דער איינ־געהויקערטער פרוי. פון דעם לאַנגן קאָרידאָר האָבן געפירט אַ סך טירן צו קליינע צימערלעך. נייגעריקע בליקן האָבן נאָכגעפאָלגט דעם נייעם מיטלאָקאַטאָר. ליפּסקער האָט באַטראַכט דאָס צימער. ס׳איז געווען אַזוי גרויס, עס זאָל קענען שטיין נאָר אַ בעט און אַ נאַכטשענקעלע.

ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך אַרומצווואַשן. אָבער אָנצוקומען אין באָד־צימער איז נישט געווען אַזוי לייכט. דאָס באָד־צימער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ „וועשעריי״, און וויבער האָבן געוואַרט לעבן דער טיר מיט הויפנס וועש.

שפּעטער איז געקומען דער באַלעבאָס. ער האָט אָפּגעשטעקט דעם נייעם לאָקאַטאָר אַ שלום עליכם. ער איז געווען דער קאָנטראַסט פון זיין וויב. אַ ברייטפּלייציקער, הויכער דיקער ייד, אַרומגעשפּרייזט מיט קורצע שנעלע טריט און זיך שטענדיק צוגעברומט אַ ניגון. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קהלשע ענינים און געפירט מחלוקתן מיט אַנדערע קהלה־טוער. ער האָט טאַקע נישט געהאַט מער וואָס צו טאָן, ווייל דאָס וויב האָט אים פאַרזאָרגט מיט פרנסה. איר אויפגאַבע איז געווען, וואָס מער אויסצונוצן די לאָקאַטאָרן און וואָס מער צו פּלעגן איר מאַן.

— געקומען פון אַרגענטינע, יונגער־מאַן?

— יאָ.

— צוליב דער פּליאַזשע?

— יאָ, צוליב דער פּליאַזשע.

— אַזוי, אַזוי, צוליב דער פּליאַזשע! — האָט דער באַלעבאָס, נישט גלויבנדיק, איבערגעפרעגט און זיך געגלעט דאָס פּנים. — אויב אַזוי דאַרף מען דאָך אייך פירן אויף דער פּליאַזשע, קומט, וועלן מיר זיך אַ ביסל דורכפאָרן אויף דער „פּליאַזשע״.

זיי זענען געפֿאָרן מיטן טראַמוויי. פֿאַר דער רײַזע האָט באַצאָלט ליפּסקער. אָנגעקומען אויף דער „פּליאַזשע ראַמירעז" האָט דער באַלעבאָס אים צוגעפֿירט אין דערנעבנדיקן פּאַרק און געוויזן אַ דענקמאָל פֿון אַלבערט איינשטיין, וואָס די יידישע „קאָלעקטיווידאַט" האָט געשאָנקען דער שטאָט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און צוגערופֿן אַן אײַזקרעם־הענדלער, זיך געקויפֿט אַן אײַזקרעם און עס געלעקט מיט הנאה.

— אַז אירווילט — ווײַזט ער אָן מיטן לעפֿעלע פֿון דעם אײַזקרעם אויף דער אונטן ווימלענדיקער פּליאַזשע — קענט איר זיך גיין באָדן.

ליפּסקער איז אַראָפּגעגאַנגען צו דער פּליאַזשע, אַבי פּטור צו ווערן פֿון דעם יידן. עס האָט דאָ געווימלט מיט מענטשן און מיט בונטפֿאַרביקע שירעמס. מען איז געלעגן איינער נעבן אַנדערן אין זאַמד און זיך געבראָטן אויף דער זון. ליפּסקער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן דער מויער, אין שאָטן, און גענומען באַטראַכטן זײַנע שכנים.

ער איז אַרײַן אין וואַסער. זײַן מידער קערפּער האָט זיך דערפֿרישט, אָבער עס האָט אים געעקלט פֿון דער אָפֿענער אָדער באַהאַלטענער תאווה, וואָס דאָ האָט געהערשט. יינגלעך האָבן געלערנט די מיידלעך שווימען, מען האָט געקלעבט איינער צום אַנדערן און עס האָבן אָפּגעהילכט די געשרייען און געלעכטערס. ער איז אַרויסגעגאַנגען, זיך אָנגעטאָן און באַשלאָסן מער נישט צו גיין אויף דער פּליאַזשע.

מיט אַ ווידערגעפֿיל האָט ער דערנאָך געקוקט אויף דער פֿאַמיליע, וועלכע וווינט צוזאַמען מיט אים אין דעם הויז. זיי זענען געקומען פֿון בוענאָס איירעס, כדי צו געניסן פֿון דער פּליאַזשע. זיי זענען געווען אָפּגעברענט און נישט ווייניקער פֿאַרשוואַרצט פֿון דער באַלעבאָסטעס קעסט. די פֿרוי האָט אַפֿילו געפּרוּווט אַרײַנשטעלן אַ פּרימוס צו קאָכן, אָבער די באַלעבאָסטע האָט עס נישט דערלאָזט.

געווען דאָ פֿאַרשידענע שכנים. פֿון איין פּאָר־פֿאָלק האָבן די באַלעבאַטים גאָר שטאַרק געהאַלטן. זיי זענען געקומען נאָר איין מאָל אין וואָך. צו ערשט די פֿרוי און דערנאָך דער מאַן, און פֿאַרשוווּנדן זענען זיי דערנאָך פֿאַרטאָג. די באַלעבאַטים זענען געווען פֿון זיי צופֿרידן, באַצאָלן פֿאַר אַ חודש און שלאָפֿן דאָ נאָר איבער פֿיר נעכט!

פון אַן אַנדער פּאַר־פּאָלק זענען זיי שוין נישט געווען אַזוי צופרידן. בפרט פון איר, דער לאָקאַטאַרקע. געבראַכט האָט זי אַהער אַן עלעגאַנטער הער, ער האָט געדונגען דעם שענסטן צימער מיט אַ טאָפּלבעט אין דער מיט. ער האָט אָנגעזאָגט מען זאָל גוט באַהאַנדלען זיין „סעניאָראַ״, ער וועט פּאַר אַלץ באַצאָלן. צוליב זיינע געשעפטן דאַרף ער אַ סך אַרומפאָרן, אַזוי אַז ער וועט דאָ זיין זייער ווייניק. דאָס ווייבל האָט שוין באַוויזן אין דער צייט צו האָבן צוויי פּיצלעך קינדער. דער מאַן האָט אָנגעהויבן זעלטענער צו קומען, איז געבליבן הינטערשטעליק מיטן צאָלן. אָבער דאָס ווייבל האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. זי האָט געהערשט איבערן גאַנצן הויז. אירע ווינדעלעך זענען געהאָנגען אין אַלע זייטן. אין באָד־צימער האָט זי שטענדיק געוואַשן און האָט איר עפּעס געזאָגט די באַלעבאָסטע, האָט זי געענטפערט: אַ „וויעכאַ כודיא״ (אַלטע יידענע) דאַרף זיך נישט אַריינמישן. איין מאָל האָט די באַלעבאָסטע אפילו געפּרווט אייפערזיכטיק צו מאַכן דעם מאַן, ווען ער איז געקומען אויף אַ באַזוך, — אַז זי האָט עפּעס זיך גאָר באַפריינדעט מיט אַן אַנדער לאָקאַטאַר, אָבער דער סוף איז געווען, אַז דער לאָקאַטאַר, דווקא אַ גוטער צאָלער, איז אַרויס און עס איז געבליבן ווייטער דאָס ווייבל מיט אירע צוויי קינדער הערשן אין הויף.

אויף דער אַלטאַנקע האָט געוווינט אַן עלטערער ייד, אַן אָרעמער עמיגראַנט. „דאָקטאָר״ האָט אים טיטולירט די באַלעבאָסטע, אַפילו ווען זי האָט זיך מיט אים געקריגט. ווען ליפּסקער איז געגאַנגען צום דאַך, — געמוזט האָט מען דורכגיין דעם דאָקטאָרס אַלטאַנקע, — האָט ער אים געטראָפן ליגן אויף זיין בעטל און אַריינקוקן אין אַ ביכל. זיי האָבן זיך פאַרשנדיק באַטראַכט און נישט גערעדט איינער צום אַנדערן.

ליפּסקער האָט הנאה געהאַט צו ליגן אויפן דאַך און קוקן אויף דער שטאָט. דעכער איבער דעכער, העכערע און נידעריקע הייזער און העכער פון זיי אַלע איז געווען דער אין־סופיקער ים. די שטאָט מיט אירע הייזער, גאַסן און סקווערן איז געלעגן ווי אַ הייפעלע שפּילצייג צופוסן ביי דעם מעכטיקן בלויען ריז. ס'איז גוט צו קוקן אויף דער בלויער אומענדלעכקייט. אַ מאָל זענען די וועלן בייז, זיי הייבן זיך מיט אַ רוגזה אין דער הויך און

רוקן זיך מיט אַ געברומעריי צו דער שטאָט, ווי זיי וואָלטן וועלן זי איינ־שלינגען.

די באַלעבאַטים איז נישט געפעלן געוואָרן זיין אויפפירונג.

— אַ יונגער־מאַן זאָל גאָרנישט טאָן! ווו האָט מען דאָס געזען, אַז מען זאָל אַרומגיין פוסט און פּאַס!

די באַלעבאָסטע האָט אים שטענדיק צוגעשטעלט נייע רעכענונגען:

— איר האָט געליען דאָס פּרעסל צום אויספּרעסן זיך דעם אַנצוג. איר זענט געגאַנגען אין קיך נאָך וואַרעם וואַסער... דער באַלעבאָס האָט צו אים געהאַט אַנדערע טענות: ער דאַרף האָבן דאָס צימער. מען גיט אים איצט טאָפּלט פאַרן צימער. אָדער ער זאָל צוצאָלן, אָדער אָפּטרעטן. ליפּסקער האָט זיי גלייכגילטיק אָנגעקוקט און געשוויגן.

איין מאָל, ווען ער האָט געוואָלט אַרויפגיין אויפן דאַך האָט ער גע־טראָפן די טיר פאַרשלאָסן.

— איר האָט פאַרן דאַך נישט באַצאָלט — האָט אים געזאָגט די באַלע־באָסטע.

עס איז אים נמאס געוואָרן זיין סטאַציע און ער האָט אָנגעהויבן צו שלאָנדרעווען איבער די גאַסן. די גאַסן זענען אַזוינע לאַנגע און לאַנגווייליקע, דו גייסט און גייסט און עס נעמט גאָרנישט קיין סוף! ווען ער איז מיד געוואָרן, איז ער צוריקגעקומען צום ים. דער ברייטער אַספאַלטירטער שטראַנד ציט זיך ווייט, ווייט. אויטאָס לויפן, מענטשן שפּאַצירן און ער זיצט ביים ברעג און קוקט אויפן וואַסער.

דאָס וואַסער בייט אָפט דעם קאָליר: אַ מאָל איז עס בלוי און דורכ־זיכטיק. דעמאָלט ליגט דער ים ווי אַ רויקע חיה, וואָס דרימלט צופרידן אַנטקעגן דער זון, עס לאָזט זיך שלעפעריק גלעטן דעם רוקן פון די זון־שטראַלן, און מיט אַ זילבערנעם שיין באַוועגן זיך לייכט די כוואַליעס. אָבער נישט שטענדיק איז דער ים רויק. אָפט איז ער שטורמיש און בייז. דעמאָלט נעמט אָן דאָס וואַסער אַ שוואַרצן קאָליר. הויך הייבן זיך די כוואַליעס און שפּריצן, ווי פאַר כעס, מיט ווייסן שוים. מיט אימפּעט שטויסן זיי זיך אָן אינעם צעמענטענעם ברעג און פאַלן דערנאָך מאַכטלאָז צוריק. ליפּסקער האָט ליב שטורעם. ער לאָזט דעם ווינט רייסן זיינע קליידער און זאַפּט אין

זיך אַריין די געזאָלצענע ים־לופט. דאָס דערפרישט אים אַ ביסל און מונטערט אים אויף פון זיין דעפּרעסיע, פון זיין דערדריקנדיקער שטימונג, וואָס האַלט אים אין קלעם שוין אַ לענגערע צייט. צו וואָס דאַרף ער אָנגיין מיט זיין געמאַטערט לעבן? איצט, ווען נאָך פון דאָרט, פון דער אַלטער היים קומען אָן די נייעסן וועגן שחיטות...

דער שוואַרצער צעשטורעמטער ים ציט אים ווי אַ מאַגנעט. דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, ווען ער וואַרפט זיך אין אים אַריין. — אָבער ניין, ער וויל גיכער זיך פאַרלייגן אַ שטריק אויפן האַלדז, אָט דער שטריק וואָלט אים באַפרייט פון דעם פיינלעכן געפיל, וואָס האַלט אים אין קלעם שוין אַ לענגערע צייט. ער האָט שוין לאַנג מיט זיך אָפּגעמאַכט אַרויפ־צוקריכן אויפן טיש, צובינדן דעם שטריק צום האָקן, פאַרלייגן אים אויפן האַלדז און געבן אַ שטויס מיט די פיס דעם טיש. דעמאָלט וועט אים לייכטער ווערן. דער שטריק, — דאָס איז זיין רפואה. ער איז נאָר צו פויל עס אויסצופירן און לייגט עס אָפּ פון איין טאָג אויפן אַנדערן. איידער ער פירט עס אויס וואָלט ער נאָך אַ מאָל געוואָלט זען, צום לעצטן מאָל, מאַריאַנען.

מאַריאַנע!..

ער קוקט אויפן ים און זעט איר אַזוי דייטלעך, אַזוי קלאָר. אין פאַר־שידענע פּאָזעס זעט ער זי. לייכט און פריש שפּאַנט זי איבער די כוואַליעס, גלייך צו אים. זי וואַרפט זיך אים אויפן האַלדז און שעפּטשעט הייס:

— „איך האָב דיך ליב! קיין איינציקע פרוי האָט דיך נישט אַזוי שטאַרק געליבט און וועט דיך אַזוי נישט ליב האָבן!" און אָט זיצט זי אויף דער סולקע, גלאָט פאַרקעמט דעם קאָפּ, טרויעריק, איינגעצויגן אין זיך, זי קוקט אויף אים מיט פאַרוואורף:

— לאָז מיך לאַנג נישט וואַרטן, ליפּסקער, פאַר וואָס נעמסטו מיך נישט צו זיך?

ער דאַרף איר שרייבן אַ בריוו, ער מוז איר שרייבן. און ער ווייסט, אַז זי וועט קומען. אָבער וואָס וועט דערפון אַרויס, איר מאַן וועט איר קיין גט נישט געבן; און ווי קען ער זי ברענגען צו זיך אויף דער סטאַציע? וואָס וועט מען זאָגן אין זיין אכסניה וועגן איר? וועט מען אויף זיי אויף

טייטלען מיט די פינגער, ווי אויף אַנדערע? ער ווייסט, אַז ער וועט איר דעם בריוו קיין מאָל נישט שרייבן. אָבער עס איז גוט צו חלומען וועגן איר, נאָך אַ מאָל איבערלעבן אַלץ... אָט זעט ער זי, אין אַ פֿאַרנאַכט, שטיין אויף איר שוועל, אָט רייט זי אויף אַ פֿערד און שטענדיק אַזאַ שיינע, אַזאַ ליבע...

מאַריאַנע, מאַריאַנע...

עס איז שוין געווען פֿינצטער, ווען ער האָט זיך געלאָזט אַהיים גיין. די באַלעבאָסטע, איינגעהילט אין איר וואָלן שאַלעכל, מיט דעם קאָפּ איינ־געצויגן אין זיך, איז אים אַנטקעגן געקומען:

— איר האָט מער ביי מיר נישט דאָס צימער. איך האָב עס שוין פֿאַרדונגען אַן אַנדערן.

ליפּסקער איז געבליבן דערשטוינט:

— איך דאַרף דאָ נאָך אָפּזיצן צוויי וואָכן פֿאַר מיין געלט? — האָט ער געזאָגט.

— איר זענט שוין לאַנג אָפּגעזעסן אייער געלט. נישט פֿאַר אַזוינע אורחים ווי איר, וואָס ווילן נישט אַרבעטן, זענען מעבלירטע צימערן.

זי האָט צוגעקלאַפּט די טיר פֿאַר זיין נאָז און ליפּסקער איז געבליבן אין דרויסן. די ערשטע נאַכט איז ער איבערגעשלאָפֿן אין פּאַרק. געזעסן אויף אַ באַנק און געדרימלט. אַ פּאַרק־וועכטער האָט אים געהייסן פֿאַרלאָזן דעם פּאַרק. איז ער אַוועק אויף אַן אַנדער באַנק און ווייטער געדרימלט. פֿאַרטאָג האָט זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט אַ מאַן. ער איז געווען אָפּגעריסן און קויטיק. ליפּסקער קען אים. ער פֿלעגט קומען בעטן נדבות דאָרט, ווו ער האָט געוווינט. עס האָט זיך געטראָגן פֿון אים אַ ריח פֿון נישט געוואַשענע וועש און בראָנפֿן.

— די מכשפה האָט דיך שוין אַרויסגעוואָרפֿן? כע, כע, דאָס זעלבע האָט זי געטאָן מיט מיר צוריק מיט אַ פּאָר יאָר.

ליפּסקער האָט זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט. דער בעטלער האָט אַרויס־גענומען אַ פֿלעשל ווין:

— נאַ, גיב אַ ציִ! — האָט ער אים געשטופּט דאָס פֿלעשל אין מויל.

ליפּסקער האָט אָפּגעזאָגט.

— ביסט אַ יאָלד! זעסט? — ווייזט ער אים אָן אויפן פלעשל — אָט דאָס איז די בעסטע רפואה! אַזוי לאַנג ווי דו וועסט זיך צו דעם נישט צוגעוווינען, ביסטו אויף צרות!

ער האָט געגעבן אַ שטאַרקן צי פונעם פלעשל, זיך אָפּגעווישט די ליפּן און ווייטער גערעדט: — איך בין אויך געווען אַזאַ יאָלד ווי דו. למאי גייען מענטשן אין גאַנצע הויזן און איך אין צעריסענע? און אַז דאָס רעקל האָט זיך מיר צעפּליקט אונטערן אָרעם, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלע מענטשן קוקן אויף מיר און לאַכן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז קיין איינציקער איז נישט אַזוי מיאוס און אָפּגעריסן ווי איך. איך האָב מיך געשעמט דעם קאָפּ אויפצוהייבן, זיך געשאַרט ביי די ווענט און געקראָכן דורך הינטער־גאַסן, קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן. אַצינד האָב איך עס אין דער ערד! ס׳זעט זיך מיר אַרויס די קני? ווּעמען אַרט עס? דורך די שענסטע גאַסן גיי איך מיר, שלאָפּן, שלאָף איך נאָר אויף דער הויפּט־גאַס, אויף „18 דע כוליאָ״, פאַר וואָס נישט? ס׳קומט מיר נישט? ערשטנס, איז דאָרט ליכטיק, מענטשן שפּאַצירן ביז פאַרטאָג, און צווייטנס, נאָך האַלבע נאַכט ווערן מענטשן גאָר אַנדערע, גייסט צו צו איינעם און בעטסט אַ ציגאַר, גיט ער דיר באַלד און נעמט דיך נאָך אַרום און זאָגט, אַז ער איז דיין ברודער. מען לעבט, גוטער ברודער! ווער דאגהט זיך עפּעס? און דאָס נאָר אַ דאַנק אָט־אָ דעם אָ! — גיט ער נאָך אַ מאָל אַ צי פונעם פלעשל, — נאַ, נעם! — שטופּט ער אים נאָך אַ מאָל אַריין דאָס פלעשל אין מויל, — זיי נישט קיין יאָלד, טרינק! וועסטו זיך דערוואַרעמען, דער אומעט וועט דיר אַרויס פון די ביינער.

ליפּסקער האָט געפאָלגט און געטרונקען. דער ייד איז געווען גערעכט. ס׳איז אים געוואָרן וואַרעם אין אַלע אברים.

דער אָרעמאַן האָט זיך אויפגעהויבן, — קום, וועל איך דיך פירן אין אונדזער אכסניה. ליפּסקער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אים נאָכגעגאַנגען. וואָס האָט ער אָנצווווערן? דער מענטש האָט אים געפירט אין דער אַלטער שטאָט, ביי דער בוכטע פונעם ים. זיי זענען געגאַנגען דורך שמאָלע און געדרייטע געסלעך. פון די הויכע שוואַרצע מויערן און פון די שמאָלע פענצטער־לעכער האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פוילקייט און שימל. זיי

זענען שטיין געבליבן פאַר אַן אַלט הויז און דער אָרעמאַן האָט זיך אָנגע־רופן:

— אייגנטלעך איז דאָס נישט קיין אכסניה, וווהין איך פיר דיך. דאָס איז אַ שולכל. נאָר דער שמש איז מיינער אַ גוטער ברודער, לאָזט ער מיך אַריין איבערנעכטיקן.

ליפסקער האָט געוואָלט אָנקלאַפּן, נאָר זיין באַגלייטער האָט נישט געלאָזט:

— שאַ, די באַלעבאַטים קענען דערהערן, וועלן זיי אונדז נישט אַריינ־לאָזן!

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ לאַנגן צימער מיט שמאָלע פאַרקראַ־טעוועטע פענצטער. דער דיל איז געווען פון ציגל. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען לאַנגע בענק. אויפן הוילן טיש האָבן זיך געוואַלגערט בלעטלעך פון אַ צעריסענעם סידור און אַ פאַרגעלטער טלית. דער קליינער ארון־קודש ביי דער מזרח־וואַנט האָט אויסגעזען ווי פאַרבלאָנדזשעט אַהער אין דער אַלטער קאָלאָניאַלער שטוב, ווי ליפסקער, אַ שטייגער, אין דער מאָדנער סביבה.

עלטערע יידן זענען געזעסן איינגעהילטע אין טליתים און געדאַוונט.

— פונקט גוט געקומען, — האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ צו די אַריינגעקומענע: איר פעלט טאַקע אויס צום מנין.

ליפסקערס באַגלייטער האָט צו אים אַ ווינק געטאָן ער זאָל אים נאָכגיין. זיי זענען פאַרביי דעם בית־המדרשל און אַריין אין הויף. דאָ איז געווען אַ מלוכה פון אָרעמע־לייט. אַ ייד מיט אַ צעשויבערטער באָרד האָט געמישט אין אַ טעפּל, וואָס האָט זיך געקאָכט אויף אַ בראַסערע אין מיטן הויף. אַ הויכער און דאַרער ייד, דעם טלית פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, האָט שנעל געשפרייזט פונעם הויף אין שול אַריין און צוריק, דאַוונענדיק אויף אַ הויכן קול. אַ רויטער יונגער־מאַן מיט אָנגעבלאָזענע באַקן און טעמפּן בליק איז געשטאַנען אויף איין אָרט און נישט אָפּגעלאָזט די אויגן פון זודיקן טעפּל.

אין ווינקל האָט אַ שוחט, אָנגעטאָן אין אַ פאַרבלוטיקטן כאַלאַט, גע־שאָכטן הינער. ליפסקער האָט אויטאָמאַטיש געקוקט, ווי ער שלעפּט אַרויס

פון אַ שטייג, פול מיט הינער, אַ הון, דרייט איבער דאָס קעפּל, ציפּט אָפּ די פעדערן ביים העלדזל, גיט אַ שניט מיטן שאַרפן חלף און נעמט זיך גלייך פון נאָך לעבעדיקן הינדל פליקן די פעדערן. דער שמוץ אין הויף איז געווען אומדערטרעגלעך, דער געשטאַנק פון די הינער, דער שווייס פון די מענטשן, שוין אָפּגערעדט פון די ריחות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון עק הויף...

טרעפּ האָבן אַרויפגעפירט צו אַן אויבערשטער וווינונג. אויף די דאָזיקע טרעפּ איז איצט געשטאַנען אַן אָרעם געקליידטע פרוי מיט אַ שאַכטעלע צוקערלעך אין דער האַנט. זי איז געווען פון די בעטלערקעס, וואָס אָנשטאָט צו בעטן אַ נדבה, באָטן זיי אָן אַ פּעקעלע „מענטע־פּאַסטעלן".

אָבער איצט האָט זי נישט געזוכט צו פאַרקויפן אירע צוקערלעך, נאָר אַרויפגעשריען און געמאַכט מיט די פויסטן צו דעם באַלעבאָס, וואָס באַהאַלט זיך דאָרט ערגעץ אין די צימערן. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען אַ הויכע דיקע פרוי מיט אַן אָנגעגאָסענעם גוידער:

— וואָס שרייט איר וואָס? זע נאָר, פאַר אירע פּופּציק פּעזוצעס, ווי זי האָט זיך צעשריען! אַנדערע איז ער שולדיק טויזנטער און זיי מאַכן נישט אַן אַזוינע געוואַלדן ווי איר!

— מיין געלט וויל איך צוריק! מיין פאַרמעגן! אַנזעצערס וואָס איר זענט! אַזוי שנעל איז מיר אָנגעקומען אָפּצושפּאָרן פון מיינע צוקערלעך פּופּציק פּעזעס? וואָס באַהאַלט ער זיך דאָרט דער שיינער ייִד? לאָזט מיך צו צו דעם רוויבער, וועל איך אים אויסרייסן זיין שיינע באָרד!

— איר טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען נעבי לאַה, אַז נישט וואַרף איך אייַך אַראָפּ פון אַלע טרעפּ! — האָט זיך די באַלעבאָסטע פאַרקאָטשעט די אַרבל...

אָבער די יידענע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זי האָט ווייטער געשריען, אַז זי וויל דעם באַלעבאָס, זיין שיינע באָרד וויל זי אים אויסרייסן!

פלוצעם האָט זיך ראַשיק אויפגעמאַכט דאָס טויער און צוויי סאַניטאַרן אין ווייסע כאַלאַטן און ווייסע קאַפּעלעך האָבן אַריינגעטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל אַ נייעם אורח. אַוועקגעשטעלט דאָס טראָג־בעטל אין מיטן הויף, זיך אומגעקוקט, ווו אַוועקצולייגן זייער פּאַציענט.

די פאַרקויפערקע איז אַנטשוויגן געוואָרן. די באַלעבאָסטע האָט זי

געגעבן אַ שטופּ אַוועק און ווי אַ ווילדע חיה, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, גרייט צום קאַמף, אַראָפּ אין הויף.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט די סאַניטאַרן.

— אי, — האָבן יענע געהויבן מיט די פּלייצעס, — דער קראַנקער האָט אָנגעגעבן אַז ער וווינט דאָ, און אַזוי ווי ער האָט אַ לאַנגע און נישט היילבאַרע קראַנקהייט, האָבן מיר אים צוריקגעבראַכט.

— וואָס רעדט איר וואָס, פאַר אַ נאַרישקייטן! נישט איך קען דעם מענטשן! נעמט אים איך שוין צוריק! — האָט זי צענומען אירע גרויסע הענט.

— נאָ, סעניאָראַ! מיר האָבן אַן אָנווייז אים דאָ איבערצולאָזן! איאָ, דו האָסט דאָ פריער געוווינט? — ווענדן זיי זיך צו דעם קראַנקן.

— סי, — האָט דער קראַנקער אַרויסגעזאָגט מיט אַ שוואַך קול.

— וואָס? — איז צו אים צו די באַלעבאָסטע — ביי מיר האָסטו גע־וווינט? איך קען דאָך דיך אפילו נישט! — זי האָט צו אים אויפגעהויבן אַ פויסט.

— נאָ, איך געדענק נישט. — האָט דער קראַנקער פאַרמאַכט די אויגן און דער קאָפּ איז אים מיד געפאַלן אויפן קישן.

די סאַניטאַרן האָבן געפרעגט די שכנים.

— זאָגט, ער האָט דאָ געוווינט? איר קענט אים?

אָבער די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען אַנטקעגן זיי און זיי געדראָט:

— אַנו, לאָמיר הערן, ווער וועט זאָגן, אַז ער קען אים?

אַלע האָבן געשוויגן און זיך אַוועקגערוקט. די סאַניטאַרן האָבן זיך גע־ווענדט צו ליפסקערן, דעם אַמבעסטן אָנגעטאָענעם:

— זאָגט איר, ער האָט דאָ געוווינט?

— דאָס ווייס איך נישט.

— איר קענט אים?

— ניין.

— זעט איר? עס קען אים דאָ קיינער נישט. אויף דער גאַס האָט ער זיך געוואַלגערט, נישט ביי מיר האָט ער געוווינט, — האָט געזאָגט די באַ־לעבאָסטע.

— וואַמאָס! — האָבן די וועכטער צוריק אויפגעהויבן דאָס טראָג־בעטל.

אויף דער גאַס האָבן נייגעריקע מענטשן זיך געשטופּט צו באַטראַכטן די סצענע. דער קראַנקער האָט אומרויק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ער האָט געפּרוווט זיך אויפהייבן, זיך אָנשפּאַרן אויפן עלנבויגן. ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן ערגעץ פאַר גרויס בושה, אָבער ער איז געווען הילפלאָז און אויסגעשעפּט, ער האָט נאָר פאַרלעגן געשמייכלט און מיט אַ צעפּייניקטן אויסדרוק אין די אויגן זיך צוגעקוקט ווי די סאַניטאַרן שטופּן אים אַריין צוריק אין דעם אַמבולאַנס און פאַר־קלאַפּן הינטער אים די טיר. דער אַמבולאַנס איז אָפּגעפאָרן און די מענטשן זענען זיך צעגאַנגען.

דער ייד וואָס האָט געקאָכט דעם אָנבייסן האָט געגעבן פאַרצווייפלט אַ לאָז אַראָפּ ביידע הענט און אָפּגעזיפצט: — אָרעמער גרוניע, נעבעך, מען וועט אים דאָרטן פאַרסמען! — דערנאָך האָט ער געגעבן אַ וויש מיט דער פאַרמאַכטער האַנט די וואַנצעס פון ביידע זייטן און ער האָט ווידער געמישט דעם טאָפּ.

ליפּסקערס נייער באַקאַנטער האָט זיך צערעדט:

— איך האָב אים דאָך באַלד געזאָגט: גרוניע לאָז דיך אָפּ פון „שטודירן", לאָז אָפּ, דאָס איז נישט קאַ מאַכל פאַר אָרעמע־לייט! ווילסט נישט זיין אַ שנאָרער, זיי אַ קלאַפּער, זיי אַן אַרבעטער. ניין, ער וויל נאָר שטודירן, געזעסן דאָרט אין שול און אַריינגעקוקט אין די ביכער, אָדער געשריבן, ווו נאָר ער האָט דערטאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט ער עס באַלד באַשריבן מיט זיינע דריבנע אותיותלעך.

— פון וואָס זשע האָט ער געלעבט? — האָט זיך ליפּסקער פאַראינ־טערעסירט מיט דעם גרוניען.

— ער איז דאָ געווען אַ שמש.

— אַ שמש? — האָט דער ייד דער קוכער זיך אַריינגעמישט אַ געטראָ־פּענער — דער שמש דאָ בין איך!

— זאָג נישט קיין ליגן! דו גייסט אין די הייזער!

— אין די הייזער גיי איך נאָר איין מאָל אין דער וואָך, דאָנערשטאָג.

— גוט, זיי דו דער שמש, איז ער געווען דער אונטערשמש. אָט דאָרט,

אין ווינקל פלעגט ער זיצן גאַנצינקע טעג און שרייבן און פלעגט די באַלעבאָסטע געבן אים אַ רוף מיט איר מענעריש קול: — גרוניע, גרו... ניע! — פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, ווי פון שלאָף, און לויפן. געווײנלעך פלעגט זי אים הייסן אָפּטראָגן ערגעץ אַן אַלט שטיקל מעבל, ווייל, יאָ, דער באַלעבאָס האַנדלט מיט אַלט מעבל.

פון דער גאַס איז צוריק אַרײַנגעקומען די באַלעבאָסטע. זי איז שטיין געבליבן, זיך אויסצוטענהן מיט שכנים, פאַר וואָס זי האָט גרוניען נישט אַרײַנגעלאָזט. — שוין גענוג — זאָגט זי — אים געהאַלטן אומזיסט און אומנישט. ווי לאַנג איז דער שיעור צו האָדעווען פרעמדע מענטשן? זי האָט ווייניק אָרעמע־לייט אין הויף? זי האַלט זיי נאָר אויס פאַר מצווה וועגן.

איצט ערשט האָט זי דערזען ליפּסקערן מיט זיין באַגלייטער:

— אָט אָ דער שיכור איז שוין ווידער דאָ? איך האָב דיר געזאָגט, אַז דיין פוס זאָל מיר מער נישט אַריבערטרעטן אַהער!

— זייט מיר מוחל, באַלעבאָסטע! — האָט דער אָרעמאַן זיך איינזייטיק צוריקגעצויגן און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף ליפּסקערן. — איך האָב אייך געבראַכט אַן אורח. אַ נייעם לאָקאַטאָר האָב איך אייך געבראַכט.

די באַלעבאָסטע האָט באַטראַכט ליפּסקערן און פאַר זיך מסתמא באַ־רעכנט, וואָס מען קען נאָך פון אַזאַ מין אורח אַרויסבאַקומען. דערנאָך האָט זי ענערגיש געמאָלדן:

— איבערנעכטיקן אַ נאַכט קאָסט אַ פּעזע און מען דאַרף באַצאָלן פאָרויס.

ליפּסקער האָט אַרויסגענומען אַ פּעזע און איר געגעבן. זי האָט אַרײַנ־געשטעקט די מטבעה אין קעשענע פון איר ברייטן פאַרטעך און אַרויפגעג־גאַנגען אין איר וווינונג.

— גייט, וואַשט אייך! — האָט דער שמש אויסגערופן.

דער רויטער בחור מיטן געשוואָלענעם פּנים האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן, ער איז דער ערשטער צו צום קראַן, אָנגעגאָסן אַ פולע קוואָרט וואַסער און זיך געוואַשן די הענט. אַזוי האָבן אַלע געטאָן, אַפילו דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אַרומגעשפּאַנט בשעת דעם דאַוונען, איז אויך צוגעגאַנגען און זיך געוואַשן די הענט. דער דאָזיקער ייד האָט

זיך געהאַלטן אַ ביסל אין אַ זייט פון די אָרעמע־לייט, ווייזט אויס אַן איידל־מאַן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבן אָן ביים טיש, געטונקען צעשטרייט דאָס ברויט אין זאַלץ און געמאַכט הויך די ברכה, פאַרענדיקנדיק מיט אַ זיפץ. דער שמש האָט אים טאַקע דעם ערשטן דערלאַנגט דאָס שיסעלע זופּ. דערנאָך האָט ער יעדן איינגעטיילט. דאָס צעשניטענע ברויטל אויפן טיש איז באַלד נעלם געוואָרן:

— וויפל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז ברויט זאָלט איר אייך אַליין ברענגען? געקעכטס זשאַלעווע איך אייך נישט, אָבער ברויט!? — און צו ליפּסקערן האָט ער געזאָגט. — און דו, יונגער־מאַן, וואָשט דיך נישט? אפשר ביסטו פון יענע, וואָס עסן אומגעוואַשן? זאָל זיין אַזוי, נאַ עס! — האָט ער אים אויך דערלאַנגט אַ שיסעלע מיט געקעכטס און אַ שטיקל ברויט. ליפּסקער האָט עס נישט אָנגערירט.

— עס, עס! — האָט אים געזאָגט זיין באַגלייטער, — דער שמש טיילט אומזיסט עסן אַלע אָרעמע־לייט.

הייסט עס, ער ווערט שוין אויך פאַררעכנט צווישן אָט די. דאַכט זיך, ער קען שוין נישט טיפער פאַלן. ער איז געווען דורכגעפרוירן פון דער נאַכט, מיד און הונגעריק. אַ דערדריקנדיק געפיל האָט אים באַהערשט. ער האָט אָנגעהויבן צו עסן, ס'איז אים געווען דערווידער, אָבער ער האָט דאָך געגעסן מיט גיריקייט און אויסגעשעפּט דאָס שיסעלע גרייפּלעך מיט פאַ־סאָליעס.

דער שמש האָט ביי אים צוגענומען דאָס ליידיקע שיסעלע און אים געפרעגט:

— ווי אַזוי רופט מען אייך?

— ליפּסקער.

— אַוועק איז גרוניע און געקומען איז ליפּסקער. געווען אויך אַזאַ איידעלער יונגער־מאַן, ווי איר. פּלוצעם איז ער איינגעפאַלן, נישט צו וויסן פון וואָס. אַלץ וואָס איך האָב אים געגעבן האָט ער צוריק אויסגעבראָכן. און איין מאָל זאָגט ער צו מיר: — שמש, איך גיי אין שפּיטאָל, נאַט, באַהאַלט מיר דאָס פּעקעלע כתבים. עס וואָלט זיך מיר געוואָלט, אַז דאָס זאָל נישט שטאַרבן צוזאַמען מיט מיר. אפשר וועט איר געפינען אַ מבין

אויף דעם, גיט אים איבער דאָס פּעקעלע, ער וועט שוין וויסן, וואָס צו טאָן דערמיט.

— אָרעמער גרוניע, נעבעך, — דערציילט ליפּסקערס באַגלייטער — ער שטייט מיר פאַר די אויגן, ווי ער פלעגט תמיד זיצן אין יענעם ווינקל און אַריינקוקן אין אַ ביכל אָדער שרייבן. אַ דאָקטאָר האָט ער געוואָלט ווערן און צוגעזאָגט צו היילן קראַנקע אומזיסט. און נאָך עפּעס האָט ער געוואָלט ווערן, יאָ, אַ שרייבער האָט ער געוואָלט ווערן. נו, האָט דער טויט אַלץ פאַרשניטן, דאָס איז דער סוף, וואָס דערוואַרט אונדז אַלע. — האָט פאַר-ענדיקט מיט אַ זיפץ ליפּסקערס בייער פריינט.

ביינאַכט איז ליפּסקער געלעגן אויף דער האַרטער באַנק און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. דער שמש האָט זיך איבערגעדרייט און דערזען ליפּסקערן זיצן אויף דער באַנק.

— לייגסט דיך נישט? קום, לייג זיך אויף גרוניעס אָרט.

ליפּסקער איז געוועזן מיד. ער האָט מער נישט געוואָלט איינזיצן, הגם דער עקל-געפיל האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער זיך דאָך געלייגט אויפן מאַטראַץ, אויף גרוניעס אָרט.

*

ווידער איז ער געזעסן ביים ים. דער ים האָט אים ווי אויסגעלאַכט, אַזש זיך פאַרכליניעט פון שטורמישן געלעכטער. ער איז געזעסן לאַנג און ווי פאַרשטאַרט געקוקט אין איין פונקט.

דער טאָג האָט שוין געדעמערט. ער האָט געקוקט אויף די שפּאַצירנ-דיקע מענטשן, אַלע אַזוינע צופרידענע, גוט אָנגעטוענע. ניין, פאַר אים איז דאָ מער נישטאָ קיין פּלאַץ, ער מוז זיך פון דאַנען אָפּטראָגן, אָפּטראָגן מוז ער זיך, ווי אַמשנעלסטן!

אָט קומט אָן אַ גרופּע יונגע מענטשן, זיי שטיפן און לאַכן. פּלוצעם באַמערקט ער צווישן זיי אַ באַקאַנט פּנים. ער האָט שוין אַ מאָל באַגעגנט דאָס מיידל, ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, פון וואַנעט ער קען זי?

זעט אויס, אויך זי האָט אים דערקאָנט. זי איז געבליבן פאַר אים שטיין און אויסגערופן:

— ליפּסקער! איז דאָס מעגלעך? ווי קומט איר אַהער?

ער שטרענגט אָן זיין זכרון, יאָ דאָס איז דאָך זי, דבורהלע, זי איז ווי העכער און שענער געוואָרן, און ווי אויפגעפּאַסט און עלעגאַנט זי איז! זי איז געווען גערעכט, פון דער אַמאָליקער קליינשטעטלדיקער דבורהלע איז נישט געבליבן קיין שפּור. אַ גרויסשטאָטישע, יונגע שיינע פרוי איז געשטאַנען פאַר אים. ליפּסקער האָט דערפילט אַ שטיקעניש אין האַלדז, עס האָט אים געקרעלט און ער האָט קוים אַרויסגעמורמלט:

— אַנטשולדיקט מיר סעניאָריטאַ, נאָר איך האָב נישט דעם כבוד איך צו קענען!

— ליפּסקער! — איז זי צו אים צו — איר וועט מיך נישט אָפּנאַרן! וואָס איז פון איך געוואָרן?

איר גרופּע האָט זיך געהאַט אַ ביסל דערווייטערט. אַ יונגער־מאַן, וואָס איז געגאַנגען אין איר זייט, האָט זי גערופן:

— דאָריטאַ, וואַמאָס!

זי האָט פון איר האַנט־טאַש אַרויסגענומען אַ וויזיט־קאַרטע:

— דאָ האָט איר מיין טעלעפאָן־נומער, קלינגט מיר אָן!

מעכאַניש האָט ער גענומען דאָס וויזיט־קאַרטל און זיך צוריק אויסגע־דרייט צום ים. נישט אַריינקוקנדיק אין וויזיט־קאַרטל האָט ער עס צעריסן אויף קליינע שטיקלעך און נאָכגעקוקט ווי זיי שפּילן זיך אויפן וואַסער. ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן די באַגעגעניש. ער האָט געוואָלט קלערן פון מאַריאַנען, פון זיין שיינער מאַריאַנען, אָבער דבורהלע האָט זי פאַר־שטעלט. און ווער איז דער יונגער־מאַן ביי איר זייט? אפשר אַ חתן? וואָס אַרט עס אים, זאָל זיין אַ חתן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן צו שפּאַנען איבער די גאַסן. פון וואַנען האָט זיך דאָ פּלוצעם גענומען זיין נייער פריינד? ער איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט וואַקלדיקע טריט.

— איך האָב דאָרשט! — זאָגט ער צו אים מיט אַ פינצטערן בליק: — קום, וועלן מיר טרינקען!

— כע, כע, — האָט יענער געלאַכט און קוים איינגעשטאַנען אויף זיינע פיס: — האָב איך דיר שוין לאַנג געזאָגט: אָדער הענג דיך אויף, אָדער טרינק.

— צום אויפהערנגען האָב איך נאָך צייט, דערווייל קום טרינקען!

פונקט ווי אַ מאָל, ביי מאַריאַנען אין שטוב, איז ער שנעל שיכור געוואָרן.

— וואָס ווילן די ווייבער פון מיר? איך זאָג דיר, איך האָב ליב מאַר־יאַנען, נאָר מאַריאַנען, דבורהלען נישט.

— אין דער ערד אַלע ווייבער, טרינק!

— האָסטו געזען אַן אויספוצן זיך פון אַ קליינשטעטלדיקער מויד? דאָס זוכט זי אַזוי אַ חתן, אַ רייכן חתן זוכט זי.

— אין דר'ערד מיט איר און מיט אירע חתנים! טרינק, ברודער, טרינק!

— איי, ס'איז מיר נישט גוט, הערשל! נישט גוט — האָט ער אים אַרומגענומען און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין אים — עס ווילט זיך מיר נישט לעבן!

— שטאַרבן וועסטו קיין מאָל נישט פאַרשפּעטיקן. טרינק, וועט דיר לייכטער ווערן אויפן האַרצן.

ליפּסקער האָט ווייטער געטרונקען.

— דו מיינסט, אַז מיך, — קלאַפּט ער זיך אין האַרצן, — מיך וואָלט זי נישט גיכער גענומען ווי יענעם?

— וועמען יענעם?

— יענעם, אָט־אָ דעם, מיט וועלכן זי גייט.

— דו דאַרפסט נישט האָבן קיין ווייב, ליפּסקער, פאַר עטלעכע פּעזעס קריגסטו די מציאה.

— זאָלן זיי גיין אַלע אין דר'ערד, הערסט, אַלע, — האָט ליפּסקער שוין נישט געקאָנט רעדן און געפּלאָפּלט מיט דער צונג.

פאַרטאָג האָבן זיי זיך דערשלעפּט „אַהיים”. דער שמש האָט זיי שטיל אויפגעמאַכט די טיר, די באַלעבאָסטע זאָל נישט דערהערן. דערזעענדיק ליפּסקערן אין אַ שיכורן צושטאַנד האָט ער זיך געבייזערט אויף הערשלען:

— אין דיינע דרכים פירסטו אים? האַ?

— ער האָט מיך געפירט. זאָל איך אַזוי לעבן, ער האָט מיך גערופן!

זיי זענען ביידע אַנידערגעפאַלן ווי אונטערגעזעגטע.

ליפּסקער האָט זיך אויפגעכאַפּט דעם אַנדערן טאָג מיט אַ שווערן קאָפּ.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט:

— טיפּער, ליפּסקער, האָסטו שוין נישט געקאָנט פאַלן! וואָס וואַרטסטו, וואָס וואַרטסטו נאָך! אפשר וואַרטסטו, אַז די איצטיקע באַלעבאָסטע זאָל דיך אויך אַרויסוואַרפן, אַ סך פעלט שוין נישט!

ער איז אויפגעשטאַנען, זיך גוט איינגעקוקט אין דעם אָפּגעקראָכענעם שפּיגל: דער אַנצוג פאַרקלעפּט און געקנייטשט, אַ שמוציק העמד, דאָס פּנים מאָגער, פאַרשוואַרצט און שוין צוויי וואָכן נישט ראַזירט, און דערצו דער הוט, דער הוט! דער, וואָס קאָלאָניסטישע פורן האָבן ביים ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען אין קאָלאָניע איבערגעפאָרן, וואָס איז געווען אַן עדות אויף מאַריאַנעס פּראָצעס. און אַצינד זיצט ער אים אויפן קאָפּ, מען דערקענט שוין נישט פון וואָס פאַר אַ קאָליר ער איז, וואָס פאַר אַ פאָרם ער האָט אַ מאָל געהאַט. אַ צעקנייטשטער אַלטער קוואַטש אויפן קאָפּ פון אַ וואַגאַבונד. און דבורהלע האָט אים אָט אַזוי געזען און אים דערקענט, איז טאַקע קיין חידוש נישט, פאַר וואָס איר באַגלייטער האָט זי אַוועקגערופן.

ער האָט אָנגעהויבן ווי עס איז צו פאַרריכטן זיין הילוך. זיך אָפּגע־ראַזירט, זיך איבערגעטאָן, געביטן זיין וועש און זיך דערפילט פרישער.

ווו זאָל ער איצט גיין? ווידער צום ים־ברעג!

פאַרנאַכט איז אָנגעקומען דבורהלע, זי איז געקומען אַליין און שנעל געשפּאַנט:

— איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט נישט אָנקלינגען!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. געקוקט אויף אים מיט פאַרווּנ־דערונג און צאַרטקייט.

— וואָס איז פון אייך געוואָרן, ליפּסקער?

ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זי האָט אָנגענומען זיין האַנט:

— האָט צו מיר צוטרוי, ליפּסקער, ווי צו אַ שוועסטער, ווי צו אַ מאַמע. נו, איר האָט מיר נישט געוואָלט שרייבן, נישט טעלעפאָנירט, איז גוט, איר האָט אַזוי געוואָלט. אָבער איר דאַרפט מיין הילף. ליפּסקער, קוקט אויף מיר, נישט אויפן ים!

ער האָט אַוועקגענומען די אויגן פונעם וואַסער און געקוקט אויף איר. טיף ווי דער ים איז געווען זיין בליק, אַ גרענעצלאָזער טרויער איז געלעגן אין זיי.

זי האָט גערעדט מיט געוויין אין קול:

— אָרעם יינגל, ליפּסקער! עס האָט דאָך אייך געקאָנט גוט זיין.

די אויגן האָבן אים געברענט, אָבער קיין טרערן האָבן זיי נישט אַרויס־געבראַכט. ער איז געזעסן, ווי פאַרשטיינערט.

— ליפּסקער, דאָס האָט זי אייך געבראַכט צו דעם צושטאַנד?

ער האָט זיך צו איר אויסגעדרייט מיט בייזקייט, זאָל ער ווידער פאַר־לייקענען? ניין, שוין צו שפּעט, אָבער, יעדנפאַלס, זאָל זי זיך נישט מישן אין זיינע געשעפטן!

— סעניאָריטאַ, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, נישט איך קען אייך, נישט איך דאַרף האָבן אייער הילף. מישט אייך נישט אין זאַכן, וואָס גייען אייך נישט אָן!

— ווען איך וואָלט אייך נישט געטראָפן אַזאַ אומגליקלעכן, וואָלט איך מיך געפילט באַליידיקט און אַוועקגעגאַנגען. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב זי דערמאָנט. איך האָב פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַן אָפּמאַך פון איר נישט צו רעדן.

ער האָט געקוקט מיט אַ פינצטערן בליק אויפן ים.

— ליפּסקער, קומט פון דאַנען, קומט! — האָט זי אים געשלעפּט ביי דער האַנט.

— גיי אַוועק! גיי אַוועק פון מיר! — האָט ער ווילד געדרייט מיטן קאָפּ.

— ליפּסקער! איך וועל שרייען! איך וויל רופן אַ פּאָליציאַנט!

— וואָס ווילסטו פון מיר! — האָט ער שווער געאָטעמט און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

— קום מיט מיר!

— ניין!

— איך וועל רופן אַ פּאָליציאַנט! איך וועל מאַכן אַ געוואַלד.

ער האָט לסוף נאָכגעגעבן. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און זיך מיט אים געלאָזט גיין.

— וווהין פירסטו מיך? — האָט ער שוואַך געפרעגט.

— צו מיין פעטער. האָסט גוט געטאָן וואָס דו האָסט דיך אָפּגעראַזירט און אַרומגעוואַשן. נעם דיך צוזאַמען און זיי ביי דיר נישט געפאַלן. דער

פעטער דאַרף גאָרנישט באַמערקן. און דער הוט — זי האָט אַראָפּגענומען ליפּסקערס אומגליקלעכן הוט פון זיין קאָפּ און אים געגעבן אַ וואָרף צום ים. ליפּסקער האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער שאָקלט זיך אויף די כוואַליעס:

— וואָס האָסטו געטאָן מיט מיין הוט?

זי האָט אים אָנגענומען מוטערלעך ביים אָרעם:

— ער זאָל פאַר דיר זיין אַ שיינע און ריינע כפרה!

דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען אַ קעמעלע און אים פאַרקעמט זיינע האָר. זי האָט אַ גליקלעכן שמייכל געטאָן:

— אַזוי זענט איר צוריק מיין אַמאָליקער פריינד!

ליפּסקער, באַפרייט פון דעם צעקנאָדערטן הוט אויפן קאָפּ, איז עפּעס ווי באַפרייט געוואָרן פון אַ שווערער לאַסט.

דבורהלעס פעטער האָט געוווינט אין אַ קליינער, אָבער געמיטלעכער דירה פון דריי צימערן, און אַן אויבערשט צימערל.

טיאָ, (פעטער) — איז דבורהלע צו צו אים, דאָ האָב איך דיר געבראַכט ליפּסקערן.

דער פעטער האָט געגעבן ליפּסקערן די האַנט און געשמייכלט:

— דאָס זענט איר דער ליפּסקער, וואָס מיין דאָריטאַ האַלט אין איין רעדן פון אייך?

— טיאָ, — האָט דבורהלע שנעל געזאָגט: — ליפּסקער זוכט אַ צימער, ער וואָלט געקאָנט וווינען ביי אונדז אין קליינעם צימערל אויף דער אַלטאַנקע.

— אַז דו זאָגסט, קען אַוודאי זיין אַזוי, — האָט דער ייד נישט אויפ־געהערט צו שמייכלען.

ליפּסקער האָט זיך אומגעקוקט, ווי אַ געפאַנגענע חיה, וואָס זוכט ווי אַזוי צו אַנטלויפן. דבורהלע האָט עס באַמערקט און אים אָנגענומען ביים אָרעם:

— קומט, וועל איך אייך ווייזן אייער צימער!

זיי זענען אַרויפגעגאַנגען, דאָס צימער איז געווען ריין אויפגערוימט.

— וואָס טוסטו מיט מיר? — האָט ליפּסקער נאָך אַלץ פּראָטעסטירט.

— איך וועל דאָ נישט בלייבן.

— איך האָב די דעה און נישט דו. דו האָסט צו שווייגן און מיר צו פאָלגן. אַצינד וועל איך דיר צוגרייטן אַ וואַנע, וועסט דיך אויסבאָדן, אָפּעסן און גיין שלאָפן.

— דבורהלע!

זי האָט אים געגעבן אַ גלעט איבער דער באַק:

— זיי אַ גוט ייִנגל און פאָלג!

ער איז געווען צו מיד און צו פיל צעבראָכן אויף צו פּראָטעסטירן. זי איז אַרויס צוצוגרייטן די וואַנע און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, גענומען דעם קאָפּ אין די הענט. וואָס טוט מען? וואָס וועט איצט זיין? אַ וואַרעם געפיל האָט אים אַרומגענומען, ווי איינער וואָס קומט נאָך אַ שווערער רייזע אַהיים. אָבער דאָס טאָר נישט זיין, דאָס קען נישט זיין!

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג. דבורהלעס פעטער און מומע זענען געווען קינדערלאָזע מענטשן און דבורהלען האָבן זיי ליב באַקומען ווי אַן אייגענע טאָכטער. זיי האָבן ליפּסקערן גאָרנישט געפרעגט און גאָר־נישט געזאָגט. אָפּט, ווען ליפּסקער פלעגט אַריינפאַלן אין זיינע געדריקטע שטימונגען און געזעסן ווי אַ נישט־דאָיקער צווישן זיי, האָט אים דער פעטער זייטיק באַטראַכט, און דבורהלע, דאָס אויפכאַפּנדיק, האָט פאַרזיכטיק צוריק אַריינגעצויגן ליפּסקערן אין אַ שמועס. ליפּסקער איז לאַנגזאַם צו זיך געקומען, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקהייט. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז קיין תכלית איז עס נישט. ער טאָר דאָ נישט בלייבן. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון דבורהלען און ווידער געשלודערט איבער די גאַסן, געזעסן ביים ים, און זי איז נאָכגעגאַנגען ווי אַ געטרייע מאַמע, זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט, גענומען זיין האַנט אין אירער, זי געגלעט, און מער ווי איר האַנט, האָט געגלעט איר קול.

— פאַר וואָס האָסטו מיך אויפגעהויבן פון דער גאַס און געבראַכט אין דיין שטוב?

— דו ווייסט עס אפשר אַליין...

— איך בין נישט פאַר דיר, דבורהלע.

— איך ווייס, דו האָסט מיך נישט ליב.

— נישט דאָס מיין איך. און דו קענסט נישט ווּסן... אָבער דו ביסט

ווערט אַ בעסערן מאַן פון מיר. אַ מאַן, וועלכער וועט דיר געבן אַ גוטע צוקונפט, וועלכער האָט אַ פאַרזיכערטע פרנסה.

זי האָט געמאַכט מיטן קאָפּ אויף ניין און געקוקט אויף אים מיט פאַר־טרערנטע אויגן. זי האָט אַ ווייל געשוויגן און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— און דו, ליפּסקער, וואָס וועסטו טאָן?

— מיך לאָז גיין מיין וועג.

— אויף דעם וועג, פון וועלכן איך האָב דיך געפּרוּווט אַרויסשלעפּן?

ער האָט נישט געענטפערט.

— ליפּסקער, דו שטייסט פאַר אַן אָפּגרונט! — ער האָט געשוויגן און זי האָט וויטער גערעדט — דיר פעלט די פרייד פון לעבן. די פרייד באַ־שטייט נישט פונקט אין רייכקייט און ווילקייט. ווען דו גייסט אַרויס אויף דער גאַס, זעסט דעם זוניקן טאָג, אָטעמסט די פרישע לופט און דו גייסט צו דער אַרבעט, אָבער דו האָסט אַ ציל אין לעבן, האָסט דיין היים, דיין פרוי און קינד און פאַר זיי אַרבעטסטו. איז דאָס נישט די פרייד פון דעם לעבן?

— איך בין שוין מיד פון דעם לעבן.

— הם — האָט זי אַ לאַך געטאָן — נאָך איידער דו הייבסט אָן צו לעבן? רעד נישט קיין נאַרישקייטן. קום אַהיים. זי האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם און געפירט אַהיים.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט איז צו אים אַרויפגעקומען דער באַלעבאָס, דבורהלעס פעטער. נאָכן אַרומרעדן אַ ביסל פּאָליטיק און היימישע, שטאָ־טישע ענינים, איז ער איבערגעגאַנגען צום עיקר:

„ער מיינט, ער ווייסט, דבורהלע איז ביי אים פאַררעכנט פאַר אַן אייגן קינד. קיין נדן האָט ער איר נישט צו געבן, אָבער אויסשטאַטן איר אַ שיינע דירה און מאַכן איר אַ פיינעם אויסשטייער, דאָס וועט ער יאָ. קיין שידוכים פעלן נישט. ווי ער האָט זי נאָר געבראַכט פון דער פּראָווינץ אַהער, האָט מען אים אָנגעבאָטן גאַנץ פיינע שידוכים, זי האָט אָבער געקליבן, געזוכט. ענדלעך האָט עס שוין געהאַלטן ביי אַ שידוך מיט זיינעם אַ קרוב, אַ ווויל יינגל, אַ גוטער פאַרדינער, זי פלעגט שוין מיט אים אַרויס־גיין. נו, זענט איר פלוצעם אָנגעקומען. ער וויל זיך נישט מישן, זי וויל

איך, זאָל זיין איך. אָבער ער וויל וויסן, מיט וואָס ליפּסקער באַשעפטיקט זיך, אפשר האָט ער נישט קיין סטאַבילע באַשעפטיקונג, וועט ער אים מאַכן פאַר אַ קוועַנטעניק".

— ניין, ניין! — האָט ליפּסקער זיך געגעבן אַ וואָרף.

— וואָס זשע דען? מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט ביז אַהער?

— איך בין געווען אַ לערער.

— זאָל זיין אַ לערער. דאָס איז אויך אַ פּרנסה. לערערס לעבן זיך גאַנץ פיין. אויב ער וויל, וועט ער רעדן מיט דער שול־קאָמיסיע און אים אויסזוכן אַ גאַנץ גוטע שטעלע, ווייל לערערס פעלן אויס.

ליפּסקער איז אומרויִק געוואָרן:

— ניין, וואַרט נאָך אויס אַ פּאָר טעג, ביז איך וועל אייך געבן אַ תשובה.

ווען דער פעטער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט אויף דער גאַס. אין דער שטילער נאַכט האָט זיך נאָך שטאַרקער דערטראָגן דאָס רוישן פונעם ים. אַהין האָט עס אים געצויגן. ווען ער האָט דערזען די אומענדלעכע ווייטקייט פונעם ים, האָט ער אַ צופרידענער אַ שמייכל געטאָן. מיליאָסן שטערן האָבן זיך געטונקען אינעם וואַסער. לייכט האָבן זיך געוויגט די כוואַליעס. פון דער נאָענטקייט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער די ליכטער פון שטאָט. ליפּסקערן האָט זיך געדאַכט, אַז נישט זיכער איז דער באָדן אונטער זיינע פיס, זיכער און פעסט איז דער אייביקער ים. אַנטקעגנאיבער האָט געפינקלט די שטאָט אין טויזנטער פאַרבן. שיין איז די שטאָט, אָבער מען ווייסט נישט, וואָס פאַר אַן אומגליקן שטעקן אונטער דעם גלאַנץ. אַ צו שווערע דערפאַרונג האָט ער געהאַט אין שטאָט. אפשר זאָל ער צוריק ווערן אַ לערער? ער זעט זיך פאַרמאַכט אַ גאַנצן טאָג אין שול. די קינדער זענען קאַפּריזנע, עס איז שווער מיט זיי צו לערנען און נאָך שווערער איז אויסצוקומען מיט זייערע טאַטעס. און אין דער היים וועט וואַרטן אויף אים דבורהלע. זי וועט זיין אַ גוטע באַלעבאָסטע, אַ געטרייע ווייב, אָבער עס איז נישט מאַריאַנע, צוליב מאַריאַנען וואָלט געווען כדאי צו אַרבעטן, אַפילו צו ליידן, איר איין אַרומנעמען אים מיט אירע ווייכע אָרעמס וואָלט אים פאַרגיטיקט פאַר אַלץ.

„און איז דיר איבערדריסיק דיין לעבן, וואַרף עס נישט אַוועק

ווי אַ אומנייטיקע זאַך, נאָר פאַרוועגנד עס פאַר אַ וויכטיקן צוועק"...

אַ שיף איז פאַרבייגעשוווּמען. רויק און מאַיעסטעטיש האָט זי זיך געגליטשט איבער דער אויבערפלאַך פונעם וואַסער. אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען אין ליפסקערן, ער האָט פאַרשטאַנען דעם רוף פונעם ים — נישט אין מיר צו רוען רוף איך דיר, נאָר איבער מיר צו רייזן! ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַרויקטער און אַנטשלאָסענער.

אויף צו מאָרגנס איז ער אַוועק און זיך געמאָלדן אַלס פרייוויליקער אין דער אַרמיי פון די אַליאירטע, צו קעמפן קעגן היטלערס חיילות, קעגן דייטשלאַנד, די גרעסטע שונאים פון זיין פאָלק.

דבורהלע האָט געוווּסט, אַז דער פעטער האָט גערעדט מיט ליפסקערן און באַמערקט, אַז ער איז ערגעץ אַוועק. זי האָט עפּעס ווי פאַרויסגעפילט און געוווען דערשלאָגן.

ליפסקער איז צוריקגעקומען אַ שוויגנדיקער. ער איז געקומען זיך געזעגענען. זי האָט אים דערלאַנגט צוויי בריוו.

— אָ, האָט ער איבערראַשט אויסגערופן — בריוו פון קאָלאָניע!

איינער איז געווען פאַר אים פון דער שול־קאָמיסיע און דער צווייטער פאַר דבורהלען, פון בעטי לאַנדער.

— ווי אַזוי וויסן זיי, אַז איך בין דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב געשריבן צו בעטין, האָב איך אויך אייך דערמאָנט.

ליפסקער האָט געעפנט דעם בריוו. די שול־פאַרוואַלטונג האָט געהאַט טענות, פאַר וואָס ער איז אַוועק אָן אַ זיי־געזונט, אָבער זיי זענען אים מוחל און מען לייגט אים צו אַ טשעק — זיין געהאַלט.

— אָ, — האָט ליפסקער אַ דערפרייטער אויסגערופן — איך האָב מיך גאָרנישט געריכט זיי זאָלן מיר אָפּשיקן דאָס געלט. נו, וועל איך שוין קענען באַצאָלן אייך פאַר קוואַרטיר. נו, דבורהלע, וואָס שרייבט מען דיר?

— לייענט, — האָט זי אים געגעבן דעם בריוו.

ס'איז געווען אַ לאַנגער בריוו. בעטי האָט באַשריבן, וואָס אַלץ עס האָט זיך פאַרלאָפן אין קאָלאָניע. כאָטש דער בריוו איז געווען אַדרעסירט צו דבורהלען, האָט אָבער ליפסקער געפילט אַז דאָס געשריבענע איז פאַר אים...

„אין קאָלאָניע הערשט שלום. אין קאָאָפּעראַטיוו האָט מען אויסגעוויילט

אַ נייע לייטונג. די איק״אַ האָט צוגעזאָגט די קאָלאָניסטן צו געבן מער פעלד און דעם נישט־גוטן באָדן פאַרבייטן אויף בעסערן. דאָס האָט אַ סך קאָלאָניסטן באַוויגן ווייטער צו פאַרבלייבן אויף די פעלדער. מיט מאַר־יאַנען האָט די קאָלאָניע זיך איבערגעבעטן. איר מאַן באַאַרבעט דאָס פעלד. מאַריאַנע קומט אָפט צו בעטין, זי איז געוואָרן איר בעסטע חברטע און האָט איר פאַרטרויט אַ סוד אַז זי שוואַנגערט... זי, בעטי אַליין, ווערט אין קורצן אַ כלה פאַר שלמה יאַנקלס זון און וועט פאַרבלייבן אין קאָלאָניע. דאָס וועלן אַרויספאָרן קיין בוענאָס איירעס איז נאָר געווען אַ פוסטער חלום. זי איז דאָרטן געווען עטלעכע וואָכן און זי האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס גליק פאַר איר איז נאָר אין קאָלאָניע. ליפּסקערס אַנטלויפן האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, נאָר מען איז אים מוחל, מען אָנערקענט זיין געטרייע אַרבעט פאַר דער שול. הייַנט האָבן זיי, ווי זיי האָבן געוואָלט, אַ פאַרהייראַטן לערער מיט אַ פרוי און צוויי קינדער...

ליפּסקער האָט אויפגעהויבן די אויגן פונעם בריוו און זיך פאַרטראַכט. ער זעט די קאָלאָניע, די שיינע פאַרנאַכטן, מאַריאַנען... אַ שיינער פאַר־גאַנגענער טאָג, וועלכער וועט זיך קיין מאָל מער נישט אומקערן! ווו ער וועט גיין, וועט ער מיטנעמען די שיינע פאַרנאַכטן פונעם פעלד... ער זעט מאַריאַנען זיצן איינגעבויגן, זי שטריקט עפּעס פאַר דעם, וואָס וועט קומען און דאַרף אויספולן די פוסטקייט אין איר לעבן. און אפשר קלערט זי אויך פון אים, דעם מאַן, וועלכער האָט אויפגערירט איר לעבן, אויפגעשטורעמט אירע געפילן און אַוועק, אַוועק! זיך נישט אומגעקערט מער! אירע האָר וועלן זיך דורכציען מיט זילבער־פעדעם, אַרום די שיינע אויגן וועלן זיך לייגן קנייטשן און זי, אַ רעזיגנירטע, וועט זיך עלטערן פאַר דער צייט, ווי אַ סך אַנדערע פרויען... מאַריאַנע...

...אַ פאַרנאַכט, אין אַ פאַרכשופטן ראָזעווען ליכט איז איינגעטונקט די געגנט, מאַריאַנע שטייט אויף דער שוועל און גלעט איר הונט. זי קוקט אויף אים און שמייכלט... מאַריאַנע...

און אָט זעט ער ווי זי זיצט אויפן שוועל, דאָס ברייטע קלייד פאַרדעקט איר די פיס ביז צו די שפּיץ פינגער. אויפן שויס אַ ווייס לעמעלע, וואָס זי גיט אים צו טרינקען פון אַ זויג־פלעשל...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און נערוועז געשפּאַנט איבערן צימער. דבורהלע האָט אים טרויעריק נאָכגעקוקט. דריי פרויען האָבן אים געליבט, זי, בעטי און מאַריאַנע, אָבער ער האָט נאָר ליב מאַריאַנען.

— נו, וואָס זאָגט איר, ליפּסקער, צו די בריוו? — האָט זי איבערגע־ריסן דאָס שווייגן.

ליפּסקער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט.

— איך זאָג, אַז באַראָן הירשס יורשים זענען ווערט די ירושה, וואָס דער גרויסער פילאַנטראָפּ האָט זיי איבערגעלאָזט. און ווער עס איז איין מאָל געווען אין קאָלאָניע און געקומען מיט זיי אין קאָנטאַקט, דער וועט זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך לעבן איר אָוועקגעזעצט.

— דבורהלע, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

— יאָ.

— אפשר דערוואַרטסטו עפּעס אַנדערש, אָבער...

— איך דערוואַרט נישט גאָרנישט, — האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איז גוט, דבורהלע, ווייל היינט, ווען די וועלט שטייט אין פלאַמען, איז נישט די צייט אויף חתונה צו האָבן.

— יאָ, האָט זי רעזיגנירט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דבורהלע, איך בין דיר אַזוי פיל שולדיק, איך האָב דיר צו פאַר־דאַנקען מיין לעבן. דו האָסט מיך צוריקגעפירט פון אַ שוואַרצן אָפּגרונט, אין וועלכן כ'בין געזונקען.

— דו ביסט מיר גאָרנישט שולדיק! — האָט זי געקוקט אויף אים מיט פאַרטרערטע אויגן.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט:

— דבורהלע, איך בין געקומען זיך מיט דיר געזעגענען, איך גיי אין דער אַרמיי.

זי האָט פאַרביסן די ליפּן, נישט אויסצוברעכן אין אַ געוויין, זיך באַ־הערשט און שטיל געזאָגט: — אויב דו ווילסט, וועל איך אויף דיר וואַרטן.

— ניין, ניין, איינע האָט שוין אויף מיר געוואַרט און עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. דו זאָלסט אויף מיר נישט וואַרטן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצטער:

— ווען פאָרסטו?

— מאָרגן גייט אָפּ די שיף.

*

אַ גרויסע, מאַסיווע שיף מיט דריי קוימענס און אַ פאַרשמאָלטן שפּיץ, ווי אַן אָדלער־שנאָבל, האָט געהאַלטן אין אָפּשווימען. עס האָט זיך דערהערט דער דריטער סירענע־געוואָי, און די שיף האָט גערירט.

ליפּסקער איז געשטאַנען אויפן דעק און געקוקט ווייט פאַר זיך. דבורהלע איז געשטאַנען לעבן איר קרוב, וואָס וועט מסתמא ווערן איר חתן. זי האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון ליפּסקערן.

— דבורהלע, — האָט ער זיך פּלוצעם דערמאָנט און אויפגעהויבן זיין קול, כדי זי זאָל דערהערן: — שרייב צו בעטין אין קאַלאַניע און גיב זיי איבער מיין לעצטן זיי־געזונט און זאָג זיי, אַז איך לאָז זיי אַלע, אַלע האַרציק גריסן!

— שרייב צו בעטין אין קאַלאַניע און גיב זיי איבער מיין לעצטן זיי־געזונט און זאָג זיי, אַז איך לאָז זיי אַלע, אַלע האַרציק גריסן!

— איך וועל זיי שרייבן! — האָט געענטפערט דבורהלע און זיך צע־וויינט. זי האָט אַרויסגענומען איר טיכעלע און געשלוכצט אין אים.

די שיף האָט זיך דערווייטערט פון ברעג. ליפּסקער דערקענט שוין קוים די מענטשן. די שטאָט פאַרשווינדט צו ביסלעך פון זיינע אויגן און דער אומענדלעכער ים טויכט פאַר אים אויף. שטיל ליגט דער ים, קיין איינציק ווינטל באַוועגט נישט די כוואַליעס, די פאַרגייענדיקע זון שפּיגלט זיך אָפּ אין טויזנטער פאַרבן, און ווייסע מעוועס באַגלייטן אַרויס די שיף.

דער גלאָק האָט גערופן צום אָוונטברויט, און ליפּסקער איז אַוועק פונעם דעק, אַנטקעגן זיין נייעם לעבן.